STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09185

ANUSIM IN DER NATSI-TKUFE

S. Polakiewicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמחה פּאָליאַקעוויטש

אַנוסים אין דער נאַצי־תּקופה



שמחה פּאָליאַקעוויטש
(1986 — 1908)

שמחה פּאָליאַקעוויטש

אַנוסים אין דער נאַצי־תּקופֿה

פּוילישע ייִדן אויף דער אַרישער זײַט

ה. לייוויק ־ פֿאַרלאַג
בײַם פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

Simha Poliakiewicz
ANUSIM IN DER NAZI-TKUFE

H. Leivik Publishing House
30 Dov Hoz Str., Tel-Aviv, 63416, Israel

ה. לייוויק־פאַרלאַג
רח' דב הוז 30, תל־אביב, 63416

יוצא בסיוע
קרן עמו"ס, ירושלים
קרן אדית וישראל פולק

©
כל הזכויות שמורות ליורשי המחבר
נדפס בישראל, תשמ"ח
Printed in Israel, 1988

דפוס „אורלי", תל־אביב

מיין שוועסטער **ה ע נ י ע** —
די העלדין פון
„סטאַשיאַ, איינע פון די אַנוסים",
עולה געווען מיט איר משפחה
פון מאָנטעווידעאָ,

מיט ליבשאַפט —

ד ע ר מ ח ב ר

שׂמחה פּאָליאַקעוויטש ז״ל

דעם 29סטן דעצעמבער 1986 איז נאָך אַ האַרצאַטאַק אַוועק פֿון דער וועלט דער שרייבער **שׂמחה פּאָליאַקעוויטש.** פילנדיק אַז ער שטאַרבט, האָט ער אָנגעזאָגט זיינע אייגענע אַרויסצוגעבן דאָס בוך, וואָס זיין כּתב־יד האָט ער פאַרענדיקט צוגרייטן. מיטן אַרויסגעבן צו דער ערשטער יאָרצייט פונעם ניפטר דאָס בוך „אַנוסים אין דער נאַצי־תּקופה" איז שׂמחה פּאָליאַקעוויטשעס אַלמנה, שושנה, מקיים זיין אויבן געבראַכטע צוואה.

דער איציק מאַנגער־קולטורקלוב אין תּל־אָביב, וועמענס פּאָרזיצער שמחה פּאָליאַקעוויטש איז געווען די לעצטע יאָרן, האָט אָנערקענענדיק די קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פונעם ניפטר, מיטגעהאָלפן אַרויס־צוגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

*

שׂמחה פּאָליאַקעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1908, אין דראָהיטשין, פּוילן. ביזן עלטער פון 15 יאָר געלעבט אין אַ דאָרף ביי סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסק, אין דער געגנט פון טרעבלינקע. דערנאָך — אין וואַרשע. זיינע ערשטע דערציילונגען „דאָרפישע מאָטיוון" האָט ער גע־דרוקט אין דער וואַרשעווער „פּאָלקס־צייטונג". פּרעמירט געוואָרן פאַר אַ דערציילונג.

ביים אויסבראָך פון צווייטן וועלטקריג געוווינט אין לאָדזש. אין 1941 געקומען אין סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסק. געווען פאַרשפּאַרט אין דער דאָר־טיקער געטאָ און בעתן ליקווידירן זי — פאַרשלעפּט געוואָרן קיין טרעבלינקע. וויסנדיק וואָס דאָס באַטייט, האָט ער גענומען זיין גורל אין די הענט. אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ וואַגאָן מיט זאַכן פון די ייִדישע קרבנות, וואָס האָט געזאָלט אָפּגיין קיין דייטשלאַנד, און זיך באַהאַלטן אין אים. אָפּגעפּאָרן עטלעכע צענדליק קילאָמעטערס און געשפּרונגען פון וואַגאָן. אַ פאַרוווּנדיקטער, האָט ער באַקומען אַ מקום־מיקלט ביי אַ פּוילישער משפּחה אין סאָקאָלאָוו, וואָס האָט אים באַזאָרגט מיט אַן „אַרישן" דאָקומענט. פּאָליאַקעוויטש האָט גוט גערעדט פּויליש, פאַרלאָזן זיך וואָנצעס און ניט אויסגעזען ווי קיין ייִד. אין אַט דער פרעמדער הויט וואָגלט ער אַרום, ביז ער ווערט פאַרשלעפּט, ווי אַ פּאָליאַק, אויף צוואַנגאַרבעט אין דייטשלאַנד, אין די וועסטפּאַלישע קוילן־גרובן. באַפּרייט

געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אין סעפּטעמבער 1945 איז פּאַליאַקעוויטש שוין געווען אויף דער ישראַלדיקער ערד. אַנטייל גענומען ווי אַן אַרטילעריסט אין דער באַפרייונגס־מלחמה. געדרוקט דערציילונגען פון מיליטער אין מ. צאַנינס „אילוסטרירטע בלעטער" און „לעצטע נייעס". אָבער די איבערלעבונגען פון דער חורבן־תּקופה האָבן אים ניט געלאָזט רוען און באַוויזן צו פאַרפיקסירן זיי אויפן פּאַפּיר.

צו ערשט איז אַרויס זײַן בוך „אַ טאָג אין טרעבלינקע" (וועגן זיין אַריינפאַלן און אַנטלויפן פון יענעם גיהנום), דערנאָך איינס נאָכן אַנדערן — „אין שאָטן פון טרעבלינקע" (וועגן חורבן־סאָקאָלאָוו), „אין אַ פרעמדער הויט" (וועגן פּאַליאַקעוויטשעס אַרומוואָגלען אין פּוילן אויף דער אַרישער זײַט) און „טעג אָן ליכט" (וועגן זיינע איבערלעבונגען אין די קוילן־גרובן). דאָס דאָזיקע בוך איז פּרעמירט געוואָרן מיטן דיאַנאַ בלומענפעלד־פּרײַז. נאָך דעם איז געקומען זיין בוך „אין פּוילישן דזשונגל", ווידער וועגן גורל פון ייִדן, בעיקר זיינע משפּחה־מיטגלידער, וואָס פּרוּוון זיך ראַטעווען בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע אין וועלדער און אויף דער אַרישער זייט. און דערנאָך — דער ראָמאַן פון לעבן אין ישראל „דער מידבר פאַרשווינדט", און אין 1985 — „בײַם אויסגעברענטן שייטער", דאָס לעצטע בוך וואָס האָט דערזען די שיין ביים לעבן פון מחבר. דאָס בוך „אַנוסים אין דער נאַצי־תּקופה" איז איצט אַרויס, ווי אויבן באַטאָנט, צו דער ערשטער יאָרצייט פונעם מחבר. די דאָזיקעביידע ביכער דערציילן וועגן פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן, פאַרשטעלטע פאַר פּאָליאַקן, זיך געראַנגלט פאַרן נאַקעטן לעבן אויף דער אַזוי גע־רופענער אַרישער זײַט.

דער מקור פון ש. פּאַליאַקעוויטשעס שרייבערישער שאַפערישקייט זענען זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע פון פּוילן. די פּאַרלויפענישן, די סביבה און די מענטשן וואָס ער מאָלט זענען אַדעקוואַט דעם לעבן, קאָנקרעט און נישט גע־קינצלט. דער לייענער גלייבט אים, דערזעט און פאַרשטייט די טיפע טראַגעדיע, די גבורה און דערהויבנקייט פון אַ גאַנצן דור ייִדן, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט דער נאַצישער חיה־רעה. דאָס אַלץ דערהויבט פּאַליאַקעוויטשעס ביכער צו אויטענטישע דאָקומענטן פון היסטאָרישן ווערט און באַטײַט, ביכער וואָס באַרייכערן די ליטעראַטור וועגן דער חורבן־תּקופה. און פאַר דעם טאָקע איז ש. פּאַליאַקעוויטש באַלוינט געוואָרן מיטן ד"ר מ. דוואָרזשעצקי־פּרייז, מיטן רובינליכט־פּרייז און אַנדערע בכבודיקע ליטעראַטור־פּרייזן.

סטאַשיאַ, איינע פון די אַנוסים

איז עס טאַקע דאָס פרידלעכע דאָרף ווו זי, העניע, איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן ? דאָס דאָרף מיט די רחבותדיקע פעלדער, לאַנקעס, סעדער, פון וואַנען זי האָט מיטגענומען אירע בענקשאַפטן צו גרינע בערג און טאָלן, צום שטילן גערויש פון ביימער, צום אויפבלי פון פעלדער, צו רייף געוואָרענע פירות, צום ריח פון בלומען מיט וואָס די קאָלירפולע דאָרפישע פייזאַשן האָבן אין איר די געפילן פאַרפלאַנצט און פאַראייגנט ?

די אַ מחשבות זענען העניען אויפגעקומען ווען זי, שוין אַן איבערגעטאָנענע ווי אַ דאָרפיש שיקסל מיטן אַרישן דאָקומענט און מיט איר נייעם נאָמען — סטאַשיאַ יוזשוויאַק, איז שוין גרייט געווען זיך לאָזן פירן איבער ווייטע און פרעמדע וועגן.

געווען איז עס נאָך אַ לאַנגער שלאָפלאָזער נאַכט, אויף אַ בוידעם מיט היי. די ערשטע טריט אינעם פאַרענדערטן לעבן האָבן אויף איר אָנגעיאָגט אומעטיקע מחשבות, אָבער זי איז גרייט געווען אויפנעמען אַלץ אַזוי, ווי דער גורל וועט פאַר איר באַשטימען.

אויסגעווייקטע פונעם רעגן, זענען די כאַטעס געשטאַנען נאָך דער פאַרגאַנגענער נאַכט. אין דער פאַרטאָגיקער דאָרפישער שטיל־קייט האָט שאַרפער אָפגעהילכט דאָס רוישן פונעם ווינט צווישן די ביימער ביים ראַנד פונעם בלאָטיקן וועג.

ראַדאָמסקי האָט פאַרריסן דאָס פנים צום הימל, זיך איינגעקוקט אין די שיטער־געוואָרענע כמאַרעס, וואָס האָבן זיך געיאָגט איבער די דעכער פון זיינע שייערן. ביים ערשטן שפראָץ אויף טאָג האָט ער איינגעשפאַנט דאָס פערד אין וואָגן, אַרויפגעצויגן אויף זיך די בורקע מיטן שפיציקן קאַפּטור אויפן קאָפּ און צוזאַמען מיט העניען

זיך אָוועקגעזעצט אויפֿן שטרויענעם געזעס. דער וואָגן איז אָוועק איבערן דאָרפֿישן וועג צום שאָסיי, וואָס האָט געפֿירט אין שטעטל אַריין צו דער באַן.

אַרומגענומען מיט אַ דיקער פּאַטשיילע האָט העניע אויסגעזען ווי דעם פּויערס ווייב, וואָס פֿאָרט מיט אים צום מאַרקטאָג אין שטעטל. קיינער וואָלט זיך נישט אָנגעשטויסן, אַז פֿון דעם דאָרפֿישן טוך קוקן אַרויס אַ פּאָר ייִדישע אויגן, וואָס וואַרפֿן די לעצטע בליקן צום וואַלד הינטערן דאָרף, ווו עס זענען אויסגעבאַהאַלטן אירע פֿיר ברידער. דאָס פֿערד איז פֿאַרבייגעלאָפֿן די הייזלעך פֿון אירע אַמאָליקע ייִדישע שכנים: משה דן מיט זיינע זין, די ייִדישע פּויערים און קיהענדלער, אברהם-מענדל, דער ייִדישער וואַלדוועכטער. אָט איז דער רויט-געפֿאַרבטער גאַניק פֿון ייִדישן גוט-באַזיצער אשר לאַזעווער, און אָט איז דאָס נידעריקע שטיבל מיטן שטרויענעם דאַך, אונטער וועלכן זי, העניע, איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. דאָס דאָרף איז שוין געווען ווייט הינטער איר, אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען פֿאַרזונקען אין די בילדער פֿון דעם אַמאָליקן לעבן אין די ייִדישע הייזקעס און אויף די ייִדישע פֿעלדער. זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ קאָשמאַר, ווען די רעדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן וואָקזאַל.

העניע איז אין גאַנצן געקומען צו זיך ווען זי איז אַראָפּ פֿונעם וואָגן און דערזען, אַז דאָס לעבן גייט ווייטער. איר געפֿיל, אַז זי איז אויף אייביק געוואָרן אָפּגעשניטן פֿון דער וועלט, איז פֿאַרשוווּנדן צווישן די מענטשן מיט די פּעק און זעק, וואָס האָבן געגערעדט, געלאַכט און געזאָרגט פֿאַר זייער באַקוועמלעכקייט. דאָס, וואָס האָט ביז איצט זי אָנגעפֿילט, האָט העניע געמוזט אַרויסרייסן פֿון זיך, אָוועקוואַרפֿן, ווי אַן אָפּגעשניטענעם אבר און גיין פֿאָרויס מיטן פֿרעמדן לעבן, אין וועלכן זי האָט געשטעלט די ערשטע טריט ביי דער באַנסטאַציע. ראַדאָמסקי האָט צו איר אַ פֿינטל געטאָן מיטן אויג און איז פֿאַרשוווּנדן מיט זיין פֿערד-און-וואָגן.

אויפֿן קליינשטעטלדיקן וואָקזאַל האָט זיך געטומלט פֿון די

שמוגלערס, וואָס זענען אָנגעפּאָרן פון די אַרומיקע דערפער. זיי זענען געווען באַהאָנגען מיט רעגנצלעך און פאַרשנורעוועטע זעק. די לופט איז פול געווען מיט רויך פון היימישן טאַבאַק. העניע האָט זיך אויסגעמישט מיט די פּאַסאַזשירן און אָנגעהויבן זוכן אין דעם פאַרשטאָפּטן וואַקזאַל אַ וועג, ווי אַזוי זיך צוצוקריגן צום פענצטערל פון דער קאַסע. אַ בלאָנדער אויסגעפּוצטער שגץ האָט איר פריי־געמאַכט דעם וועג און דערביי נישט אַראָפּגענומען זיין בליק פון איר שיינער פיגור און פון איר העל אָפן פּנים מיטן פאַררייסענעם קורצן נעזל און די בלויע אויגן. העניע האָט היינטער זיך דערהערט אַ ווויליונגערישן פייף און זיך אומגעקוקט.

— ועמען זוכט אַזאַ שיינקייט? אפשר מיך? — האָט דער בלאָנדער שגץ געפרעגט.

— אויב איר קאָנט מיר העלפן קריגן אַ בילעט קיין ווארשע, זוך איך טאַקע אייך — האָט העניע געענטפערט מיט אַן אומדער־וואַרטער דרייסטקייט פאַר זיך אַליין.

— איך בין גרייט אייך צו העלפן — האָט דער בלאָנדער זיך שטייף אָוועקגעשטעלט און זיך פאַרנייגט פאַר איר.

— ווי אַזוי וועט איר דאָס באַווייזן אין דעם באַלאַגאַן?

— איר וועט באַלד זען. בלייבט, פריילין, שטיין אויף דעם פלאַץ — און באַלד האָט ער זיך אַריינגעשטויסן אין דער מאַסע פּאַסאַזשירן. זיין חוצפּה האָט אַרויסגערופן זידלווערטער און גע־שרייען, און ער האָט אָפּגעענטפערט מיט פּרעכע אויסדרוקן, ביז ער האָט זיך דורכגעשטופּט צום קאַסע־פענצטערל. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט.

— ביטע! — האָט ער מיט שטאָלץ דערלאַנגט העניען דעם באַנבילעט און אויסגעגלייכט אויף זיך דעם מאַנטל, וואָס איז גע־וואָרן צעקנייטשט אין געדראַנג.

— איך דאַנק אייך זייער פאַר איינשפּאָרן מיר אַזאַ אָנ־שטרענג — האָט העניע אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט מיטן באַטרעף פונעם באַנבילעט.

דער בלאָנדער האָט זיך אָפּגעקערט אַ ביסל אין אַ זייט און געזאָגט:

— די האַנט בין איך גרייט צו נעמען אָבער אָן דעם געלט...

— ניין — האָט העניע גוטמוטיק דערווידערט — צו ערשט דאָס געלט דערנאָך די האַנט...

מיין נאָמען איז מיעטעק.

— סטאַשיאַ יוזשוויאַק — האָט העניע צום ערשטן מאָל זיך פאָרגעשטעלט מיט איר גוייִשן נאָמען.

מיעטעק האָט איר העפּלעך פאַרבעטן אין אַ זייט, ווו עס זענען געשטאַנען צוויי וואַליזעס, און געפרעגט:

— בלויז קיין וואַרשע, צי נאָך ווייטער?

— איך פאָר צוריק אַהיים קיין וואַרשע נאָך אַ באַזוך ביי מיינע קרובים אין דאָרף.

— צווישן די אַלע — האָט מיעטעק געמאַכט אַ רונדן קרייז מיט זיין בליק — האָב איך באַלד באַמערקט, אַז איר זענט נישט קיין דאָרפישע.

— גראַד בין איך שוין אַ געבוירענע אין דאָרף!

— פריילין סטאַשיאַ, אייער אויסזען און אייער שפּראַך דער־ציילן נישט וועגן דעם.

— די שפּראַך איז פונעם אָרט ווו מען לעבט, אָבער דאָס אָרט, ווו מען איז געבוירן און דערצויגן בלייבט אויף שטענדיק אין זכרון, און איך האָב אַפילו ליב מיין דאָרף לאַזעווע.

— וואָס איך הער! — האָט מיעטעק זיך דערפרייט. — איר זענט אַ געבוירענע אין לאַזעווע? און איך האָב דאָרטן אַ סך באַקאַנטע.

— ווער זענען זיי אייערע באַקאַנטע?

— באַגדאַן, קאַיטאַן, מאַרכעלס זון און נאָך אַנדערע.

— זיי אַלע זענען מיינע אַמאָליקע שכנים אין דאָרף. ערשט דאָ נישט לאַנג האָט באַגדאַן חתונה געהאַט מיט דער נאַוואַקוווּנע.

— ריכטיק, ריכטיק — האָט מיעטעק באַשטעטיקט.

— פון וואַנען קענט איר די אַלע פון מיין דאָרף?

— איך בין אַ געוועזענער טראַמוואַי־אָנגעשטעלטער. צוזאַמען מיט מיר האָט געאַרבעט איינער, וואָס שטאַמט פון לאַזעווע, און מיט אים פלעג איך מיטפאָרן צו זיין ברודער אויף זומער־וואַקאַציעס.

— איז דאָס אפשר יורעק?

— ווי גאָט איז מיר ליב! — איז מיעטעק אַזש אונטערגע־שפרונגען.

— אויב אַזוי, גיט אים איבער אַ גרוס פון סטאַשיאַ יוזשוויאַק.

ער געדענקט מיך נאָך אפשר פון די גאָר יונגע יאָרן, ווען איך האָב געריסן קאַרשן פון זייערעביימער.

צום אָנקומען פונעם צוג איז נאָך געווען אַ ביסל צייט, האָט מיעטעק געעפנט אַ וואַליזקעלע און אַרויסגענומען אַן איינגעוויקלט פעקל.

— ביטע — האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיטן צעעפנטן פאַפיר.

— אַ דאַנק — סטאַשיאַ האָט אַרויסגעצויגן אַ ברויטשניט מיט ווורשט.

— אויב עס שמעקט אייך, ביטע, נעמט נאָך.

— ס'איז קריגסצייט, מ'דאַרף זיין שפּאָרזאַם — האָט סטאַשיאַ געקוקט אויף מיעטעקן מיט אַ שמייכל.

— נעמט, פריילין! מיין שוועסטער האָט גענוג צוגעגרייט, ווי כ'וואָלט געפאָרן אין אַ לאַנגן וועג.

—וווּ וווינט אייער שוועסטער?

— דאָ אין קאָסאָוו־לאַצקי. איך קום צו איר כמעט יעדע וואָך, קויף איין אַ ביסל שפּייז, וואָס מען ברענגט פון דאָרף. ביי אונדז אין וואַרשע זענען די אַרטיקלען מיט גאָלד צו גלייך.

ס'האָט אָפּגעהילכט אַ קלאַפּעריי פון באַטשוועקלטע שטיוול איבערן ברוק. עטלעכע דייטשישע זשאַנדאַרן זענען אַריין אין וואַק־זאַל. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוזאַמענגערוקט, געמאַכט אַ וועג פאַר די דייטשן, וואָס זענען מיט פאַרביסענע פּנימער אַדורך דעם

וואקזאל און ארויס אויפן פעראן. דערפון האבן די פאסאזשירן פאר־שטאנען, אז דער צוג, וואס גייט קיין ווארשע, וועט באלד אנקומען.

ביי די צעעפנטע טירן איז געווארן א געדראנג צום ארויס־גאנג, אבער דער זשאנדארם וואס איז געשטאנען לעבן בילעטן־קאנטראליאר, האט אנגעווארפן אן אימה מיט זיין בייזן בליק און מיט דער קאלבע פון ביקס, וואס ער האט געהאלטן גרייט צו לאזן זי אין גאנג איבער די קעפ פון די פאסאזשירן, אויב זיי וועלן פרווון מאכן א טומל.

די באן איז אנגעקומען. מיעטעק האט זיך באמיט צו געפינען פאר סטאשיאן א באקוועמען פלאץ ביים פענצטער, אבער איר איז באפאלן אן אימה, וואס זי האט געמוזט אין זיך דערשטיקן.

די פאסאזשירן האבן אויסגעזען מיד און פארשלאפן. א גרוי מארגנליכט איז אריינגעדרונגען דורך די פארטויטע שויבן און דאס האט נאך בלייכער געמאכט די פנימער, וואס האבן זיך געהוידעט צום טאקט פון די רעדער. מיעטעק איז געווען גוט געשטימט.

— פריילין סטאשיא, אויב איר וועט אהיימקומען מיט אזא ערנסט פנים, וועלן אייך די שטוביקע נישט דערקענען.

סטאשיא האט א גענעץ געטאן און געזאגט מיעטעקן אין אויער אריין:

— די פארשלאפענע אין וואגאן האבן אויף מיר געווירקט.

— פאר וואס גייט אייך נישט בעסער אן מיין שטימונג? — האט מיעטעק געמאכט א כלומרשט באליידיקטע מינע. — אויף וועלכער גאס אין ווארשע וווינט איר?

סטאשיא איז געווארן באזארגט:

— מיטן וווינען איז נישט ווי צום בעסטן. אונדזער אמאליקע דירה איז צעשטערט געווארן אין די באמבארדירונגען, האבן מיר געמוזט דערווייל זיך אריינציען צו קרובים אויף פאוואנזעק. אמת, זיי זענען גוטע מענטשן, אבער מען קען נישט אויסמיידן קיין אומאנגענעמלעכקייטן.

— אויב פריילין סטאַשיאַ וועט אָננעמען מיין פאָרשלאַג און וועלן נעענטער זיך באַקענען מיט מיר, בין איך גרייט צו העלפן אייער משפּחה מיט אַ דירה.

— ווי אַזוי קאָנט איר שאַפן דירות אין אַזאַ צייט? — האָט סטאַשיאַ אָנגעשטעלט אַ פּאָר נייגעריקע אויגן.

— וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי? ווייסט איר דען נישט, פריילין סטאַשיאַ, אַז אין וואַרשע זענען איצט פאַראַן אַ סך ליידיקע דירות נאָך די זשידעס? איך האָב מעגלעכקייטן דאָס אויסצונוצן.

— איך וואָלט נישט געוואָלט אַריינציִען זיך אין אַזאַ דירה, וווּ ייִדן האָבן געוווינט — האָט סטאַשיאַ ווי אָפּגעוואָרפן מיעטעקס פאָרשלאַג — דאָרט זעט אויס, ווי אויף אַ צמענטאַזש.

— יאָ, ביז מיר וועלן באַוווינען די הייזער.

— איך מיט מיינע עלטערן וועלן זיכער נישט זיין פון די ערשטע אַריינצוציִען זיך אין טויטן געטאָ.

— איך גלייב נישט, אַז אייערע עלטערן זאָלן איינשטימען מיט אייך.

— געוויס, מיינע עלטערן זענען נישט געצוווּנגען איינצושטימען מיט מיר, אָבער אויך נישט — איך מיט זיי.

מיעטעק האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזן זיין אָנגעצויגענעם טאָן און געפּרוּווט אויפקלערן:

— אַנטשולדיקט, פריילין סטאַשיאַ, אין דעם פאַל דענקט איר נישט לאָגיש. מיר פּאָליאַקן, דאַרפן זיין צופרידן, וואָס מיר האָבן איצט די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען די ערטער פון די ייִדן. אַלץ, וואָס איז געווען אין זייער באַזיץ, איז דאָך אונדזערס.

סטאַשיאַ האָט אָפּגעענטפערט שטיל, אַזוי אַז מיעטעק האָט אינעם רוישן פון די רעדער קוים אויפגעכאַפּט אירע ווערטער:

— איך וויל נישט דאַנקען די וואָס מאָרדן אויך אונדזערע ברי־דער און האָבן אויך צעשטערט אונדזערע הייזער.

— אָבער דאָ רעדט זיך דאָך וועגן ייִדן...

— און איך מיין די מערדער...

מיעטעק האָט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף סטאַשיאַן און גע־פרעגט:

— אויך דעם, וואָס הרגעט אַ ייִד, קאָן מען אָנרופן מערדער?

— פון מענטשלעכן שטאַנדפּונקט — געוויס!

מיעטעק האָט סאַרקאַסטיש אַ שמייכל געטאָן:

— איך האָב שוין נישט איין מאָל געהערט צווישן אונדזערע אַזעלכע רייד, זיי זעען אויס, ווי באַרמהאַרציקע שוועסטער, וואָס קרעכצן פון מיטלייד איבער אַ צעקוועטשטער פליג. אָבער איר, פריילין סטאַשיאַ, טראָגט דאָך נישט קיין שוואַרץ קלייד און אַ ווייס היטעלע מיט אַ רויטן קרייץ אויפן קאָפּ...

סטאַשיאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— איך וואָלט גערן אָנגעטאָן אַזעלכע קליידער, ווען איך בין צו דעם באַרופן, ליידער האָבן מיינע עלטערן מיך נישט דערצויגן אין אַזאַ גייסט.

ביי מיעטעקן האָבן סטאַשיאַס ווערטער אַרויסגערופן אַ ווידער־ווילן:

— מ׳ט אַזעלכע געדאַנקען לעבט מען אין קלויסטער. אין גאַס דאַרף מען נעמען דאָס לעבן אַזוי ווי עס זעט אויס. קריגסצייט זענען פאַראַן אַ סך מעגלעכקייטן, וואָס לאָזן זיך אויסנוצן.

— אויך רויבן און מאָרדן?

— ניין, דאָס נישט. אָבער מיר שטערט נישט, אַז אַנדערע טוען דאָס פאַר מיר.

*

אין באַראַק, לאַנגע רייען האָבן זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגן די באַאַמטע ביי צונויפגערוקטע טישן, ווו עס זענען קאָנטראָלירט געוואָרן די דאָקומענטן. סטאַשיאַ האָט זיך געשטעלט צווישן די לעצטע אין דער ריי, בכדי צו קאָנען פאַר זיך אָבסערווירן די מייד־לעך, אויפכאַפּן די געשפּרעכן. ווען זי איז אַליין געבליבן האָט

סטאַשיאַ פאַרשטאַנען, אַז זי טאָר נישט בלייבן אָפּגעזונדערט. דאָס וואָלט געהייסן זיך אויסשטעלן אויף חשד.

סטאַשיאַ האָט אַ קוק געטאָן פאַרויס מיט אַ צעשוווּמענעם בליק, פאַמעלעך זיך דערנענטערט צום טישל, ווו ס׳איז געזעסן אַ יונגער־מאַן און לעבן אים אַ פרוי איבער לאַנגע בויגנס פּאַפּיר, אין וועלכע זי האָט עפּעס פאַרצייכנטביים אויסרופן די נעמען. סטאַשיאַ האָט זיך פאַרהאַלטן אַנטקעגן דעם מאַן, וואָס האָט איבער־געטראָגן זיינע בליקן פון דאָקומענט אויף איר פּנים.

— איך זע, פריילין סטאַשיאַ, אַז איר פאַרט קיין דייטשלאַנד אַ צופרידענע...

— דאָס וואָלט איך נישט געזאָגט.

— אַזוי פאַרשטיי איך פון אייער צופרידן פּנים.

— איך בין צופרידן, וואָס איך האָב געענדיקט שטיין אין דער ריי...

— אַזוי גאָר! און איך האָב געמיינט...

אומקערנדיק זיך פון טישל האָט סטאַשיאַ אַ כאַפּ געטאָן אונ־טער דער האַנט איינע פון די מיידלעך, אירענאַ, אַ בלאָנדע, וואָס האָט פריִער בלויז זיך איינגעהערט צום שמועס וועגן זשידוווקעס, טאָמער געפינען זיי זיך צווישן אונדז, און ווי אַזוי מ׳דאַרף אַזאַ איינע אַנטדעקן און פאַר די האָר אַרויסשלעפּן. זי, אירענאַ, האָט צוגעשמייכלט און באַהאַלטן אין זיך איר מיינונג. סטאַשיאַ איז געגאַנגען מיט איר לענג־אויס דעם באַראַק, געוואָרפן באַהאַלטענע בליקן אויף די פאַרזאַמלטע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום זייערע באַגאַזשן, ווי אין אַ וואָקזאַל פאַרן אָנקומען פון זייער באַן. סטאַשיאַ האָט נישט דורכגעלאָזט מיט איר בליק קיינעם פון די וואָס זענען איר אַנטקעגנגעקומען.

אירענאַ — אַ שלאַנקע מיט אַ וויגנדיקן גאַנג, אַ העל פּנים און האָר פונאַנדערגעקעמטע אויף צוויי העלפטן, פאַרנומען אויף הינטן, מיט אַ ביינערנער שפּילקע פאַרפעסטיקט. זי איז געגאַנגען מיט דראָבנע טריטלעך, ווי אויף אַ שפּאַציר. די גאַנצע צייט ביים

שטיין אין דער רײ האָט זי זיך געהאַלטן שטיל, אָבער מיט סטאַשיאַן האָט זי געהאַט חשק צו רעדן און חוזק מאַכן פון די מיידלעך, וואָס האָבן אַזוי ליב צו פילאָזאָפירן וועגן די זשידוווקעס, ווי זיי וואָלטן אין זייער לעבן קיין מער אינטערעסאַנטס נישט געקענט.

סטאַשיאַ האָט מילד באַמערקט:

— מען דאַרף זיי פאַרשטיין. די מיידלעך האָבן, זעט אויס, לאַנג געלעבט מיט ייִדן צוזאַמען, און איצט, אַז מען צעוועקט זייער זכרון, רעדן זיי, יעדע ווי זי פאַרשטייט און קאָן.

— פאַר מיר — האָט אירענאַ זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט — איז עס אַ פּאַסקודנע טעמע. איך אַנטלויף פון דעם.

סטאַשיאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף אירענאַן:

— איך אַנטלויף נישט פון דער טעמע, אָבער זי רופט ביי מיר נישט אַרויס קיין באַזונדערן אינטערעס...

אירענאַ האָט סטאַשיאַן אָנגעוויזן דאָס אָרט, וווּ עס געפינען זיך אירע זאַכן און איינגעלאַדן זי אַהין.

סטאַשיאַ איז אַוועק אין דער ריכטונג צום וואַשרוים, האָט פּאַמעלעך געעפנט דעם קראַן, באַנעצט איר פּנים מיט די האָר און גענומען זיי פאַרקעמען טראַכטנדיק:

ווער קאָן זי זיין, די קליינע אין שוואַרצן, וואָס האָט זיך פאַר אירע אויגן אַ פּאָר מאָל באַוויזן און מיט שנעלע טריט פאַרשווונדן? צוויי מאָל האָט זי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אירע בליקן און יענע האָט שנעל אַוועקגעדרייט דאָס פּנים. דאָס ערשטע מאָל האָט יענע אַפילו נישט באַמערקט ווי זי אָבסערווירט זי, אַזוי, אַז סטאַשיאַ האָט אין איר דמיון געקאָנט צוזאַמענשטעלן איר אויסזען: אַ נידעריקע, אין שוואַרצע קליידער, מיט פלינקע באַוועגונגען, מיט אַ שטאָלץ פאַרריסן בלאָנד קעפל, מיט געשלאָסענע ליפּן אונטערן קורצן נעזל, אַן אמתע שיקסע, און דאָך חשוד אין סטאַשיאַס אויגן.

יאָ, דאָס איז זי! סטאַשיאַ האָט אַזש אַ צאַפּל געטאָן, דערמאָנענדיק זיך איר נאָמען, אָפּשטאַם, איר פריערדיק אויסזען און

אַפילו די נעמען פון איר טאַטע־מאַמע. פאַר וואָס האָט זי מורא פאַר מיר? האָבן איר געשראָקן מיינע שאַטען־האָר? זי ווייסט, אַז איך שפּיל שוין לענגער פאַר איר מיין קריסטלעכע ראָל, האָב שוין מער דערפאַרונג און זי איז דאָך יינגער — פאַר וואָס זוכט זי נישט קיין הילף ביי מיר?

הינטער סטאַשיאַן האָט עמעצער געוואַרט צו דער וואַששיסל. זי האָט פאַרענדיקט דאָס קעמען זיך, אָפּגעווישט די וואַסער־טראָפּנס פון מאַנטל און אָפּגעטראָטן איר אָרט. גייענדיק צו אירענאַן האָט זי געטראַכט: קוים באַגעגנט זי ווידער די בלאָנדע אין שוואַרצן, וועט זי אויסמיידן זי. אויב יענער פאַרפאַלגט כסדר דאָס געפיל פון פּחד, איז בעסער מיט אַזעלכע נישט זיין צוזאַמען...

— סטאַשיאַ, מ׳דאַרף פאַרנעמען אַ בעט, מיר וועלן דאָ דאַרפן נעכטיקן. ערשט מאָרגן פאָרן מיר אָפּ קיין דייטשלאַנד.

אירענאַ האָט זיך אומגעקוקט. זי האָט געזוכט אירע באַקאַנטע מיידלעך, בלויז איינע האָט זי דערזען, איר געוויזן מיט דער האַנט צו דער זייט ווו זי איז אַוועק מיט סטאַשיאַן.

אירענאַ האָט דערהערט רופן איר נאָמען. זי האָט מיט אַ האַנט־צייכן אָנגעוויזן דאָס אָרט פון איר בעט, ווו זי האָט זיך שוין געפונען — אונטער סטאַשיאַס אייבערשטן שטאָק. די מיידלעך האָבן איר געמאַכט פאָרווורפן צוליב דעם, וואָס זי האָט אויף זיי נישט געוואַרט.

— האָסט שוין געפונען אַ בעסערע קאַלעזשאַנקע?

— סטאַשיאַ רעדט שענער פאַר אונדז?

— זאָל זי זיין מיט איר, וואָס אַרט דיר?

סטאַשיאַ האָט מיט אַ שמייכל אַראָפּגעקוקט פון דער אייבער־שטער נאַרע:

— מיידלעך, זייט נישט אייפערזיכטיק, איך טראָג נישט קיין מענער־הויזן.

אירענאַ האָט צוגעגעבן:

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז איך בין פֿאַר אײַך אַזוי וויכטיק.

אירענאַ האָט אײַנגעלייגט אירע זאַכן, פֿאַרמאַכט דאָס רענצל און אויפֿגעהויבן דאָס פּנים צו סטאַשיאַס בעט:

— סטאַשיאַ, האָסט דאָך עפּעס גאָרנישט קיין זאַכן, ווי דו וואָלסט זיך געגרייט גיין ערגעץ אויף אַ קורצן וויזיט.

— דו, אירענאַ, קומסט פֿון דער היים, און מיך, ווי איך האָב דיר שוין דערציילט, האָט מען פֿאַרכאַפּט אין גאַס.

אירענאַ האָט זיך אַנטשולדיקט צוליבן פֿאַרגעסן און געשאָקלט דעם קאָפּ מיט באַדויער.

אין באַראַק האָט דער טומל זיך פֿאַרגרעסערט. מיידלעך האָבן צו ערשט פֿאַרנומען בעטן און דערנאָך זיך איבערגעטראָגן צו אַנ־דערע, ווו זיי האָבן אָפּגעפֿונען באַקוועמערע ערטער. אַנדערע האָבן זיך געשלעפּט מיט די פּעקלעך צו אָפּגעזוכטע באַקאַנטע, וואָס זענען זיי פֿאַרלוירן געגאַנגען אין וועג. צוויי מיידלעך האָבן זיך געטאַמפּערט צוליב פֿאַרטוישטע וואַליזקעס. דער רעש האָט זיך אַזוי פֿאַרצויגן, ביז עס זענען אַריינגעקומען זשאַנדאַרן, באַגלייט פֿון ציווילע אָרדנער.

אירענאַ האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און אײַנגעדרעמלט. אויך סטאַשיאַ האָט זיך אויסגעצויגן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער אונטערגעשטעלטער האַנט. אין באַראַק האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ ביסל אָרדענונג. סטאַשיאַ האָט פֿון דעם איי־בערשטן בעט אָבסערווירט די באַוועגונג. אירע אויגן האָבן אויפֿ־געכאַפּט פֿאַרשיידענע געשטאַלטן און אָפּגעריסענע זאַצן פֿון גע־שפּרעכן.

פֿון צווישן די געשטאַלטן וואָס זענען פֿאַרביי, האָט זי אויפֿ־געכאַפּט דריי און פֿון בליק נישט אַרויסגעלאָזט. דאָס זענען געווען: איינע, אַ נידעריקע, מיט אַ געלן קאָפּ האָר און פֿאַררונדיקט פּנימל. דאָס מיידל האָט זיך פֿריי און דרייסט באַוועגט. אָט די נידעריקע האָט זיך געהאַלטן נאָענט מיט אַ פֿריילין פֿון אַ קעגנזעצלעכן אויסזען: אַ העכערע, אַ שלאַנקע, מיט אַ טונקעלן קאָפּ האָר און

אַן איינגעהאַלטענע אין רעדן. זי האָט אויסגעוויזן צו זיין פאַר־זיכטיק און געשפּאַנט.

די דריטע: אַ מיטליאָריקע פרוי, פאַרקעמט מיט אַ שרונט אין דער מיט פון אירע קורצע האָר. אַ פּאָר טיפע אויגן האָבן מיט זאָרג אַרויסגעקוקט פון שמאָלן פּנים.

סטאַשיאַ איז געלעגן ווי פאַרשטיינערט. בלויז אירע אויגן האָבן זיך באַוועגט מיטן גאַנג פון די געשטאַלטן, זיי באַגלייט ביז צום סוף פון באַראַק און אָפּגעוואַרט, ביז זיי האָבן זיך געדאַרפט צוריק־קערן מיט די פנימער אַנטקעגן איר בליק. וואָס מער זי האָט זיך אין זיי איינגעקוקט, אַלץ מער איז געוואַקסן איר שפּאַנונג און אומרו.

טיף אין באַראַק האָבן זיך אויסגעשטעלט רייען. מיידלעך האָבן זיך געטראָגן מיט שיסעלעך זופּ און מיט פּאַרציעס ברויט. סטאַשיאַן האָט אַ ציי געטאָן פון בעט אַראָפּ. זי האָט געהערט, אַז איין ליידיק שיסעלע האָט מען געטיילט פאַר דריי. זי איז צוגעגאַנגען צו די צוויי, וועלכע זי האָט אָבסערווירט און באַשטעלט דאָס בלעכענע שיסעלע צום נעמען עסן. סטאַשיאַ האָט דערביי געפונען אַ געלעגנ־הייט פאַרפירן מיט זיי אַ שמועס. און באַלד האָט זי שוין געוואוסט די נידעריקע זאַשיאַ און די צווייטע — בראָניסלאַוואַ.

נאָכן עסן האָט בראָניסלאַוואַ אַריינגעשעפּטשעט סטאַשיאַן אין אויער:

— איך בין אויך אַ יידישע און זאַשיאַ איז מיין יינגערע שוועסטער...

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי זיכער, אַז איך בין אַ יידישקע? און וואָס האָסטו דאָס דערקענט?

בראָניסלאַוואַ האָט אָפּגעזיפצט און געענטפערט קוים וואָס מען האָט געהערט:

— מיין יידישער אינסטינקט האָט דערפילט דיין פאַרבאָרגענע נשמה.

— ניין, זיי רויק, אַז נישט. די קליגסטע פון זיי איז נישט באַשאַנקען מיט דעם חוש...

זאָשיאַ האָט אומרויִק זיך איינגעהערט אין דעם שמועס צווישן סטאַשיאַן און בראָניסלאַוואַן און געבעטן איבערגיין אויף אַן אַנדער טעמע:

— זאָלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען...

סטאַשיאַ האָט ווייטער געוואָלט צייִען דאָס געשפּרעך:

— זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע ווי מיר אין דעם טראַנספּאָרט?

— מעגלעך, אַז יאָ — האָט זאָשיאַ שטיל באַוועגט מיט די ליפּן — ביז איצט האָבן מיר אַחוץ דיר נישט באַמערקט.

סטאַשיאַ האָט איינגעהאַלטן איר אָטעם:

— לויט מיין מיינונג, געפינען זיך נאָך דאָ אין באַראַק צוויי: איינע אַ בלאָנדע אין שוואַרצן אָנגעטאַן. זי זעט אויס צו זיין שטאַרק נערוועז. זי דאַרף מען אויסמיידן. די צווייטע איז אַ מיטל־יאָריקע פרוי. מען זעט זי אָפּט אַליין. אויך מיט איר דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק. וועגן אייך ביידע האָב איך געוווסט נאָך איידער איר האָט זיך געגעבן צו דערקענען פאַר מיר.

ביידע שוועסטער האָבן באַקומען צעשראָקענע פּנימער:

— ווי אַזוי? דורך וועמען?

סטאַשיאַ האָט רויִק צוגעשמייכלט:

— איך קען אייך ענטפערן מיט דעם זעלבן, וואָס איך האָב געהערט פון בראָניסלאַוואַן... פון מיין אייבערשטן בעט האָב איך אייך אָבסערווירט, נאָכגעקוקט אייער גאַנג, אייער אופן פון רעדן. מיר איז אויפפאַלנדיק געוואָרן אייער נאַענטקייט. דאָס האָט מיך אַ צי געטאָן צו אייך...

ביידע שוועסטער האָבן צוריק באַקומען זייערע פרייע פּנימער, געדאַנקט פאַר סטאַשיאַס באַמערקונג און צוזאַמען אויסגערופן:

— מיר מוזן זיך האַלטן צוזאַמען!

אירענאַס קול האָט אָפּגעהילכט איבערן באַראַק:

— סטאַשיאַ! סטאַשיאַ!

סטאַשיאַ האָט אויף גיך זיך געזעגנט מיט די שוועסטער. זי

האָט נאָך איבערגעפּרעגט אויף דעם אָרט, וווּ עס שטייען זייערע בעטן, אַ קוק געטאָן אין יענער זייט און פֿאַרשווּנדן.

— פֿאַר וואָס האָסטו מיך נישט אויפֿגעוועקט צום עסן? — האָט אירענאַ זיך געבייזערט אויף סטאַשיאַן.

— האָסט גאָרנישט פֿאַרשפּעטיקט. קום אירענאַ מיט מיר.

ביידע מיידלעך זענען צוגעגאַנגען צום פֿונאַנדערטיילער, וואָס איז שוין געשטאַנען אָן דעם פֿאַרטעך.

— ווּ זענט איר פֿריִער געווען? נישטאָ שוין!

— מיר האָבן פֿאַרשלאָפֿן — האָבן ביידע אָנגעשטעלט נאַיִווע פּנימער.

— צו פֿאַרשלאָפֿענע מיידלעך האָב איך שטענדיק געהאַט סימ־פּאַטיע.

— און איצט?

— שטייט אַ ווײַלע.

ער איז צוריקגעקומען מיט צוויי שיסעלעך זופּ און צוויי פּאָרציעס ברויט און זיך אַ ווײַצל געטאָן:

— איך וויל נישט, אַז איר זאָלט פֿאַרלאָזן פּוילן הונגעריקע.

✶

ווען סטאַשיאַ איז אָנגעקומען אין דעם פֿרויען־לאַגער לעבן בערלין. האָט זיך איר געדאַכט, אַז די פֿאַרבאָרגענע שרעק, וואָס האָט זי כּסדר פֿאַרפֿאָלגט נאָך די שווערע איבערלעבונגען, האָט אָנגעהויבן נאָכלאָזן. אפֿשר האָט אויף איר אַזוי געווירקט דער שטילער פּייזאַזש: די ברייטע פֿעלדער וואָס זענען געלעגן צעשפּרייט ביז צום פֿאַרשאָטנטן וואַלד, ווו די זון האָט אין די פֿאַרנאַכטן זיך אַראָפּגעלאָזן און אָנגעצונדן די ביימערשפּיצן מיט אַ פּיאָלעטער רויטקייט, און פֿון דער אַנדערער זייט, אויף מיזרח, האָבן הויכע הײַזער, ווי גרויסע כמאַרעס, פֿאַרדעקט דעם ראַנד פֿון הימל.

אָבער סטאַשיאַס שטימונג האָט אָנגעהויבן זיך בײַטן, ווען זי

איז אַריין צווישן לאַנגע רייען באַראַקן און דערנאָך — אין אינע־ווייניק פון אַ באַראַק מיט רויע הילצערנע ווענט, נישט געפאַרבטע טישן און שאַפקעס, מיט די דריי־שטאָקיקע פריטשע־בעטן, ווו זי האָט פאַרנומען אַן אָרט אין אַ ווינקל, כּדי צו האָבן פאַר זיך דאָס אינעווייניקסטע בילד פון באַראַק.

אַ טייל פון די מיידלעך וואָס האָבן שוין דאָ פאַרנומען ערטער, האָט סטאַשיאַ געקענט נאָך פון וועג. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען די שוועסטער זאָשיאַ און בראָניסלאַוואַ. אויך מיט די אַנדערע האָט סטאַשיאַ לייכט געמאַכט קאָנטשאַפטן. בלויז מאַריאַ, די מיטליאָריקע פרוי אין שוואַרצע קליידער, האָט ביי סטאַשיאַן אַרויסגערופן אַן אומרו־געפיל צוליב דער אויפמערקזאַמקייט וואָס די פרוי האָט צו איר אַרויסגעוויזן.

יאַדוויגאַ און קאַזשאַ זענען געוואָרן סטאַשיאַס נאָענטסטע שכנטעס צו איר בעט.

יאַדוויגאַ — אַ דיקלעכע מיט קורץ געשוירענע שאַטענע האָר, פאַרקעמט מיט אַ שרונט, אַ העל רונדיק פּנים, בלויע אויגן. אַ שטאַרק באַרעדעוודיקע. גלייך נאָכן אויסלייגן אירע זאַכן אין דער שאַפקע, האָבן אַלע אַרום איר שוין געקענט די ביאָגראַפיע פון איר משפּחה. איר שטיף־פאָטער האָט זי דערמאָנט מיט כּעס צוליב זיין שלעכטער באַציִונג צו איר מאַמעס קינדער און באַזונדערש — צו איר.

קאַזשאַ — אַ בלאָנדע, מיט אַ דיקן צאָפּ פאַרפלאָכטענע האָר אויף איר שלאַנקן רוקן, האָט זי אויסגעזען צו זיין סאָלידער, איינגעהאַלטענער. אויך זי האָט דערציילט פון וואַנען זי שטאַמט, ווי אַזוי זי איז געשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגאַרבעט, אָבער אירע רייד זענען געווען מיט מאָס און האָבן נישט באַרירט איר פּערזענלעך לעבן. זי האָט ליב געהאַט אָבסערווירן וואָס אַנ־דערע טוען, אונטערהערן וואָס מען רעדט. אַ מאָל האָט זי רעאַגירט אויף דעם מיט אַ שטיל געלעכטערל, אַ מאָל — מיט איינציִען די ליפּן פון פאַרדראָס און מיט אַ קרומען קוק פון די אויגן.

צווישן קאַזשאַ און יאַדוויגאַ איז דערגאַנגען צו קריגעריי. יאַדוויגאַ האָט געטענהט, אַז זי האָט די ערשטע פאַרנומען דאָס אונטערשטע בעט, און קאַזשאַ האָט געזאָגט פונקט פאַרקערט. איר רענצל איז פריִער געלעגן אויפן קאָץ און איצט שטייט עס אויף דער ערד. אָבער יאַדוויגאַן איז ווייניק אָנגעגאַנגען דער פאַקט. מיט אַ שאַרפער שטים האָט זי אָקצענטירט, אַז דאָס בעט געהערט איר און זי פרעגט נישט ביי קיינעם וואָס זי האָט צו טאָן.

קאַזשאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן אירע פעקלעך, אַרומגעלאָפן איבערן באַראַק און אַז זי האָט נישט געפונען קיין אַנדער אָרט, איז זי צוריקגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט אַ שטייפע:

— וואָס, דו ווילסט דאָ זיך מאַכן פאַר אַ באַפעלגעבערין?

יאַדוויגאַ האָט אַ בייזן קוק געטאָן אויף איר:

— דו וועסט מיר נישט באַפעלן, וואָס איך האָב צו טאָן!

— איך קאָן דיך באַלד אָנלערנען פאַר דיין חוצפּה!

— נו פּרוביר! — און יאַדוויגאַ האָט זיך צעלאַכט.

סטאַשיאַ האָט זיך אַריינגעמישט:

— מיידלעך, הערט אויף מיט די קריגערייען. איך האָב פאַר אייך אַ גוטן אויסוועג. דו, קאַזשאַ, פאַרנעם דאָס מיטלסטע בעט, און איך וועל נעמען דאָס לעצטע. — און איידער סטאַשיאַ האָט געענדיקט איז זי שוין געווען אויבן און געבליבן זיצן אַ צעשמייכלטע מיט אַראָפּהענגענדיקע פיס.

קאַזשאַ האָט אָנגעשטעלט אַן אומצופרידן פּנים. זי האָט נישט געוואָלט אונטערגעבן זיך דער פּראָסטער יאַדוויגאַ, אָבער סטאַשיאַ האָט אויסגעצויגן די האַנט אַראָפּ צו קאַזשאַן, אַ ציִ געטאָן זי צו זיך, און ביידע זענען געבליבן זיצן אויפן אייבערשטן בעט.

— סטאַשיאַ האָסט אַ גוט האַרץ.

— און דו ביסט אַ קלוגע.

— ווען נישט דו, וואָלט איך דעם גראָבן הינטן פאַר די האָר אַראָפּגעשלעפּט פון בעט.

— צו וואָס זיך קריגן — האָט סטאַשיאַ גוטמוטיק גערעדט —

מיר זענען שוין גענוג געשלאָגן ווען מען געפינט זיך אין דער פרעמד.

— פֿאַר וואָס פֿאַרשטייט דאָס נישט די כאַמקע.

— אין ים זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע פיש — האָט סטאַשיאַ אַ שמייכל געטאָן.

קאַזשאַ האָט זי אַרומגענומען:

— מיט דיר וועט זיין גוט צו וווינען.

עס זענען אַריינגעקומען צוויי וואַכלייט, זיך אַרומגעקוקט, גע־עפנט עטלעכע שאַפקעס, אַ גלעט געטאָן איבער די בעטן, און געפרעגט, ווער פון די מיידלעך עס קאָן רעדן דייטש. אָנגערופן האָט זיך אַ דינע פרויענשטים.

אַ מיטליאָריקע שלאַנקע פרוי, מיט גראָלעכע האָר, פֿאַרדרייט אויף הינטן אין אַ גרעק, איז מיט דראָבנע טריטלעך צוגעקומען צו די וואַכלייט און געפירט מיט זיי אין דייטש אַ קורצן שמועס. דערנאָך האָט איינער פון זיי, אין אַ געבראָכענעם פויליש, פֿאַר־אָרדנט, אַז פון איצט וועט פרוי מאַריאַ ווערן די פֿאַרמיטלערין צווישן די מיידלעך מיט דער דייטשישער קאָמענדאַנטור פון לאַגער. און צוגעגעבן, אַז אַלע זאָלן נעמען די דאָקומענטן און גיין זיך איינמעלדן אין די ביוראָ־צימערן פון אַ באַשטימטן באַראַק.

סטאַשיאַ האָט תיכף פֿאַרשטאַנען, אַז קאַזשאַ מיינט די פרוי מאַריאַ אין די שוואַרצע קליידער. זי איז שוין געזעסן ביי אַ טישל לעבן אַריינגאַנג אין ביוראָ־באַראַק און איטלעך מיידל האָט גע־דאַרפט איר איבערגעבן אירע דאָקומענטן און דערנאָך זיך ווענדן צום דייטשישן באַאַמטן.

שטייענדיק אין דער ריי האָט קאַזשאַ זיך געווענדעט צו סטאַ־שיאַן:

— זאָג מיר, וואָס טראַכסטו וועגן יענער פרוי?

סטאַשיאַן האָט די פראַגע אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, אָבער, ווי שטענדיק, האָט זי באַלד זיך באַהערשט.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז זי אינטערעסירט מיך

גאַנץ וויניק. וואָס האָט מען אין איר דערזען? אַ באָבע אין שוואַרצן.

קאַזשאַ, ווי איר געוווינהייט, האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— סטאַשיאַ, באַמערק גוט ווי אַזוי זי רעדט, ווי אַזוי זי גייט, ווי אַזוי זי קוקט אַרום זיך. זי האָט פאַרנומען אַ בעט קעגן איבער אונדז. נו, וואָס מיינסטו, וויפל אויגן האָט זי שוין געוואָרפן אין אונדזער זייט?

— זאָל זי קוקן, ווער מען גייט עס אָן?

— סטאַשיאַ, זיי נישט נאַיִוו. פון וואַנען קומט עס, אַז אַ פרוי אין דעם עלטער זאָל דאָ זיין צוזאַמען מיט אונדז? מענער אין די יאָרן האָט מען יאָ פאַרכאַפּט קיין דייטשלאַנד, אָבער פרויען מיט גרויע האָר? ווייז מיר נאָך אַזאַ איינע אין גאַנצן לאַגער!

סטאַשיאַ האָט אַנגעשטעלט אַ גלייכגילטיק פּנים:

— זי קאָן אויך זיין אַ פרייוויליקע. אירע טרויער־קליידער זאָגן עפּעס וועגן דעם...

קאַזשאַ האָט איינגעצויגן אירע ליפּן און זיי באַלד צעעפנט:

— הער אויס, סטאַשיאַ, אויף מיין רייזע האָב איך אַ סך געלערנט. איך האָב געהערט און געזען פאַרשיידענע טיפּן. וואָס אַלץ האָט מען זיך נישט אָנדערציילט וועגן פאַרשטעלטע ייִדן און ייִדישקעס, וועגן גנבים און שווינדלערס, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו באַפרייען און זענען פאַרשוווּנדן מיטן געלט. איך האָב געקענט אַ מיידל, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן, אַבי מ'זאָל זי פון דאָרט אַרויספירן, און דערנאָך איז זי געבליבן אַ פאַרשעמטע... קאָן דאָך אויך ביי אונדז זיך געפינען אַ פאַרדעכטיקטע, און מאַריאַ איז אין מיינע אויגן אַזאַ.

מיידלעך וואָס האָבן זיך איינגעהערט אין ביידנס רייד, האָבן געגעבן רעכט קאַזשאַן. דאָס געשפּרעך וואָלט זיך נאָך פאַרצויגן, ווען קאַזשאַ און סטאַשיאַ וואָלטן זיך נישט דערנענטערט צום אַריינגאַנג אין ביוראָ. ביידע זענען צוזאַמען אַריין. קאַזשאַ איז

שנעלער פּאַרטיק געוואָרן, סטאַשיאַ האָט זיך פאַרהאַלטן. דעם דייטשישן באַאַמטן איז שווער געווען איבערצולייענען דעם נאָמען פון איר געבוירן אָרט. מאַריאַ האָט אים אַרויסגעהאָלפן און דערביי אַ שמייכל געטאָן צו סטאַשיאָן.

אויך אין באַראַק האָבן די מיידלעך צווישן זיך מיט קינאה גערעדט וועגן מאַריאַס פּלוצעמדיקע קאַריערע. צווישן די מייד־לעך וואָס זענען געווען פאַרטאָן אין שמועס, איז אויך געווען זאָשיאַ.

— וואָס מיינט איר, אַז אין פּוילן זענען נישט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געלערנט די דייטשישע שפּראַך? זי זעט אויס צו זיין אַ געבילדעטע פרוי. זי קען אפשר נאָך אַנדערע שפּראַכן.

— אַזאַ געבילדעטע דאַרף ליגן מיט אונדז אין באַראַק?

— דאָס איז נישט צו פאַרשטיין — האָט מען אָפּגעענטפערט זאָשיאָן.

סטאַשיאַ האָט קאַזשאָן אַ שלעפּ געטאָן פאַר אַ האַנט און זי צוגעפירט צו זייערע שאַפקעס, פון וואַנען זיי האָבן אַרויסגענומען די שיסעלעך און לעפל, וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער פרי ביים אַריינקומען אין לאַגער. ביידע זענען אַוועק ווו מען האָט געטיילט דאָס נאַכטעסן.

יאַדוויגאַ איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון דער עסשטוב. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר בעט מיטן געבעט־ספרל אין די הענט. איר איז נישט אָנגעגאַנגען דער גאַנצער געשפּרעך וועגן מאַריאַן און אויך נישט וואָס אַנדערע מיידלעך האָבן געטאָן. אָן אָפּגעזונדערטע פון טומל, האָט זי זיך פאַרטיפט אין די נאַכט־תפילות.

ווען סטאַשיאַ איז צוריקגעקומען פון נאַכטעסן, האָט זאָשיאַ שוין אָפּגעוואַרט זי און גערופן צו זיך. מיט זיי איז מיטגעגאַנגען בראָניסלאַווא, זאָשיאַס שוועסטער, אַלע דריי זענען אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבערן לאַגער. זאָשיאַ האָט זיך קוים איינגעהאַלטן און אָנגעהויבן מיט איין אָטעם:

— זאָלסט וויסן, אַז אויף מאַריאַן איז געפֿאַלן אַ חשד. איינע פֿון די מיידלעך איז גרייט צו שווערן, אַז זי איז אַ ייִדישקע מיט פּוילישע דאָקומענטן. אַ צווייטע האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז מאַריאַ קאָן אויך זיין אַ פֿאַרמאַסקירטע דייטשקע, וואָס וועט אונדז נאָכשפּיאָנירן. און נאָך איינע האָט פֿאָרגעלייגט, אַז מ׳זאָל מאַריאַן באָיקאָטירן, נישט אָנערקענען זי פֿאַר אונדזער פֿאַרזאָרגערין.

— צו וואָס האָט איר דאָס געטויגט — האָט בראָניסלאַוואַ געזאָגט מיט באַדויער — צו וואָס איז זי אַרויס מיט איר דייטשישער שפּראַך? צו וואָס זיך אַרויסגערוקט, אַז אַלע זאָלן אויף איר קוקן, אַלע זאָלן פֿון איר רעדן? ווייסט זי נישט מיט וועמען זי געפֿינט זיך?

סטאַשיאַ האָט געשטעלט רויִקע טריט און באַמיט זיך צו זיין לאָגיש:

— פֿאַרשטייט מיך גוט: מאַריאַ האָט נאָך אויפֿן וועג קיין דייטשלאַנד אַרויסגערופֿן ספֿקות ביי מיר. איך האָב אייך געוואָרנט, אַז מ׳דאַרף זיך היטן פֿאַר דער אין שוואַרצן. איך ווייס נאָך נישט ווער זי איז, אַ ייִדישקע, אָדער אפֿשר טאָקע, ווי מען קען היינט חושד זיין, אַ שפּיאָנקע אויף אויסצוגעפֿינען ייִדישקעס. אָבער ווער זי זאָל נישט זיין, דאַרפֿן מיר זיין פֿאָרזיכטיק. אונדזער קאָנטאַקט מיט איר דאַרף זיין נאָר אַן אָמטלעכער, מער נישט. איך פֿיל אירע אויגן אויף זיך און מאַך זיך נישט וויסן, כאָטש זיי שטעכן מיך ווי מיט שפּילקעס. דערוויל דאַרף מען אָפּוואַרטן.

— אפֿשר זאָלן מיר זיך איבערטראָגן אין אַ צווייטן באַראַק? — האָט זאָשיאַ געפֿרעגט.

סטאַשיאַ האָט געוואָרנט:

— איר זאָלט אַזעלכעס נישט טאָן! ס׳וועט הייסן, אַז מיר זענען אַנטלאָפֿן, און די מיידלעך וועלן פֿרעגן צוליב וואָס, און באַלד וועט פֿאַלן אויף אונדז אַ חשד.

סטאַשיאַ האָט גענומען אונטער די אָרעמסביידע מיידלעך, מיט וועלכע זי איז געגאַנגען, און צוגעגעבן:

— מיר גייען צוריק אין באַראַק. גייט אַריין אייַנציקווייז. נישט אומקוקן זיך אויף קיינעם, נאָר יעדע גלייך צו איר אָרט.

ווען סטאַשיאַ איז אַריין נאָכן קורצן שפּאַציר, האָט איר קאַזשאַ דערציילט, וואָס דאָ איז פּאַרלאָפן מיט מאַריאַ נאָך איר צוריקקומען אין באַראַק. די מיידלעך זענען צוגעשטאַנען צו איר און אָנגעהויבן באַוואַרפן זי מיט פראַגעס, פון וואַנען זי שטאַמט, פאַר וואָס קען זי אַזוי גוט דייטש. אַ טייל פון זיי האָבן זיך געלאָזט פון איר אויפ־קלערן, אַנדערע האָבן זי אָנגעהויבן פרעגן, ווער ס'איז געווען איר טאַטע, איר מאַן, צי זי האָט קינדער און פאַר וואָס זי, אַזאַ געלערנטע, האָט געמוזט אָנקומען אַהער מיט אונדז אויף צוואַנגאַרבעט. מאַריאַ האָט זיך אויפגערעגט, געדראָט און באַליידיקט די מיידלעך מיט זידלווערטער. איצט, זע, ליגט זי אויף איר בעט ווי אַ פאַרחלשטע...

— איך האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט, קאַזשאַ, אַז די פרוי אין שוואַרצן גייט מיר נישט אָן, און איך מוז נישט מיטמאַכן אַלע שטיק, וואָס די מיידן פּראַווען אין באַראַק.

— האָסט רעכט, סטאַשיאַ, אָבער דאָס מאָל האָב איך דווקא הנאה געהאַט פון די מיידלעך. איך האָב צו זיי געוווּנקען, זיי זאָלן די פּאַניושאַ נישט צו רו לאָזן.

סטאַשיאַ איז שוין מיד געווען פון די אַלע געשעענישן אין ערשטן טאָג פון איר לעבן אין דייטשלאַנד, זי האָט געזוכט אָנט־שפּאַנונג, און דאָס האָט זי געקאָנט געפינען דורך די קרעלן מיטן צלמל איבערן געבעט־ביכעלע, וואָס זי האָט מיטגענומען אויף איר אויבערשטן בעט, דאָרט האָט זי צעפירט די שפּיצן פינגער פון דער רעכטער האַנט איבער דעם שטערן איןביידע זייטן ברוסט און זיך אויסגעגלייכט אויפן בעט.

אין באַראַק האָט אָנגעהויבן טונקלען. דאָס בלאַסע טאָגליכט האָט פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט פון די הילצערנע ווענט, פון די פענצטערשויבן, וואָס זענען נאָך באַדעקט געווען מיט אַ גרויער שיין און גיך זיך פאַרביטן אויף אַ שוואַרצער נאַכט.

סטאַשיאַ איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, אין איר דמיון זענען

דורכגעלאָפֿן די געשעענישן פֿון פֿאַרגאַנגענעם טאָג. אַלע אירע מחשבות זענען איצט געווען פֿאַרנומען מיט מאַריאַן און קאַזשאַן. מיט דער ערשטער — צוליב איר אומפֿאַראַנטוואָרטלעכער אויפֿפירונג, און מיט דער צווייטער — צוליב איר ראַפֿינירטן חוש צו זען מענטשן אין זייערע האַנדלונגען.

סטאַשיאַ האָט ווידער דורכגעטראַכט אַלע פּרטים פֿון יעדן מאָמענט, ווען איר איז אויסגעקומען זיך אָנצוטרעפֿן מיט דער פֿרוי אין שוואַרצן, איין מאָמענט איז איר חשודיק געוואָרן.

דאָס איז געווען נאָך אויף סקאַרישעווסקע 4 אין פּראַגע. זי איז אַ מאָל דאָרט אַריין אין טואַלעט־צימער, געעפֿנט איר האַנטבייטל און נישט געפֿונען וואָס זי האָט געזוכט. סטאַשיאַן איז פֿאַרגעקומען, אַז מען האָט זי באַגנבֿעט. אינסטינקטיוו האָט זיך פֿון איר אַרויסגעריסן אַ זיפֿץ, באַגלייט מיט עפּעס אַ וואָרט, וואָס זי אַליין האָט נישט געדענקט, אין דער רגע, ווי פֿון הינטער איר פּלייצע, האָט די פֿרוי אין שוואַרצן שאַרף אַ קוק געטאָן אין איר פּנים. פֿון יענעם מאָמענט אָן האָבןביידע אָנגעהויבן פֿאַרפֿאָלגן זיך מיט די אויגן. סטאַשיאַ האָט דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט ווי די פֿרוי הייסט.

סטאַשיאַ איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן ביז דאָס טראַכטן האָט זי מיד געמאַכט און זי איז איינגעשלאָפֿן. שפּעט אין דער נאַכט האָט איר איבערגעוועקט אַ טומל. לאַגער־וועכטער זענען אַרומגעלאָפֿן ביט נאַכטלעמפּלעך און באַפֿוילן אַראָפּגיין אין אונטערערדישן בונקער. די מיידלעך האָבן אין איילעניש זיך אָנגעטאָן און אַרויסגעלאָפֿן פֿון באַראַק, סטאַשיאַ איז געווען פֿון די לעצטע, קאַזשאַ און יאַדוויגאַ זענען שוין נישט געווען אין די בעטן.

אין דרויסן איז געווען שטיל און פֿינצטער. די סירענעס האָבן אויפֿגעהערט וואָיען. אויפֿן וועג האָט סטאַשיאַ אָנגעטראָפֿן אַ פֿרויען־געשטאַלט, וואָס האָט געטראָגן אָנגעהאַנגען איבער די אַקסלען אַ קאָץ. סטאַשיאַ איז פֿאַרבייגעגאַנגען מיט אייליקע טריט אין דער ריכטונג צום בונקער. דאָס געשטאַלט איז איר נאָכגעלאָפֿן און דער־

יאָגט אין אַריינגאַנג. דאָרט האָט סטאַשיאַ דערפילט ווי מען כאַפּט זי אַרום און מען קושט איר פּנים. סטאַשיאַ האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט אָנהייבן שרייען, אָבער אַ פּאָר שטילע ווערטער האָבן זי באַרויִקט און אויך אויפגעטרייסלט:

— איך בין מאַריאַ, מיין אמתער נאָמען איז אַן אַנדערער, איך בין אַ פרוי פון אַ ייִדישן דאָקטער, ער איז אומגעקומען אין קראָקע, באַרויִק זיך, מיין קינד, ווײַן נישט...

סטאַשיאַ האָט זיך אַרומגעקוקט און שטיל געפרעגט:

— פון וואַנען האָט איר גענומען די זיכערקייט, אַז איר קאָנט מיר אָנטרויען אַזאַ סוד?

— קינד מיינס — האָט מאַריאַ געענטפערט — זעסט דאָך, אַז מיין אינסטינקט האָט מיך נישט פאַרפירט.

— וואָס האָט איר דערקענט אין מיר ייִדישס?

מאַריאַ האָט אַ זיפץ געטאָן:

— דאָס איז שווער צו זאָגן מיט ווערטער. דאָס איז אַ געפיל, דאָס איז אַן אינסטינקט פון אַ ייִדיש האַרץ...

סטאַשיאַ האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט פאַר דעם פעלער, וואָס זי איז באַגאַנגען, צוליב וועלכן די מיידלעך אין באַראַק רעדן שוין וועגן איר מיט חשד.

— איך האָב דאָס געמוזט טאָן — האָט מאַריאַ זיך פאַרענט־פערט — אין מיינע דאָקומענטן זענען אָנגעגעבן די שפּראַכן, וואָס איך רעד, און צווישן זיי אויך דייטש.

סטאַשיאַ איז נאָך אַלץ געווען צערודערט פון דער באַגעגעניש:

— מיר איז איצט נאָך שווער צו רעדן, אָבער איך וויל אייך זאָגן, אַז דאָ איז בעסער אָנצוגיין ווי אַ נישט־געבילדעטע, אַזוי ווי אַלע.

— איך מיין אַנדערש, און פאַר די מיידלעך האָב איך נישט קיין מורא, איך קאָן זיי אַלע פאַרמאַכן די פּיסקעס.

סטאַשיאַ האָט נישט מסכּים געווען מיט מאַריאַס איבערגעטרי־בענער זיכערקייט:

— איך בלייב ביי מיין מיינונג, איך זאָרג זיך אַפילו וועגן אייך.

— זאָרג נישט, מיין קינד, — האָט מאַריאַ אַריינגענומען אין אירע האַנטפלאַכן סטאַשיאַס פּנים — יעדנפאַלס, מוז איך שוין אויסשפּילן מיין ראָל ביזן סוף...

אין דרויסן האָבן די סירענעס זיך צעוואָיעט מיט אַן אויסגעצויגן קול — דער לופט־אַלאַרם האָט זיך געענדיקט. מאַריאַ מיט סטאַשיאַן האָבן זיך צעקושט און אין איילעניש זיך צעגאַנגען.

✶

אין באַראַק האָט זיך איינגעשטעלט דיסציפּלין און אָרדענונג. מאַריאַ איז געוואָרן די היטערין און באַפעל־געבערין איבער די שטובּיקע פליכטן. זי האָט אויך געזאָלט אַכטונג געבן, אַז די מיידלעך זאָלן פּינקטלעך אַרויס צו דער אַרבעט.

סטאַשיאַ איז געוואָרן צוגעטיילט אין דער אַוויאַנען־פאַבריק, נישט ווייט פון לאַגער. איר אַרבעט איז געווען צו פּאַקן אין שאַכטלען די פּאַרטיקע „קוגל־לאַגערן", וואָס זענען דערלאַנגט געוואָרן צו איר אַרבעטסטיש, גלייך פון די מאַשינען. סטאַשיאַ האָט די אַרבעט אויסגעפירט גוט און נאָטירט אויף די איינגעפּאַקטע שאַכטלען די גרייס, סאָרט, און די צאָל.

אין דער זעלבער פאַבריק האָט געאַרבעט נאָך אַ מיידל פון איר באַראַק, סטעפקאַ, אַ דאָרפישע. זי איז געשטאַנען ווייט אָפּגערוקט פון סטאַשיאַן. אירע הענט האָבן זיך נישט אַזוי גוט געלייגט צו דער אַרבעט, דער עיקר ביים אָנשרייבן די צייכנס אויף די איינגעפּאַקטע פּעקלעך. דער אויפזעער האָט איר פאַרגעוואָרפן, אַז איר אַרבעט איז נישט גענוג פּערפעקט. סטעפקאַ האָט שווער אויפגענומען זיינע אָנווייזונגען, האָט ער זי אַוועקגעשטעלט נאָענט פון סטאַשיאַן, זי זאָל איר העלפן. סטעפקאַ איז סטאַשיאַן דאַנקבאַר געווען דערפאַר.

קאַזשאַ און יאַדוויגאַ זענען אָנגעקומען צו אַנדערע אַרבעטן,

און יעדע אויף אַן אַנדער אָרט. במשך פונעם גאַנצן טאָג איז סטאַשיאַ געווען צעשיידט מיט אירע בעט־חברטעס. ערשט פאַר נאַכט פלעגן זיי זיך צוזאַמענטרעפן אין דער ריי צו קריגן דאָס עסן אָדער אין באַראַק. סטאַשיאַ איז גראָד געווען צופרידן וואָס איר קאָנטאַקט מיט קאַזשאַן איז לויזער געוואָרן. הערנדיק צו וואָס פאַר אַן אַרבעט סטאַשיאַ איז געוואָרן אַנגענומען, האָט איר קאַזשאַ מקנא געווען צוליב דעם, וואָס איר, קאַזשאַן, איז שווער געווען צו דערוואַשן אירע הענט פון די שאַרפע פאַרבן ביי איר אַרבעט. סטאַשיאַן איז נישט אָנגענעם געווען, אַז קאַזשאַ זאָל זיך אַרומ־טראָגן מיט אַזאַ געפיל, פלעגט זי ביים אומקערן זיך פון דער אַרבעט באַקלאָגן זיך, אַז זי שטייט אויס צרות פונעם דייטשישן אַרבעט־אויפזעער, ווייל ער פאַרלאַנגט אַלץ מער און מער, דער־פאַר קומט זי צוריק אַ מידע. די מיידלעך האָבן געהאַט מיט איר מיטלייד און אָנגענומען פאַר גוט, וואָס סטאַשיאַ פלעגט פרי זיך לייגן אויף איר בעט. אָבער די אמתע סיבה פון סטאַשיאַס וועלן זיך אָפּרייסן פון די פאַרנאַכטיקע קאָנטאַקטן אין באַראַק איז געווען גאָר אַן אַנדערע.

אין די ערשטע טעג, ווען זי איז אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד און דערפילט דעם טעם פון אַ סטאַביל אָרט צום וווינען און אַר־בעטן, האָבן איר אָנגעהויבן פאַרפאָלגן פיינלעכע מחשבות: ווו געפינען זיך איצט אירע פיר ברידער, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין וואַלד? וועלן זיי אין שטאַנד זיין איבערצוטראָגן אַזאַ לעבן צווישן הימל און ערד? אין איינער אַ נאַכט זענען די ברידער איר געקומען צו חלום — דערשעפּטע פון הונגער און קעלט. סטאַשיאַ האָט זיי גערופן צו זיך, אָבער די ברידער האָבן נישט געוואָלט שטעלן אין סכנה איר לעבן. אין מיטן אַמפּערן זיך האָט סטאַשיאַ זיך איבערגעוועקט מיט אַ געשריי.

צו מאָרגנס האָבן די מיידלעך סטאַשיאַן געפרעגט וועגן איר אומרויִקער נאַכט. סטאַשיאַ האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל אויס־לאַכנדיק זיך אַליין. זי האָט געוואָרנט די מיידלעך נישט לייגן זיך

שלאָפן מיט דער מורא פאַר נאַכט־אַלאַרמען. דאָס איז טאַקע געווען די סיבה פון איר חלום. זי האָט געוואָלט זיך אַרויסבאַקומען פון צווישן די באָמבעס, וואָס זענען געפאַלן אַרום איר...

— סטאַשיאַ איז גערעכט. מ׳דאַרף טאַקע נישט אין זינען האָבן די באָמבעס פאַרן שלאָפן גיין.

— יאָ אין זינען האָבן, נישט אין זינען האָבן — האָט יאַד־וויגאַ ווי דעקלאַמירט פאַר די מיידלעך — דער עיקר, מ׳דאַרף פאַרן שלאָף וואָס מער זיך מאָדליען, וועט גאָט געבן אַ רויִקע נאַכט.

✶

מאַריאַ איז יעדן טאָג געזעסן אין די ביוראָ־צימערן פון דער לאַגער־קאָמענדאַנטור, ווּ עס זענען באַטראַכט געוואָרן פאַרשיידענע טעגלעכע ענינים. זי איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט נישט בלויז ווי די פאַרוואַלטערין פון איר באַראַק, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינערווירטשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעכער פאַרוואַלטונג פונעם פרויען־לאַגער. די דייטשן האָבן ווי געהעריק אויסגענוצט אירע קענטעענישן און זענען געווען צופרידן פון אירע באַמיִונגען ביים דורכפירן באַשלוסן, וואָס די לאַגער־אָנפירונג האָט אַרויפגע־לייגט מיט צוואַנג אויף די צוואַנג־אַרבעטערינס.

מיידלעך אין לאַגער האָבן זיך געווענדט צו מאַריאַ, זי זאָל ווירקן, אַז אין איינעם פון די באַראַקן זאָל מען איינאָרדענען אַ קאַשטשאָל. די דייטשן האָבן אָפּגעזאָגט. אין דער אומגעגנט פון לאַגער, האָבן זיי געזאָגט, איז פאַראַן אַ קלויסטער, און ווער עס וויל, קאָן אַהין גיין. מאַריאַ האָט אָבער געמאָלדן, אַז די מיידלעך קאָנען גרופּעסווייז אָפּריכטן תּפילות אין דעם באַראַק, ווּ זיי וווינען.

אין די פאַרנאַכטן ווען אַלע זענען זיך צוזאַמענגעקומען נאָכן אָונטברויט, און עס האָט אָנגעהויבן טונקלען, האָבן די מיידלעך זיך אויסגעזעצט אויף די אונטערשטע בעטן, געהאַלטן אין די הענט געעפנטע געבעטביכלעך מיט צלמימלעך, אָנגעהאָנגענע אויף קרעלן,

און פון די באַראַקן זענען זיך צעגאַנגען מאַנאַטאָנע לאַנג־צעצויגענע געזאַנגען.

ביי סטאַשיאַן אין באַראַק האָבן די מיידלעך אָפּגעהיט די נאַכט־תּפילות צו דער פּינקטלעכער צייט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון די געמיינזאַמע תּפילות. מאַריאַ האָט אויף דעם שאַרף רעאַגירט מיט פאַרשליסן דעם וואַשרומים אויף דער צייט פון דער געבעט־שעה. די מיידלעך האָבן איר פאַר דעם געוואָלט צו־טיילן דעם כּבוד מיט אָנפירן די נאַכט־תּפילות. אָבער מאַריאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט מאָטיווירנדיק, אַז זי איז נישט באַרופן צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ גלח. זי האָט פאַרגעלייגט, אַז די תּפילות זאָלן זיך אָנהייבן געמיינזאַם און אַזוי אויך זיך פאַרענדיקן. די מיידלעך האָבן איינגעשטימט. בלויז איינע, קאַזשאַ, האָט איינגעצויגן אירע ליפּן און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מאַריאַ.

אין אַ שמועס מיט סטאַשיאַן האָט קאַזשאַ זיך געהיצט:

— איך בין אפשר די איינציקע דאָ אין באַראַק וואָס טראָג אַ שׂינאה צו מאַריאַ.

סטאַשיאַ האָט געפּרוווט זי איינבעמען:

— קאַזשאַ, איך ווייס נישט, פאַר וואָס דו האָסט זיך אַזוי אָנ־געלייגט אויף דער מאַריאַ. זעסט דאָך ווי זי באַמיט זיך פאַר אונדז, ווי זי זאָרגט פאַר דער אָרדענונג. מיר אַלע דאַרפן דערפון זיין צופרידן.

קאַזשאַ איז אַריין אין סטאַשיאַס רייד:

— זיי נישט קיין קינד! ביסט דאָך אַ פרום קאַטוילישע מיידל, די זעלבע ווי איך. קוק זיך איין, ווי זי האַלט דאָס ביכל מיט די פּאַטשערקעס אין די הענט. זי, ווי פאַלש אירע ליפּן באַוועגן זיך ביים זאָגן די תּפילות. אויב דאָס איז דיר ווייניק — קוק זיך איין אין אירע אויגן, ווי זיי שפּרינגען פון איין פּנים אויפן צווייטן, אויב דאָס וועט דיר גאָרנישט זאָגן, ווייס איך נישט ווער דו ביסט...

סטאַשיאַ האָט געצוימט איר אומרו און געוואָרן נאָכגיביקער:

— מאַכסט מיך שוין נייגעריק מיט דער מאַריאַ, כאָטש זי איז

ביי מיר נישט ווערט, איך זאָל טראַכטן וועגן איר, אַפילו ווען זי איז געוואָרן די גאַנצע טאָגנעבערין אין באַראַק. דאָך וועל איך קאָנטראָלירן דיין מיינונג וועגן איר.

דעם זעלבן טאָג האָט סטאַשיאַ אין געהיים איבערגעגעבן מאַריאַן אַ קורץ בריוועלע, ווו עס איז געווען געשריבן:

„זייט וויסן, אַז קאַזשאַ איז שטאַרק ראַפינירט און אָבסערווירט אייך. זי דערציילט מיר אַלץ. ביי די תּפילות זייט ענלעך צו אַלע און זייט שטאַרק פאָרזיכטיק מיט יעדן שריט. פאַרניכט באַלד די פּאָר ווערטער".

סטאַשיאַ איז געוואָרן באַזאָרגט פון דעם אַלעם, וואָס קאַזשאַ האָט געוועבט אַרום מאַריאַן. סטאַשיאַן איז שווער געווען צו פאַר־שטיין די דאָזיקע פּרוי: וואָס פאַר אַ נשמה טראָגט זי אין זיך? פון איין זייט ווערט זי אָבסערווירט און פאַרדעכטיקט און פון דער צווייטער זייט האַלט זי זיך אַזוי שטאָלץ לגבי די מיידלעך אין באַראַק. טייל מאָל איז זי שטרענג באַפעלעריש, אַן אַנדערש מאָל — נאָכגיביק מיט אַ ווייך וואָרט, און די מיידלעך לאָזן פון איר זיך איינגעמען, כאָטש אַ סך פון זיי באַרעדן זי. סטאַשיאַ האָט באַ־וווּנדערט מאַריאַס מוט, איר מאָראַלישן כּוח און גלייכצייטיק גע־ציטערט פאַר איר גורל.

ווען קאַזשאַ איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, איז זי ווי יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט, געשטאַנען ביים וואַסער־קראַן און געריבן די הענט פון די פאַרבן, וואָס האָבן זיך אין זיי איינגעגעסן. פּלוצלינג האָט מאַריאַ זיך באַוויזן פון הינטער קאַזשאַס רוקן:

— אַזוי מוזסטו יעדן טאָג רייבן דיינע הענט נאָך דער אַרבעט?

— ליידער יאָ — האָט קאַזשאַ געענטפערט מיט אַ זייטיקן בליק.

— וואָלסט וועלן זיך באַפרייען פון דער דאָזיקער אַרבעט?

— נאָך ווי! — האָט קאַזשאַ אַ קוק געטאָן מאַריאַן גלייך אין פּנים אַריין.

— איך מוז דיך באַפרייען פון דעם שמוץ.

מאַריאַ האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן נאָענט צו קאַזשאַס הענט און געזאָגט מיט באַדויער:

— אַזעלכע שיינע פינגער קומט אַ פיינערע אַרבעט. הער, קאַזשאַ, האָסט מזל וואָס איך בין דאָ צופעליק פאַרביי. איך דאַרף אַ מיידל אין דער פּאָסט־אָפּטיילונג. איך שטעל זיך פאָר, אַז דו קאָנסט גוט לייענען און שרייבן. דאָס איז אַ ריינע און לייכטע אַרבעט. וועסט זיין צופרידן.

קאַזשאַס אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן פון פרייד:

— איך דאַנק אייך זייער...

מאַריאַ האָט געשטעלט אַ טריט צום אַוועקגיין און זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן:

— געדענק, באַלד נאָכן עסן קומסטו אַריין אין ביוראָ פון לאַגער־פירער. ער וועט דיר לויט מיין פאַרשלאָג באַפרייען פון דער כעמישער פאַבריק און פון מאָרגן אין דער פרי וועסטו אָנהייבן אַרבעטן אין דער פּאָסט.

— אַ דאַנק! אַ דאַנק!

קאַזשאַ האָט שנעל אָפּגעווישט די הענט און געלאָפן נעמען איר פּאָרציע עסן.

סטאַשיאַ האָט פון דער זייט אויפגעכאַפּט קאַזשאַס יאָגעניש. ווען זי האָט באַמערקט אַז קאַזשאַ פאַרקעמט זיך די האָר און קוקט זיך אַ פּאָר מאָל אָן אין שפּיגעלע, האָט זי געפילט, אַז קאַזשאַ גרייט זיך אָפּטאָן אַ זאַך, מיט וועלכער זי היט זיך אויס פאַר איר. סטאַשיאַ האָט אָנגעהויבן נאָכקלערן, קאָנטראָלירן אַלע געשפּרעכן מיט קאַזשאַ. אין דער קורצער צייט וואָס זי האָט געוווינט מיט איר האָט זי שוין באַוויזן צו דערקענען קאַזשאַס אָפּנהאַרציקייט. אויך היינט, ביים קומען פון דער אַרבעט, איז זי געווען נישט אַנדערש ווי שטענדיק: דאָס זעלבע באַגריסן זיך, דאָס זעלבע אָנגעלאָדענע שטילשווייגן, די זעלבע טריט צו דער שאַפע, צום בעט. און פּלוצלינג — געקומען פון וואַשצימער נישט מיט איר גאַנג, ווי עס וואָלט זי ווער געיאָגט, אָדער ווי זי וואָלט זיך נאָך עפּעס גע־

יאָגט. אַ פאַרזאָרגטע האָט סטאַשיאַ גענומען דאָס שיסעלע מיטן לעפל און געשטעלט זיך אין דער ריי, אָבער דאָס עסן איז איר נישט איינגעגאַנגען.

פאַר דער נאַכט־תּפילה איז קאַזשאַ צוזאַמען מיט מאַריאַן אַריין אין באַראַק. ביידע מיט צופרידענע פּנימער. קאַזשאַ איז געבליבן שטיין ביי איר בעט און זיך אַרומגעקוקט:

— סטאַשיאַ!

— וואָס איז געשען?

— וואַזשנע נייעס! איך פּלאַץ אַזש פון פרייד!

— לאָמיר שוין הערן? — האָט סטאַשיאַ גענומען קאַזשאַן אונטערן אָרעם און אַוועק מיט איר איבערן באַראַק.

— וואָס זאָגסטו צו דעם? — האָט קאַזשאַ געזאָגט מיט אַ שיינענדיק פּנים — מאַריאַ האָט מיר פאַרשאַפט אַ גוטע אַרבעט אין דער פּאָסט. דער לאַגער־פירער האָט מיך באַפרייט פון דער פאַבריק און שוין פון מאָרגן אָן וועל איך מער נישט איינאָטעמען די פאַרשטונקענע ריחות און כ׳וועל נישט דאַרפן רייבן די הענט שעהענווייז.

— זעסטו! — האָט סטאַשיאַ פריידיק אויסגערופן — מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק ביים אורטיילן אַ מענטש...

— מעגלעך, אפשר בין איך געווען צו איילִיק ביים אַרויס־זאָגן מיין מיינונג וועגן איר. אָבער דאָס שטערט מיר גאַרנישט צו געניסן פון איר פּראָטעקציע...

— ווייזט אויס, קאַזשאַ, אַז דו האָסט אין אירע אויגן געפונען מער חן ווי אַנדערע מיידלעך אין באַראַק.

— ביסט אייפערזיכטיק, סטאַשיאַ?

— זיי נישט קיין קינד, קאַזשוכנאַ, איך בין דווקא זייער צו־פרידן וואָס דו ווערסט פּטור פון דיין שמוציקער אַרבעט.

— איך גלייב דיר — האָט קאַזשאַ אַ צעשמייכלטע געזאָגט, און ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין אויף דעם אָרט, ווו די מיידלעך האָבן זיך געזאַמלט צו דער נאַכט־תּפילה.

פאַרן גיין שלאָפן האָט סטאַשיאַ זיך געטראָפן מיט זאָשיאַן אין דרויסן. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם וואָס איז פּאַרלאָפן צווישן קאַזשאַ און מאַריאַ. צופרידן וואָס די באַציִונגען צווישן קאַזשאַן און מאַריאַן וועלן זיך פאַרבעסערן, זענען סטאַשיאַ און זאָשיאַ געווען באַזאָרגט דערפון, וואָס קאַזשאַ, ביים אַרבעטן אין דער לאַגער־פּאַסט, וועט אויפפאַלן, אַז זיי באַקומען נישט פון קיינעם קיין פּאַסט. סטאַשיאַ און זאָשיאַ האָבן אויסגעפונען מיטל ווי אַזוי צו ליקווידירן דעם חשד: זיי וועלן אָנהייבן שרייבן בריוו איינע צו דער צווייטער.

דעם ערשטן בריוו האָט באַקומען סטאַשיאַ, אַדרעסירט פון בערלין אין דייטשלאַנד, אונטערגעשריבן מיטן נאָמען אירענאַ סטאַ־זשינסקאַ, אַן אַפּשטאַמיקע פון דעם זעלבן געבוירן־אָרט אין פּוילן. סטאַשיאַ האָט פאָרגעלייענט פאַר קאַזשאַן דעם בריוו. אירענאַ האָט דאָרטן מיט פרייד איבערגעגעבן, ווי אַזוי זי האָט זיך דערוווסט סטאַשיאַס אַדרעס אין דייטשלאַנד. קאַזשאַ האָט אויסגעהערט און אומעטיק אָפּגעזיפצט פונעם טרויעריקן אינהאַלט וועגן אירענאַס ליידן און בענקשאַפט צו איר היים. די שילדערונג, ווי אַזוי אירענאַ איז געכאַפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד איז געווען ענלעך צו דעם, וואָס מיט קאַזשאַן איז געשען. דערפאַר האָט זי זיך אַזוי שטאַרק איבערגענומען ביים אויסהערן דעם בריוו.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט אויך זאָשיאַ באַקומען אַ בריוו און אים פאָרגעלייענט פאַר אירע חברטעס אין באַראַק.

פון זינט קאַזשאַ האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער פּאָסט, איז זי געוואָרן גוטמוטיקער צו די מיידלעך אין באַראַק, נישט געחוזקט און קיינעם נישט באַרעדט. אויך סטאַשיאַ איז געווען צופרידן פון קאַזשאַס טאָלעראַנטער האַלטונג, אַז די נערוועזע אויסברוכן און אַן דער אָנגעבלאָזענער שטימונג.

אין באַראַק האָבן די מיידלעך אָנגעהויבן זיך גרייטן צו וויי־נאַכט. זיי האָבן זיך געשאַפט אַ „כאָינקע" און באַצירט זי מיט קאָלירטע פּאַפּירלעך. אין יענעם טאָג האָט מען אין לאַגער געטיילט

זיסוואָרג מיט דינע רונדיקע פּלעצעלעך. אויך דאָס עסן איז געווען בעסער ווי געוויינלעך. מאַריאַ האָט געהאָלפן שאַפן די יום־טובדיקע שטימונג. זי האָט פון ערגעץ געברענגט קליינינקע ליכטעלעך פאַר דער „כאַנוקע", געטיילט צוגאָב־פּאָרציעס צום אָוונטברויט און גע־בעטן יעדע פון די מיידלעך זיך איבערטאָן אין בעסערע קליידלעך. קאַזשאַ האָט איר צוגעהאָלפן. זי האָט געבראַכט יעזוס־בילדער, אויסגעשניטענע פון אַ צייטונג.

אין יענעם טאָג האָט סטאַשיאַ זיך געפילט קראַנק. איר האָט ווײ געטאָן אין האַלדז, הענט און פיס האָבן איר געבראָכן, זי האָט אָבער פאַר קיינעם זיך נישט פאַרקלאָגט. ווי אַלע אַנדערע האָט אויך זי זיך איבערגעטאָן, פאַרקעמט די האָר, גענומען דאָס געבעט־ביכעלע אין האַנט און געוואַרט אויף דער יום־טובדיקער שעה.

אין באַראַק זענען די מיידלעך געלאָפן צום וואַשצימער און פון דאָרטן צו די שאַפקעס בכדי איבערטאָן זיך. קליינע שפּיגעלעך זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט ביים פאַרקעמען זיך די האָר, ביים פלעכטן די צעפּ און אָנשטעלן אַ גלייכן שרונט אין מיטן קאָפּ. דערביי האָבן די מיידלעך זיך פריילעך געמאַכט מיט קוויטשעדיקע געלעכטערלעך.

דערווײַלע איז סטאַשיאַ אַרויף אויף איר אייבערשטן בעט, כּדי זיך אָוועקצולייגן. איר זענען נאָך נישט באַקאַנט געווען די מעלאָדיעס פון די געזאַנגען אַרום דער „כאַנוקע", האָט זי געוואָלט אויסמיידן צו זיין די ערשטע. וועט זי קאָנען פריִער אויפכאַפּן די טענער און דערנאָך זיך פאַראייניקן אין אַלגעמיינעם געזאַנג.

אין די שפּעטע שעהען, שוין פאַר האַלבער נאַכט, האָט מאַריאַ אָנגעצונדן די ליכטלעך, אויסגעשטעלטע אויף די צווייגעלעך פון דער „כאַנוקע". אויף צוזאַמענגערוקטע בענק האָבן די מיידלעך זיך אויסגעזעצט אַרום דער שיין פון די ליכטלעך און אָנגעהויבן מיט אַ כאָראַלן געזאַנג.

קאַזשאַ האָט שנעל זיך געכאַפּט, אַז סטאַשיאַ פעלט. זי האָט אַ פרעג געטאָן יאַדוויגאַן, און זי האָט איר געענטפערט מיט אַ הייב

מיט די אַקסלען. ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן און געלאָפן צום בעט, און נאָך זיי — נאָך עטלעכע מיידלעך. ווען סטאַשיאַ האָט זיך מיט אַנגסטיקער שרעק אויפגעוועקט, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין...

— זאָג אונדז, וואָס איז מיט דיר פּלוצלינג געשען? — האָבן די מיידלעך אומרויִק געפרעגט סטאַשיאַן.

סטאַשיאַ האָט שנעל זיך באַהערשט אין איר נישט אָנגענעמער סיטואַציע און געענטפערט מיט אַ כליפּענדיק קול:

— יעזוס מאַריאַ! ס'איז מיר שווער צו זינגען ביי דער „כאָינקע" אַזוי ווייט פון דער היים...

די מיידלעך האָבן זיך איבערגענומען מיט סטאַשיאַס ענטפער און אויך זיי האָבן מיטגעוויינט, ביז סטאַשיאַ איז אַראָפּ פון גע־לעגער, אויסגעווישט די אויגן, און צוזאַמען מיט אַלע אַריין אין געזאַנג...

*

פון שכנותדיקע לאַגערן האָבן אָנגעהויבן קומען פּוילישע בחורים, כדי צו שליסן קאָנטאַקט מיט די מיידלעך. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען „פּאָזנאַנטשיקעס" (פּאָליאַקן פון פּויזן) געקומענע קיין דייטשלאַנד ווי פרייוויליקע צו דער אַרבעט. זיי זענען געווען פּריווילעגירט, געהאַט פרייהייט זיך צו באַוועגן אויסער די גרענעצן וווּ זיי האָבן געוווינט. זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס זענען אין די פרייע זונטיקס געקומען אויסגעפּוצטע צו די מיידלעך אין פרויען־לאַגער.

דאָס אָרט פאַר באַקענען זיך איז בעיקר געווען די קאַנטינע פון לאַגער אין אַ ברוין אָפּגעמאַליעוועטן באַראַק. ביים אַריינגאַנג זענען געווען פאַרפלאַנצט בלומען. די אינווייניקסטע ווענט — באַ־פּוצט מיט פּאָרטרעטן פון די נאַצישע פירערס, מיט אויסשניטן פון דייטשישע זשורנאַלן און מיט וואַנט־צייטונגען אין דער פּוילישער שפּראַך פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. צו די טישלעך אַרום די ווענט

האָט מען געקאָנט צוברענגען פֿאַר געצאָלט אַ גלאָז שוואַרצע נישט־געזיסטע קאַווע, אָדער אַ קופּל שוואַרצע ביר. צום מיינסטן האָט געצויגן אַהער דער היימישער האַרמאָשקע־אָרקעסטער און דער קיילעכיקער טאַנצפּלאַץ אין מיטן פֿון באַראַק.

אַ גאַנצע וואָך איז די קאַנטינע ווייניק באַזוכט געוואָרן. ערשט ווען ס׳איז געקומען דער פֿרייער זונטיק, האָבן בחורים און מיידלעך אויסגעפּילט דעם באַראַק מיט טענץ, געלעכטער און געשפּרעכן.

באַלד ביים אַריינגיין דאָס ערשטע מאָל אין דער קאַנטינע האָבן סטאַשיאַ מיט אירע צוויי שיינע קאָלעזשאַנקעס נישט גע־דאַרפֿט לאַנג וואַרטן, אַז זיי זאָלן צוציִען די בליקן פֿון די בחורים. צוויי פֿון זיי, אַנטאַש און זיגמונט, זענען געווען בלאָנדע מיט בלויע צעשמייכלטע אויגן. דער דריטער, איגנאַץ, איז געווען על־טער פֿון זיי און געהאַט אַ טונקעלע טשופּרינע, ברוינע אויגן און אַ פֿאַרריסן נעזל. די דריי האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר „פּאָזנאַנ־טשיקעס“ וואָס האָבן נישט ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען צו פֿיל צייט ביים טאַנצן. זיי האָבן אַ נעם געטאָן די מיידלעך אונטער די אָרעמס און פֿאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר איבער די פֿעלדער אַרום לאַגער.

די דריי פּאָרלעך זענען אין איין שורה געגאַנגען צוזאַמען און די שמועסן זענען אויך געווען געמיינזאַמע. די ייִנגלעך האָבן נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלימענטן, און די מיידלעך האָבן דאָס אויפֿגע־נומען מיט אַ פֿריילעך געלעכטערל. די ערשטע קאָנטשאַפֿט איז געוואָרן פֿאַרענדיקט אין דער קאַנטינע מיט טענץ. די בחורים האָבן אַנגעזאָגט דעם קומענדיקן זונטיק אַ צווייטן וויזיט.

די דריי זענען טאַקע געקומען אין לאַגער, אָבער ווען זיי זענען אַריין אין דער קאַנטינע, האָבן זיי נישט געטראָפֿן זייערע פּאַרט־נערקעס. זענען זיי אַריין אין באַראַק און געטראָפֿן אַ שטימונג פֿון זאָרג און שטוינונג. סטאַשיאַ האָט זיי דערציילט, אַז ערשט מיט אַ ווײַלע פֿריִער זענען צוויי געסטאַפּאָווצעס אַריין אין באַראַק, באַפֿוילן די מיידלעך זיך צו שטעלן ביי זייערע בעטן און אויס־

גערופן אַ נאָמען. זיי האָבן דער פרוי געהייסן איינפּאַקן די זאַכן און זי גענומען מיט זיך.

— ווער איז דאָס געווען? — האָט איינער פון די בחורים געפרעגט.

— אַן עלטערע פרוי, מאַריאַ — האָט סטאַשיאַ געענטפערט מיט אַ שטים, וואָס האָט נאָך געהאַט שפורן פון שרעק.

צו זיי זענען צוגעקומען קאַזשאַ מיט פעליאַן, אַלע זענען זיי אַרויס אין דרויסן און פאַרגעזעצט דאָס געשפּרעך.

— אָן אַ סיבה קומט נישט געסטאַפּאָ אין לאַגער — האָט אַנטאָש געזאָגט.

געוויס! — האָט קאַזשאַ אויסגערופן. — איך האָב באַלד פון אָנהייב חושד געווען, אַז מאַריאַ איז אַ פאַרשטעלטע יידישקע.

— וואָס מיינט איר, מיידלעך, אַז מאַריאַ איז דער איינציקער פאַל אין אייער לאַגער? — האָט זיגמונט געלאָזט הערן זיין גראָבע שטימע.

איגנאַץ, וואָס איז געשטאַנען שטייף מיט ביידע הענט אין די טאַשן, האָט איין האַנט באַפרייט און זי אָנגעשטעלט אַנטקעגן קאַזשאַן פרעגנדיק:

— זאָגט מיר פריילין, קאַזשאַ, וואָס האָט איר אַזוינס דערזען אין מאַריאַ פאַרדעכטיקס?

קאַזשאַ האָט זיך דערפילט שטאָלץ וואָס בלויז זי איז באַרופן צו ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע:

— קודם-כל איז מיר נישט געפעלן געוואָרן איר רייסן זיך צו ווערן די גאַנצע דעה־זאָגערין אין באַראַק. צווייטנס האָט זי זיך דעמאַסקירט ביים אָנפירן מיט די נאַכט־תפילות. זי האָט נישט געקענט דעם מינדסטן ריטואַל, וואָס אַ קאַטאָליטשקע דאַרף וויסן.

— פאַר וואָס האָט איר באַלד וועגן דעם נישט געמאָלדן דער לאַגער־קאָמענדאַטור?

קאַזשאַ האָט אָנגעשטעלט אַ פאַרדריסלעך פּנים:

— וואָס מיינט איר, פּאַניע איגנאַץ, אַז איך זיץ דאָ אין לאַ־

גער מיט אַ פּאָליציייִשער אויפגאַבע? געגוג, אַז איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט מײַנע חברטעס אין באַראַק און אויך מיט סטאַ־שיאַן.

דאָ האָט סטאַשיאַ שוין מער נישט געקאָנט שווײַגן:

— איך מיין, אַז מאַריאַס אַרעסט טראָגט גאָר אַן אַנדער כאַ־ראַקטער. אפשר האָט זי אין לאַגער געפירט אַ פאַרבאָטענע טעטי־קייט און דאָס איז דערגאַנגען צו דער געסטאַפּאָ. וועגן איר ייִדיש־קייט בין איך אַ קנאַפּערע קענערין, ווי קאַזשאַ. זי האָט געוווינט אין שטאָט נאָענט פון ייִדן. אין דאָרף האָב איך קיין ייִד פּאַר די אויגן נישט געזען.

— אַנטשולדיקט, פריילין סטאַשיאַ — האָט יאַנוש איר איבער־געריסן —ביים פירן די תפילות, ווי עס דערציילט פריילין קאַזשאַ, האָט איר גאָרנישט באַמערקט?

סטאַשיאַ האָט גוט פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון אומגעריכטן געשפּרעך, האָט זי פאַרטושט דעם אינערלעכן אומרו מיט איר לייכ־טער האַלטונג:

— הערט אויס, קאַזשאַ האָט ליב שטענדיק זיך אַרומצוקוקן, אָבסערווירן. מיטן אויפכאַפּן פּיקאַנטע מאָמענטן פאַרשאַפט זי אונדז טייל מאָל אַ גוטע שטימונג. אין דער צייט פון די תפילות אינטע־רעסירן מיך בלויז די ווערטער, וואָס איך לייען אַרויס פונעם היי־ליקן ביכל און איך ברענג זיי אַרויס אויף מײַנע ליפּן צוזאַמען מיט די וואָס זיצן לעבן מיר. מאַריאַ איז מיך ווייניק אָנגעגאַנגען. איך האָב זי אַפילו פיינט געהאַט. גוט איז זי געווען צו אַנדערע, נישט צו מיר. אויך קאַזשאַ האָט דורך איר געקראָגן אַ לייכטע אַרבעט...

— האַ, איך האָב געפילט, אַז דו ביסט מיך מקנא מיט מיין אַרבעט אין דער פּאָסט...

— נאַריש מיידל, — האָט סטאַשיאַ אַרומגענומען קאַזשאַן, זיך הילכיק צעלאַכט. — האָסט אַ מאָל געהערט מיך זיך באַקלאָגן אויף מיין אַרבעט?

איגנאַץ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואַרט צו, פריילין פעליאַ האָט נאָך זיכער וואָס צו זאָגן.

פעליאַ האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַ פּיר געטאָן מיטן שפּיץ שוך איבערן זאַמדיקן באָדן און געזאָגט אַ פאַררייטלטע:

— איך ווייס? מיר האָט מאַרישע קיין שלעכטס נישט געטאָן, איז זי מיר אויך ווייניק אָנגעגאַנגען. זי איז דאָך אַזוי ענלעך צו אַ פּאָלקע. אויף אַן אמת, איך ווייס נישט.

איגנאַץ האָט פאַרגעזעצט דאָס געשפּרעך אויפן שפּאַציר און שאַרף אַקצענטירט זיינע רייד:

— אין אונדזער לאַגער קאָן אַ ייִד זיך נישט באַהאַלטן. מיר, פּויזנער, ווייסן ווי אַזוי זיך אומצוגיין דערמיט. נאָר איר, ווייבער, זענט נישט גענוג רייף אויף דעם געביט, דערפאַר קאָנען אין אייער לאַגער זיך אויפהאַלטן זשידוווקעס. די פריילין קאַזשאַ איז אפשר די איינציקע צווישן אייך מיט אַ שאַרף אויג. אָבער זי דאַרף וויסן, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַזאַ איינער, ווי מאַריאַ.

בעתן רעדן צו די מיידלעך האָט איגנאַץ זיי אַריינגעקוקט אין די אויגן. פאַר קאַזשאַ און פעליאַ האָט עס געקאָנט הייסן אַ העפ־לעכער זשעסט, פאַר סטאַשיאַ איז דער קוק געווען אַ שלעכטער אָנזאָג, וואָס האָט אַרויסגערופן אין איר אַ ציטער. מיט אַלע כּוחות האָט זי אים נישט דערלאָזט צו אירע אויגן.

ווען איגנאַץ האָט סטאַשיאַן גענומען אונטערן אָרעם האָט זיך איר געדאַכט ווי ער וואָלט געפּרוווט זיינע פינגער־שפּיצן אָנשטעלן אויף איר פּולס, אָבער סטאַשיאַ האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מיט פּשוטע ווערטער צו פאַרלויפן איגנאַצס בייזע מחשבות.

— פאַר וואָס — האָט סטאַשיאַ אָנגעשטעלט אַ נאַיִוו פּנים — הערן מיר נישט ביי אונדז אין לאַגער אַזעלכע טשיקאַווע רייד? זענען מיר דאָ בלויז פּרומע דינסטן און מער גאָרנישט? איך וואָלט פאַרגעלייגט, מען זאָל דעם פאַן איגנאַץ פאַרבעטן צו אונדז, ער זאָל אַזוי רעדן פאַר אַלע מיידלעך אין באַראַק.

יאַנוש האָט אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס און אויסגערופן:

— ווי גאָט איז מיר ליב, דאָס איז אַ קלוגער פאָרשלאָג!

קאַזשאַ האָט גלייך אויפגעכאַפּט יאַנושעס אויסרוף:

— סטאַשיאַ איז אַ שטילע, קאַרג אין רייד, אָבער אַז זי פאַר־טראַכט עפּעס, איז דאָ וואָס צו הערן.

אין גאַנג האָט סטאַשיאַ אַנגעבויגן איר קאָפּ צו איגנאַצעס פאַר־טראַכט פּנים:

— נו, פּאַניע איגנאַשו, וואָס זאָגט איר אַליין צו דעם וואָס איך האָב פאָרגעלייגט?

איגנאַץ האָט אויף אַ ווײַלע אײַנגעהאַלטן זײַנע טריט און זיך געווענדט צו סטאַשיאַן און דערנאָך צו אַלע שפּאַצירנדיקע:

— איך דאַנק אײַך, פריילין סטאַשיאַ, פאַר אײַער בכּבודיקן פאָרשלאָג, איך וואָלט זייער גערן געטאָן, ווי איך האָב דאָס געטאָן אויפן פאַקולטעט אין פּויזנער אוניווערסיטעט. אָבער דאָרטן בין איך דאָך געווען אַ פרייער פּאָליאַק און דאָ וויל איך גאָרנישט, אַז די דײַטשן זאָלן וויסן, אַז איך רײַס זיך צו עפנטלעכע אַרויסטריטן.

— אָבער דאָס איז דאָך אַ טעמע פאַר וועלכער די דײַטשן וועלן דיר דאַנקבאַר זײַן...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן — האָט איגנאַץ אַ קוק געטאָן אויף זיגמונטן — די דײַטשן אין לאַגער האָבן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער געסטאַפּאָ און זיי האַלטן אויפן אויג אַ פּאָליאַק וואָס מישט זיך אין געזעלשאַפטלעכע ענינים.

די דרײַ פּאָרלעך זענען דערגאַנגען צו דער קאַנטינע, פון וואַ־נען עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון האַרמאָשקעס. טאַנצנדיקע פּיס האָבן געטופּעט צום טאַקט פון אַ פּאָלקע. סטאַשיאַ האָט גע־לאָזט אויף זיך דערקענען, אַז זי איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דער פריילעכער שטימונג און אָנגעהויבן זיך וויגן צום ריטעם פון דער מוזיק. קאַזשאַ און פעליאַ האָבן נאָכקאָפּירט סטאַשיאַן, די בחורים האָבן אַ ציי געטאָן די מיידלעך פאַר די הענט און אַרײַן אין טאַנץ.

מיט פאַרוואָרפענע קעפּ און גלאַנציקע אויגן האָבן זיי זיך גע־הויבן. די פּיס האָבן געטראַסקעט אין הילצערנעם דיל, באַגלייט פון ווילדע אויסגעשרייען: או־האָ! או־האָ!

איגנאַץ און סטאַשיאַ זענען אַרויס פון טאַנץ, ער האָט זי פאַר־בעטן צו אַ טישל און געבראַכט צוויי קופלען שוואַרצע ביר. אַ גוט־געשטימטער האָט ער אָנגעקלאַפּט זיין קופל אין סטאַשיאַס:

— צום געזונט! זאָל זיך אונדז דאַכטן, אַז מיר טרינקען וואָדקאַ.

— זאָל זיך מיר בעסער דאַכטן, אַז איך געפין זיך איצט אויף אַ הוליאַנקע אין דאָרף.

— פריילין סטאַשיאַ, — איגנאַץ האָט אַ קעם געטאָן מיט די פינגער דורך זיין טשופּרינע, — איך וואָלט געשווירן, אַז איר זענט נישט קיין דאָרפישע.

סטאַשיאַ האָט אָוועקגעשטעלט דאָס ביר אויפן טישל:

— אויב דאָס דאַרף זיין אַ קאָמפּלימענט, בין איך נישט גרייט אים אָנצונעמען, מיין דאָרף איז מיר ליבער ווי אייער גרויסע שטאָט.

איגנאַץ האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנטפלאַך אויף דער ברוסט.

— אַנטשולדיקט, פריילין סטאַשיאַ, איך האָב בלויז אין זינען געהאַט אייער דעליקאַטקייט, וואָס איז אַ זעלטנהייט ביי אַ דאָר־פישע...

סטאַשיאַ האָט אַ זופּ געטאָן פונעם ביר און אָנגעשטעלט איר בליק אויף איגנאַצן:

— מיינע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן האָב איך אפשר פון מיין טאַטן, אַ וואַרשעווער, וואָס האָט געהייראַט אַ דאָרפיש מיידל. אָבער דאָס איז געוויס מער אינטערעסאַנט פאַר אייך, אַ סטודענט פון פּסיכאָלאָגיע.

— זעט איר, פריילין סטאַשיאַ, — האָט איגנאַץ זיך אָנגעבויגן צום טישל, — דאָס וואָס איר זאָגט, ווייזט אויך אויף אייער העכע־רער אַנטוויקלונג.

סטאַשיאַ האָט זיך צעשמייכלט:

— אויב פון אַ דאָרפישער פּאָלקשולע קאָן מען אַרויס מיט אַ העכערער אַנטוויקלונג, איז דאָס טאַקע אַ דערגרייכונג...

— אָבער, פריילין סטאַשיאַ, עפּעס האָט געווירקט וואָס האָט אייך אַרויסגעפירט פון די דאָרפישע באַגרענעצטקייטן.

— איר זענט דערגאַנגען צום פּונקט. יעדער מענטש מיט זיינע אייגנשאַפטן. נעמט, צום ביישפּיל, מיין חברטע פּעליאַ. זי שטאַמט פון אַ גרויסער שטאָט און קומט אַ מאָל אויס צו פירן מיט איר אַ געשפּרעך, איז זי נאַיִוו און פאַרלירט דאָס לשון.

איגנאַץ האָט זיך צעלאַכט און איינשטימיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, איך האָב דאָס באַמערקט אויף איר פאַררייטלטן פּנים...

אין קאַנטינע האָט דער טומל נאָכגעלאָזט, די פריִער צעהיצטע פאַרלעך האָבן איינגעהאַלטן דעם אימפּעט און זיך באַוועגט לויט די קלאַנגען פון אַ צעצויגענעם וואַלס.

— קאָן איך אייך איינלאַדן צום וואַלס?

— זייער גערן — האָט סטאַשיאַ געענטפערט מיט אויסגע־שטרעקטע הענט.

בעתן טאַנץ האָט איגנאַץ פאַרטרויט סטאַשיאַן אַ סוד:

— כאַפּט אַ בליק אויף דעם, וואָס זיצט אין ווינקל, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס. ער לייענט אַ צייטונג און וואַרפט אויגן אויף די טאַנצנדיקע...

— יאָ, איך זע אים אַ מאָל אין דער קאַנטינע ביי אַ גלעזל ביר.

— ווייסט איר ווער ער איז?

— ניין.

איגנאַץ האָט סטאַשיאַן איינגערוימט אין אויער:

— ער איז אַ פּאָליציי־אַגענט, רעדט עטלעכע שפּראַכן, אויך פּויליש. איך מיין, אַז מאַריאַס אַרעסט איז זיין אַרבעט, מיט מיר האָט ער געוואָלט פאַרפירן געשפּרעכן, פאַרגעלייגט באַקענען מיך מיט פאָלקס־דייטשן אין בערלין. איך בין געבליבן גלייכגילטיק צו זיינע פאָרשלאָגן.

— וווּ טוט ער דאָס? דאָ, ביי אונדז אין דער קאַנטינע?

— ער קומט אויך צו אונדז אין לאַגער.

— זאָל ער גיין צום טיוול.

— שאַצט אים נישט גרינג. ער קאָן אָנטאָן צרות...

אַ טאַנצנדיק פּאָרל האָט זיך אָנגעשטויסן אין זיי ביידע. סטאַשיאַ האָט איינגעבויגן אַ פּוס. מיט פאַרקריצטע ציין האָט זי זיך צוגעשלעפּט צו אַ טישל, איגנאַץ האָט אויסגעדריקט באַדויערן וואָס דער טאַנץ איז איבערגעריסן געוואָרן.

סטאַשיאַ האָט אָפּגעאָטעמט און באַמערקט:

— מיר האָבן מער גערעדט ווי געטאַנצט...

— אַזאַ בין איך. אַלץ וואָס איך טו איז באַגלייט מיט רעדן, בפרט אין אייער געזעלשאַפט...

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט. איך בין ווייטער גרייט אייך אויסצוהערן.

פריילין סטאַשיאַ, איר זענט מיר אָבער שולדיק אַן ענטפער...

— איך געדענק נישט אויף וואָס.

— איך האָב דערמאָנט מאַריאַס אַרעסט.

— אַ יאָ! איך קען זיי ביידן שיקן צום טייוול...

איגנאַץ האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף סטאַשיאַן:

— מאַריאַ ט׳געהאַט פאַר וואָס זיך צו שרעקן פאַרן טייוול, אָבער דעם אַגענט וועט דער טייוול נישט נעמען. ער אַליין איז דער טייוול...

סטאַשיאַ האָט זיך אויסגעגלייכט אויף דער שטול. זי איז אַריבער אין אָנגריף:

— פּאַניע איגנאַץ! אויב איר צילט מיך אָפּצושרעקן מיט דעם אַגענט, איז אייער מי אַן אומזיסטע.

איגנאַץ האָט אַ הייב געטאָן די אַקסלען:

— פריילין סטאַשיאַ! אַנטשולדיקט, איר פאַרשטייט מיך שלעכט, איך רעד צו אייך אָן שום בייזע כוונות. אונדזער גאַנצער געשפּרעך איז דאָך צוליב מאַריאַס אַרעסט, פון וועלכן איר האָט אויסגעזען צו זיין שטאַרק איבערגענומען...

— געוויס — האָט סטאַשיאַ אַקצענטירט — איך בין געווען אונטערן איינדרוק פון דער נערוועזער שטימונג אין באַראַק.

— דאָס איז דאָך זעלבסט־פאַרשטענדלעך — איגנאַץ האָט צע־צויגן די ווערטער.

קאַזשאַ און פעליאַ זענען, אין דער באַגלייטונג פון זייערע פּאַרטנערן, צוגעקומען צום טישל. זיי האָבן אויסגעזען צו זיין פאַרמאַטערט פונעם טאַנץ. יאַנוש און זיגמונט האָבן זיך געוויצלט אויף איגנאַצס אַדרעס:

— האָסט זיך צוגעקלעפּט צו סטאַשיאַן נישט אָפּצורייסן...

סטאַשיאַ האָט אויפגעכאַפּט:

— ווייזט אויס אַ גוטער קליי, ער האַלט שטאַרק...

איגנאַץ האָט געפּאַטשט מיט די הענט:

— בראַוואָ!

יאַנוש האָט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג:

— אַזוי גיך געפונען סימפּאַטיע ביי אַ פריילין?

זיגמונט איז אַרויס מיט אַ גראָב געלעכטער:

— אויף אַן אמת, צו גיך צוגעקלעפּט.

נאָך אַ קורצן איבעררייס האָבן די האַרמאָשקעס זיך צעשפּילט. די קלאַנגען פון אַ פּאָלקע האָבן ווידער געצויגן צום טאַנץ. די פּיס זענען אַריין אין קאַראַהאָד. אויסגעשרייען פון צעלאָזענער פרייד האָבן באַגריסט דעם פרייען זונטיקדיקן טאָג.

יאַנוש האָט פאַרגעלייגט זיך צו בייטן מיט די מיידלעך צום טאַנץ. סטאַשיאַ, פעליאַ, און קאַזשאַ האָבן זיך געשטעלט אין אַ זייט, געקוקט צו די בחורים, ווי זיי קומען צווישן זיך אַדורך, ווער מיט וועמען עס זאָל טאַנצן.

יאַנוש האָט העפלעך זיך פאַרבויגט פאַר סטאַשיאַן און זי אַרומ־גענומען. די דריי פּאַרלעך זענען ווידער אַריין אין דער פּאָלקע.

— פריילין סטאַשיאַ, איר זענט שוין מיד? — האָט יאַנוש אַ צעיאַכמערטער געפרעגט.

— נישט אַזוי מיד ווי דאַרשטיק.

ביידע זענען אַרויס פון צווישן די טאַנצנדיקע. יאַנוש האָט אויסגעגלייכט זיין צעשויבערטע טשופּרינע, צוגעפירט סטאַשיאַן צו אַ זייטיק טישל און געפרעגט:

— ביר אָדער קאַווע?

— קאַווע — האָט סטאַשיאַ געענטפערט.

יאַנוש איז צוגעקומען מיט צוויי טעפלעך קאַווע, פאַרריכט זיך דעם קראַוואַט, וואָס איז בעתן טאַנצן אויסגעקרימט געוואָרן. אַראָפּקוקנדיק צום געפּרעסטן קאַנט פון די הויזן האָט ער אַזש אויסגעשריגן:

— דאַ כאַלערי! באַשפּריצט די הויזן!

— פון דעם בלייבט נישט קיין פלעק — האָט אים סטאַשיאַ באַרויִקט.

— איך האָב געפילט אַ שטויס אין רוקן. אַזאַ כאַמסקען וויִץ האָט געקאָנט מאַכן נאָר דער אינטריגאַנט.

— פאַניע יאַנוש, וועמען האַלט איר דאָ פאַר אַן אינטריגאַנט?

— איגנאַץ! — האָט יאַנוש אויסגערופן מיט כּעס.

— אייער קאָלעגע? איר זענט אין דעם זיכער?

— יאָ, פריילין סטאַשיאַ! איר קענט אים נאָך נישט. איגנאַץ איז נישט קיין אָנגענעמער טיפּ. ער האַלט זיך העכער פון אַלע, האָט ליב יענעם צו דערנידערן, ער חברט זיך מיט די דייטשן, אפשר זוכט ער צו מאַכן ביי זיי אַ קאַריערע.

יאַנוש האָט געזאָגט די עטלעכע ווערטער פאַר זיין צולויפן צום וואַסערקראַן, ווו ער האָט מיטן באַנעצטן טיכל אָפּגערייניקט די פלעקן פון זיינע הויזן. צוריקגעקומען, האָט ער געטראָפן די צוויי פּאָרלעך ביי סטאַשיאַס טישל. איגנאַץ האָט אים אויפגענומען מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער...

— פון וואָס לאַכסטו? — האָט יאַנוש זיך אַרומקוקנדיק געפרעגט.

— דו קאָנסט מאַכן לאַכנדיק...

— איך? מיט וואָס? — האָט יאַנוש פאַרוואונדערט געפרעגט און דערביי אָנגעקוקט איגנאַצן.

— וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן?

— קוק אַראָפּ אויף דיינע הויזן. אַלע דאַרפן וויסן, אַז דו האָסט נישט באַוויזן אַריינצולויפן דאָרטן ווו דו האָסט געדאַרפט?...

די מיידלעך האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און יאַנושעס אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט רוגזה.

— פאַר אַזאַ כאַם ווי דו, פּאַסן אַזעלכע וויצן.

איגנאַץ האָט מיט געביילטע פויסטן זיך דערנענטערט צו יאַנושן:

— דו הורנזון! איך האָב דאָס געזאָגט אין וויץ און דו האָסט דאָס פאַרשטאַנען ווי אַ פאַרסמאַרקעט יינגל.

זיגמונט האָט זיך געשטעלט אויף יאַנושעס זייט:

— דו ווילסט שפּילן די ראָלע פון אַן אינטעליגענט אָן בושה מיט דיין קורווישער שפּראַך אַפילו פאַר די מיידלעך...

איגנאַץ האָט אַרויסגעסיקעט פון צווישן די ציין:

— איר זענט ביידע פון איין סאָרט...

יאַנוש מיט זיגמונטן האָבן זיך געשטעלט אין אַ פּאָזע ווי זיך צום שלאָגן. איגנאַץ האָט פאַרריסן זיין פּנים מיט ברייט צעעפנטע אויגן. קאַזשאַ, אַ דערשראָקענע, איז אַריין צווישן די קאַוואַליערן. סטאַשיאַ האָט אַ שלעפּ געטאָן איגנאַצן פאַר די האַנט און זיך געבעטן ביי אים:

— באַרויִקט זיך! ס'איז דאָך נישט שיין צווישן אַזוי פיל מענטשן.

איגנאַץ איז נאָך געווען צעקאָכט און מיט אַן אויסגעדרייט פּנים צו זיינע חברים געדראָט: „איך וועל זיי אָנלערנען" אָבער פון סטאַשיאַן האָט ער געלאָזט זיך פירן ווייט פון דער קאָנטיגע. זי האָט געדריקט צו זיך זיין אויפגערעגט־ציטערנדיקע האַנט און מיט מילדע רייד אים איינגענומען:

— פון אַזעלכע צוויי צערייצטע מענטשן איז גלייכער, אַז מען טרעט אָפּ, נישט דאָ איז דאָס אָרט אויף קריגערייען.

— פריילין סטאַשיאַ, ווען איר נעמט מיך נישט אַוועק, וואָלט איך זיי ביידע צעקוועטשט ווי קורטשאַקעס...

דער לאַגערגלאַק האָט זיך צעקלונגען. איגנאַץ האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנטזייגערל, ס׳איז געווען האַלבער טאָג. ער האָט זיך געזעגנט מיט סטאַשיאַן און איר אָנגעזאָגט נאָך אַ וויזיט אויף דעם קומענדיקן זונטיק.

נאָך מיטאָג־עסן האָט סטאַשיאַ פאַרפירט אַ שמועס מיט זאָשיאַן, וועלכע איז אויך געווען אין דער קאַנטינע און אָבסערווירט סטאַשיאַן מיט איר געזעלשאַפט. זאָשיאַ האָט געוווּסט בלויז דאָס, וואָס איר אויג האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן פון דער זייט. אויך דעם סקאַנדאַל ביים סוף פון דער פאַרוויילונג האָט זי באַמערקט. זאָשיאַ האָט אָבער נישט געוווּסט די סיבה פונעם אינצידענט, און סטאַשיאַ האָט דאָס איר איבערגעגעבן מיט אַלע פּרטים.

— סט׳געזען, מיט וועמען כ׳האָב געטאַנצט? — האָט זאָשיאַ מיט אירע צעשמייכלטע אויגן געפרעגט — אַזאַ שיינער קאַוואַליר, מיט אַ פיינער באַנעמונג, גאָרנישט ווי יענע צעלאָזענע כלאָפּצעס.

סטאַשיאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ טיפן זיפץ געטאָן און געלאָזט זאָשיאַן אָן אַן ענטפער.

— פאַר וואָס ביסטו פּלוצלינג געוואָרן אומעטיק? — האָט זאָשיאַ געפרעגט.

— פאַראַן אַ סיבה — האָט סטאַשיאַ טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — ווען איך האָב געזען דיך טאַנצן מיט יענעם קאַוואַליר, האָט דאָס האַרץ אין מיר אַ ציטער געטאָן. איך האָב געמוזט זיך אויסהיטן, אַז איגנאַץ זאָל דאָס נישט באַמערקן אויף מיין פּנים.

— וואָס איז די סיבה? — איז זאָשיאַ צוגעשטאַנען צו סטאַשיאַן.

— דער, מיט וועמען דו האָסט געטאַנצט, איז אַזוי ענלעך צו מיין יינגסטן ברודער, משהלע, וועד ווייסט וואָס מיט זיי איז געשען דאָרטן אין וואַלד.

זאָשיאַ האָט אויסגעמוסרט סטאַשיאַן:

— האָסט אַליין ווייניק צרות, זוכסטו נאָך?

— מיין טייערע, איך זוך זיי נישט. זיי קומען אַליין... — האָט סטאַשיאַ שטיל געענטפערט.

אין וואַשרוים,ביים רייניקן די כּלים נאָכן עסן האָבן זיך ביידע געשיידט. זאָשיאַ איז אַוועק צו דער שוועסטער אין צווייטן עק פון באַראַק.

סטאַשיאַ, אַן אויסגעצויגענע אויף איר בעט, איז געלעגן, גע־טראַכט און לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן...

✶

ווי סטאַשיאַ האָט געטאָן איר אַרבעט אין דער פאַבריק, האָט דער דייטשישער אויפזעער אַוועקגעזעצט לעבן איר אַן אומבאַ־קאַנטע פרוי. דאָס פּוילישע מיידל, וואָס איז פריִער געזעסן אויף דעם אָרט, האָט מען געשטעלט רייניקן די פאַדלאָגעס, צונויפנעמען אין זעק דעם אָפּפאַל פון די מאַשינען און דערלאַנגען די אַרבעטער פאַרשיידענע רוישטאָפן.

הילזאַ, סטאַשיאַס נייע אַרבעט־שכנה, איז געווען אַ דייטשקע אין די מיטעלע יאָרן. איר פּנים האָט מיט גאָרנישט געגעבן צו דער־קענען איר „אַרישן" אָפּשטאַם, אַחוץ דאָס פאַרריסן דיקלעך נעזל און די גראָע אויגן אויף איר ברונעט פּנים. עפּעס קעגנזועצלעכס צו דעם, וואָס זי האָט געדאַרפט מיט זיך פאָרשטעלן ווי אַ פרוי, איז געווען אין דעם ברייטן מויל ביז די גריבעלעך אויף די פולע באַקן און אין דעם קורץ געשוירענעם טונקעלן קאָפּ האָר.

ווען סטאַשיאַ האָט אָנגעקוקט דעם ברייט־פאַרנעמיקן אונטן און דאָס קיילעכדיקע פאַרשלאָסענע פּנים פון איר נייער שכנטע, בעת זי האָט זיך דערנענטערט צו איר אַרבעט, איז איר געוואָרן אומהיימלעך. זי איז שוין געווינט געווען מיט איר פּוילישער חברטע. ביידע פלעגן זיך איבערוואַרפן מיט היימישע בליקן, און האָט זיי פאַרלייכטערט די געשפּאַנטע שטימונג ביי דער יאָגנדיקער

אַרבעט. גראָד אין זעלבן טאָג, ווען זי האָט מיט איר פּוילישער שכנטע זיך אָפּגערעדט ווי אַזוי אַ ביסל איינצוהאַלטן דעם אַרבעט־טעמפּאָ, האָט סטאַשיאַ אָנגעטראָפן די דייטשקע, וואָס האָט תּיכּף אָנגעהויבן ווישן די קוגל־לאַגערן מיט אַזאַ שנעלקייט, פון וועלכער סטאַשיאַן האָט פאַרשווינדלט אין די אויגן.

נישט גוט, האָט סטאַשיאַ געטראַכט, און געיאָגט די פינגער איבער די שמאַטקעס. איר געשפּאַנטקייט האָט אָנגעהויבן אַ ביסל פאַלן, ווען הילזאַ האָט צו איר אָנגעהויבן רעדן דייטש מיט אַ מילדן טאָן. סטאַשיאַ האָט איר געלאָזן אויסרעדן זיך און געהויבן מיט די אַקסלען: „ניקס פאַרשטיין". הילזאַ האָט זיך אָבער נישט גערעכנט מיט סטאַשיאַס תּמעוואַטע אויסדרוקן און ווייטער גערעדט. זי האָט דערציילט אַז זי איז אַנטי־נאַציש און שוין געזעסן אין טורמע פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט.

— קאָמוניסטן? — האָט סטאַשיאַ אונטערגעשטראָכן דאָס אייג־ציקע וואָרט, וואָס זי זאָל כּלומרשט האָבן פאַרשטאַנען.

הילזאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ און געבליבן שטיל. דער אַרבעט־אויפזעער איז אָנגעקומען, זיך איבערגעשפּאַ־צירט און אַוועק.

סטאַשיאַ איז געוועזן פאַרטאָן ביי איר אַרבעט און נישט גע־לייגט קיין אַכט אויף דער דייטשקע וואָס איז געזעסן אַן אָנגע־בלאָזענע. סוף־כּל־סוף האָט זי אויסגעדרייט איר פּנים און געפרעגט:

— ניקס פאַרשטיין דויטש?

סטאַשיאַ האָט געפינטלט מיט די אויגן און אַרויסגעקוועטשט פון זיך צוויי ווערטער:

— ביסכען פערשטיין.

הילזאַ האָט גערן אויפגעכאַפּט סטאַשיאַס „ביסכען" און גע־רעדט מיט אַ פּליסיק לשון קוקנדיק אַ מאָל אויף סטאַשיאַן און אַ מאָל אויף די קוגל־לאַגערן, וואָס זי האָט געפּאַקט אין די שאַכט־לען. הילזאַ האָט באַמערקט ווי סטאַשיאַ מאַכט איר אויפמערקזאַם מיט דער האַנט: „לאַנגזאַמער, ניקס פערשטיין". די דייטשקע האָט

איר געענטפערט מיט אַ ברייטן שמייכל פון איר צעצויגן מויל און גערעדט שטילער וועגן איר מאַן, וואָס איז ערגעץ אויפן מיזרח־פראָנט און זי האָט קיין אַנונג נישט, צי ער לעבט נאָך. מיט געציילטע ווערטער האָט זי דערמאָנט אירע צוויי זין, וואָס האָבן געהערט צו דער היטלער־יוגנט. זיי האָבן פרי פאַרלאָזט די שטוב צוליב די עלטערנס לינקע אָנשויונגען.

נישט ווייט פון זיי האָט געאַרבעט יוזעפאַ, אַן עלטערע פריילין פון אַ פאַרוואָרפן קליין שטעטל אין פוילן. זי האָט אָנגעשטעלט אַן אויער, געוואָלט עפּעס אויפכאַפּן פון הילזאָס רייד, אָבער קיין איין דייטשיש וואָרט האָט זי נישט פאַרשטאַנען אַחוץ די דריי ווערטער וואָס דער דייטשישער אויפזעער פלעגט איר ביי זיין יעדן מאָל אַריינקומען צוּוואַרפן: „מאַך דאָס שנעלער". יוזעפאַן האָט פאַרדראָסן, פאַר וואָס די דייטשקע מיידט אויס צו קוקן אויף איר, און ווען הילזאַ האָט יאָ אַ מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר, האָט יוזעפאַן זיך געדאַכט, אַז זי זעט אַ בייז פּנים. יוזעפאַ האָט איר פאַרדראָס אַרויסגעברענגט פאַר סטאַשיאַן און געפרעגט:

— פעלט דען אויס צווישן די דייטשן אַן אַרבעט פאַר איר? פאַר וואָס מוז זי זיצן דווקא צווישן פּוילישע מיידלעך?

מיט יאַדוויגאַן איז איר געוועז אָנגענעמער, געהאַט מיט וועמען אויסצוטוישן אַ וואָרט: ביידע האָבן זיך געגעבן צייכנס ווען דער אויפזעער איז אַריין. סטאַשיאַ האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז הילזאַ קומט אָפּ אַ שטראָף פאַר איר קאָמוניסטישן גלויבן, און דערפאַר קאָן זי נישט אַרבעטן צוזאַמען מיט דייטשן.

צו יוזעפאַס שׂכל האָט סטאַשיאַס אויפקלערונג זיך נישט געפּאַסט. לויט איר מיינונג איז אויסגעקומען, אַז דער אויפזעער האָט די דייטשקע געברענגט, כּדי זי זאָל זיי היטן ביי דער אַרבעט און אפשר אויך — דערטראָגן מסירות. יוזעפאַ האָט סטאַשיאַן געראָטן וואָס ווייניקער זיך אָפּגעבן מיט דער דייטשקע.

סטאַשיאַ האָט זיך געפונען אין קלעם. הילזאַ האָט נישט געקאָנט מוותּר זיין אויף איר פּלאַפּלען ביי דער אַרבעט, און יוזעפאַ

איז געווען באַהערשט מיטן טעמפּן געפיל פון קינאה. סטאַשיאַ האָט געזוכט אַ מיטלוועג: נישט איינרייסן מיט יוזעפאַן און אויך הילזאַ זאָל נישט וואַרפן אויף איר אַן אומחן.

פאַר סטאַשיאַן זענען אַריבער געשפּאַנטע טעג. זי האָט לאַווירט צווישן בײדע: הילזאַן אַרויסגעוויזן געדולד פאַר אירע מעשׂיות און יוזעפאַן וועגן דעם דערציילט נאָך דער אַרבעט. סטאַשיאַ האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז יוזעפאַ וועט זי באַרעדן צווישן די מיידלעך אין באַראַק. זי האָט גענומען צו הילף קאַזשאַן און איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. קאַזשאַ האָט יוזעפאַן אויסגעזידלט און געוואָרנט די אַלטע מויד, זי זאָל זיך פון סטאַשיאַן וואָס גיכער אָפּטשעפּען. פאַר קאַזשאַן האָט יוזעפאַ מורא געהאַט צוליב איר אַרבעט אין פאָסט־אָפּטיילונג. מיט סטאַשיאַן זיך פאַרמעסטן האָט יוזעפאַן אויסגעזען צו זיין לייכטער.

אין אַ פאַרנאַכט נאָכן קלונג פון פאַבריקגלאָק, ווען אַלע האָבן געענדיקט די אַרבעט, איז הילזאַ, אַ צעקאָכטע, צוריקגעקומען פון איר גאַרדעראָבע־שאַפקעלע מיט אַ געשריי, מען זאָל איר גלייך צוריק געבן דאָס זשאַקעטל. די אַרבעט־אויפזעערס האָבן פאַרהאַלטן אַלע פוילישע מיידלעך, זיי רעווידירט און פאַראָרדנט אויסצולייגן די טאַשן צו די פיס. יוזעפאַ האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן סטאַשיאַן און זיך אָנגעהויבן נערוועז צו דרייען. סטאַשיאַ האָט באַמערקט, ווי זי וויל מיט די פיס פאַרטוישן די טאַשן. זי האָט נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן, ביז יענע האָט פּאַמעלעך זיך אַוועקגעשאַרט פון דעם אָרט. דער אויפזעער האָט לעבן סטאַשיאַן געפונען צוויי טאַשן, פון איינעם האָט דער דייטש אַרויסגעצויגן אַ זשאַקעטל. הילזאַ האָט אַ קוויטש געטאָן: „דאָס איז מיין!"

דער אויפזעער האָט סטאַשיאַן אַרויסגענומען פון דער ריי און איר אַריינגעשריגן אין פּנים:

— וועלכע טאַשע איז דיין?

סטאַשיאַ האָט זיך נישט פאַרלוירן און אָנגעוויזן אויף איר טאַש.

דער דייטש האָט ווידער אויסגעשריגן:

— וועמען געהערט דאָס?

קיינער האָט נישט געענטפערט.

דער דייטש, אַן אויפגערעגטער, איז געגאַנגען פון איינער צו דער צווייטער. זיינע בייזע אויגן האָבן דערזען יוזעפאַן צווישן די מיידלעך מיט אַ צעשראָקן פּנים. ער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן און געשריגן:

— וואָרום שוויגסטו, פּאָלנישע שווין?

הילזאַ האָט געפייערט איר נצחון איבער דער פּאַרהאַסטער יוזעפאַ און סטאַשיאַ האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

יעדן טאָג איז סטאַשיאַ געשטאַנען פאַר אַ נייעם אויספּרוּוו, וואָס פלעגט קומען אומגעריכט. איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען אַלע זענען שוין געשטאַנען ביי דער אַרבעט, איז פאַרפאָרן אַ לאַסט־אויטאָ און פון אים זענען אַראָפּ פרויען און מענער. זשאַנדאַרן האָבן זיי געיאָגט אין דער פאַבריק אַריין. הונדערטער פּאָר אויגן האָבן געקוקט אויף זייערע געלע לאַטעס און ווייסע פּנימער. שפּעטער האָט סטאַשיאַ זיך דערוווּסט, אַז דאָס זענען יידישע געלערנטע וואָס זענען, אָפּגעזונדערטע פון די איבעריקע פאַבריק־אַרבעטער, געשיקט געוואָרן אין דער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג צו אַרבעטן ביים טראַנספּאָרטירן די אויסגעאַרבעטע טיילן.

דער הויפּט־אויפזועער אין דער אָפּטיילונג, דער דייטש מעכע, איז געווען אַן עלטערער מאַן מיט אַ גרויען קאָפּ האָר, אַן אינוואַליד מיט אַ שטייפן פוס נאָך פון ערשטן וועלטקריג. געקענט האָט מען אים פאַר אַ פאַרהעלטנישמעסיק רויִקן מענטש. זעלטן ווען מען האָט געהערט זיין הייזעריק קול. דאָס שרייען האָט ער געלאָזט פאַר די אַנדערע אויפזועער. ער אַליין פלעגט אויספּרעסן פון די פּוילישע מיידלעך מער כּוחות דווקא מיט שטילע ווערטער. זיינע אויף אַלע זייטן צעלאָפענע אויגן פלעגן פון הינטער די פּלייצעס אַריבערקוקן צו די הענט, און ער האָט געלאָזן נאָך זיך דאָס איינ־

ציקע וואָרט, וואָס אַלע פּוילישע מיידלעך האָבן באַלד פון ערשטן אַרבעטסטאָג פאַרשטאַנען: „שנעלער!"

אַנדערש האָט זיך דער דייטש באַצויגן צו די ייִדן מיט די געלע לאַטעס. אויף זיי האָט ער געשריִען, זיי האָט ער געיאָגט און דערביי געפּאַכעט מיט אַ ווייס שטעקעלע, ווי ער וואָלט אָנגעפירט מיטן אַן אָרקעסטער.

מעכע האָט זיך גוט געפילט מיט זיין ראָלע, וואָס איז אים צו־געטיילט געוואָרן ביי דער גרופּע ייִדן. ער האָט זיי פונאַנדערגע־טיילט לויט זייער אַקאַדעמישער בילדונג. די מיט אוניווערסיטעט־דיפּלאָמען האָט ער אַוועקגעשטעלט ביי די שווערע קאַרטאָנען און קעסטלעך. מיט דעם ווייסן שטעקעלע האָט ער געצייכנט דעם וועג, וואָס די ייִדן האָבן געדאַרפט מאַכן און מיט זיין הייזעריק קול געיאָגט זייערע טריט.

הילזאַ האָט ליב געהאַט צו וואַרפן בליקן צו דעם אָרט, ווו די ייִדן האָבן געאַרבעט. זי האָט גערופן סטאַשיאַן זיך איינקוקן, ווי אומגעשיקט די ייִדן בייגן זיך ביים טראָגן די פּעק. סטאַשיאַ האָט געענטפערט, אַז אין די קאַרטאָנען געפינען זיך שטאָלענע טיילן מיט אַ שווערער וואָג, אָבער הילזאַ האָט זיך צעלאַכט ווען אַ קעסטל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון איינעמס הענט און געפאַלן אויף דעם צווייטנס פיס. מעכע האָט ווילד געשריִען און די פּוילישע מיידלעך האָבן מיטגעלאַכט נאָך הילזאַן.

שווער געווען איז סטאַשיאַן איבערצוטראָגן אַזעלכע סצענעס. פלעגט זי אָפט גיין אין דער אוביקאַציע. הילזאַ פלעגט באַדויערן סטאַשיאַן, וואָס מיט איר אַוועקגיין האָט זי דורכגעלאָזט פּיקאַנטע סצענעס. שפּעטער איז הילזאַן געוואָרן אויפפאַלנדיק סטאַשיאַס אָפט אַוועקגיין, האָט זי איר פאַרגעוואָרפן צופיל שפּירעוודיקייט. אַזעלכע איינגעשאַפטן פאַסן זיך נאָר פאַר ייִדן...

איין מאָל, ווען סטאַשיאַ איז געשטאַנען אין וואַשרוים ביים רייניקן די הענט נאָך דער אַרבעט, איז צו איר צוגעקומען איינער מיט אַ געלער לאַטע און געוואָלט וויסן, וואָס איז געוואָרן מיט די

ייִדן אין פּוילן. סטאַשיאַ האָט געענטפֿערט מיט איר „ניקס פֿאַר־שטיין" און יענער איז אַוועק. הילזאַ איז גלייך צוגעשטאַנען צו סטאַשיאַן, זי זאָל איר זאָגן וואָס דער יודע האָט פֿון איר פֿאַר־לאַנגט. סטאַשיאַ האָט געהויבן מיט די אַקסלען: עפּעס האָט יענער געוואָלט זיך דערוויסן, אָבער זי האָט אים נישט פֿאַרשטאַנען. הילזאַ האָט סטאַשיאַן געוואָרנט, זיך היטן פֿאַר די ייִדן, ווייל אומעטום זענען פֿאַראַן אויגן וואָס כאַפּן אַלץ אויף.

יעדן טאָג האָט דער דייטש אויסגעטיילט פֿאַר די ייִדן אַקאָרד־אַרבעט. אויב ס'איז געשען, אַז דער טראַנספּאָרט איז פֿריצייטיק גרייט געוואָרן, האָט מעכע געפֿונען אַ מיטל די ייִדן זאָלן נישט קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם: ער האָט באַפֿוילן אויסלאָדן און ווידער אָנלאָדן די לאַסטאויטאָס.

איין מאָל, ווען די פֿאַבריק איז געווען אין פֿולן גאַנג און מעכע איז געווען פֿאַרנומען מיט די ייִדן, איז פֿאַרפֿאָרן אַ לאַסט־אויטאָ מיט עס־עס־לייט, וועלכע האָבן זיך געוואָרפֿן שלאָגן די ייִדן, געשלעפּט זיי אין דרויסן און מיט די ביקסן־קאָלבעס געטריבן צו דער אַראָפּגעלאָזטער קלאַפּע פֿונעם אויטאָ. ווען מעכע האָט געבעטן, מען זאָל לאָזן די ייִדן ענדיקן מיט די לעצטע פּעקלעך פֿונעם טראַנספּאָרט, האָט מען אים געוויזן אַ פּאַפּיר תּיכף אויס־צופֿירן דעם באַפֿעל. איינער פֿון די ייִדן האָט אין טומל פֿאַרלוירן זיין טעקע און געוואָלט צוריקגיין, האָט אַן עס־עס־מאַן אים צו־ריקגעיאָגט שרייענדיק „בראָוכסט דאָס נישט מער!"

הילזאַן איז נאָך דעם געוואָרן לאַנגווייליק ביי דער אַרבעט און סטאַשיאַן איז שווער געווען צו פֿאַרטרייבן פֿון זיך דאָס טראַ־גישע בילד פֿון ייִדישער פֿאַרלוירנקייט.

אין דער אָפּטיילונג ווו סטאַשיאַ האָט געאַרבעט, האָט מען געניצט אַ סך שמאַטעס צום רייניקן און פּוצן די קוגל־לאַגערן. די שמאַטעס זענען געווען פֿון אַלטע בגדים, צעשניטענע אויף פּיר־קאַנטיקע שטיקלעך. איין מאָל, ווען סטאַשיאַ איז געקומען צו דער

אַרבעט און צוגעגאַנגען פאַרנעמען איר פּלאַץ, האָט זי אויפן טיש געפונען אַ געלע לאַטע אין דער פאָרעם פון אַ „מגן דוד". סטאַשיאַ האָט אָנגענומען מיט די פינגערשפּיצן די געלע לאַטע און געפרעגט הילזאַן, וואָס דאַרף דאָס באַטייטן. מיט אַ גראָב געלעכטער האָט הילזאַ איר אָנגעוויזן אויף אַ בלעכענער פּושקע לעבן איר, פול אָנגעשאָפּט מיט געלע לאַטעס.

הילזאַ האָט געריסט די קוואַליטעט פון די געלע לאַטעס. זיי האָבן שנעל איינגעזאַפּט די פייכטקייט און געמאַכט גלאַנציק די מעטאַלענע קײלעכלעך. אַחוץ דעם, האָט הילזאַ באַמערקט, קאָן דאָס אויך פאַרגרעסערן די אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט. אָבער דאָס, האָט זי געראָטן, דאַרף מען האַלטן בסוד, די אויפזעערס זאָלן נישט פאַר־לאַנגען נאָך מער. הילזאַ האָט סטאַשיאַן פאַרגעלייגט גיין נעמען פאַר זיך פון אָט די שמאַטקעס, ווייל דאָס פּוילישע מיידל, וואָס האָט יעדן אינדערפרי דאָס דערלאַנגט, איז היינט נישט געווען ביי דער אַרבעט. סטאַשיאַ האָט נישט געהאַט קיין ברירה, זי האָט גע־נומען איר פּושקע און אַוועק נאָך שמאַטקעס. דער דייטש האָט איר אָנגעוויזן דאָס אָרט מיט די איינגעפּאַקטע באַלעמס. איינער פון זיי איז געשטאַנען אָפן און ס'האָט זיך אַרויסגעזען אַ געלע פאַרב. אַ רגע איז סטאַשיאַ געבליבן שטיין אַ פאַרשטייפטע. זי האָט איינ־געבויגן דעם קאָפּ צום פּאַק געלע לאַטעס און מיט ציטערנדיקע הענט אָנגעכאַפּט די בלעך. הילזאַ האָט געוואַרט אויף איר צוריק־קומען.

— וואָס דענקסטו, סטאַשיאַ, וואָרען אין פּוילן זאַ פיל יודען?

— וואָרום? — האָט סטאַשיאַ זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין איר פראַגע.

הילזאַ איז געווען געשטימט צו פאַרפירן אַ געשפּרעך וועגן די געלע לאַטעס, אָבער צו סטאַשיאַס מזל איז אָנגעקומען דער אויפ־זעער און בײדע אויפמערקזאַם געמאַכט נישט צו רעדן בעת דער אַרבעט. הילזאַן האָט ער געוואָרנט נישט צו טרייבן קיין פּאָליטיק אין דער פאַבריק.

וואַכן האָבן זיך געצויגן אין דער אומענדלעכער פּיין. טויזנטער געלע לאַטעס זענען אַריבער דורך סטאַשיאַס הענט, דערמאַנט אין היימיש־נאָענטע וואָס זי האָט זיי זיך אויסגעמאָלן אין דמיון מיטן געלן אָפּצייכן אויף דער ברוסט. סטאַשיאַן איז אויפגעקומען איר מוטיקע מוטער רייזל, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער ליכטיקער טאָגשיין אויף דער גאַס, כּדי נישט דאַרפן אָנטאָן דעם שאַנדצייכן. באַגינען האָט סטאַשיאַ מיט קאַלט וואַסער פּאַרטריבן פון זיך די נאַכט־קאָשמאַרן און געוואַרט אויפן טאָג, ווען זי וועט דערהערן אַז די געלע לאַטעס זענען שוין מער נישטאָ... אין יענער נאַכט האָט געררוט איבער איר אַ שטילע פרייד: געענדיקט מיט די געלע לאַ־טעס! אָבער מער ווי די איינציקע נאַכט האָט די רו נישט אָנגע־האַלטן.

אויף צו מאָרגנס האָט זי איר פּושקע געפונען אָנגעפּילט מיט צעשניטענע שטיקלעך פון טליתים. הילזאַ האָט אין אָנהייב נישט קיין אַכט געלייגט, מיט וואָס זי פּוצט די קוגל־לאַגערן. זי האָט זיך איינגעבויגן צו דער פּושקע אַרויסנעמען פון דאָרטן עטלעכע שמאַטקעס. זענען איין מאָל פון צווישן אירע פינגער נאָכגעהאָנגען ציצית. הילזאַ האָט דעם עק פון טלית אַ וויג געטאָן פאַר סטאַשיאַס אויגן און געפרעגט:

— קוק מאָל, וואָס איזט דאָס?

סטאַשיאַ האָט אויף דעם געקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין — זי ווייסט נישט. הילזאַ איז אָבער נייגעריק געווען צו וויסן וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס נאָכהענגעדיקע בינטל וואָלענע פעדעם, אַזוי שיין געפלאָכטן און געקניפּט צו דעם עק מיט די ווייס־שוואַרצע פּאַסן. אין סטאַ־שיאַן האָט זי אָבער נישט געפונען קיין אינטערעס פאַר דעם, האָט זי די ציצית אַ וואָרף געטאָן צו אַ פּויליש מיידל, די נאָענטסטע צו איר. אויך יענע האָט נישט געוווּסט וואָס דאָס איז, אָבער זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מוז זיין עפּעס „פּאָ זשידאָך" (נאָך די ייִדן).

סטאַשיאַ האָט הילזאַן איבערגעזעצט דאָס פּוילישע וואָרט, אָבער זי האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דער אויפקלערונג. סטאַשיאַ האָט געטאָן איר אַרבעט און מיט זייטיקע בליקן געקוקט, ווי די ציצית טראָגן זיך איבער צווישן די פּוילישע מיידלעך פון האַנט צו האַנט. הילזא וואָלט שוין געהאַט פאַרגעסן אין דער אַטראַקציע, ווען זי דערהערט נישט די הייזעריקע שטימע פונעם דייטשישן אויפזעער:

— ווער האָט דיזן דינגס געשמיסן?!

מיט דער זעלבער פראַגע האָט מעכע זיך געווענדט צו אַלע פּוילישע מיידלעך, ביז ער האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן דער דייטשקע. הילזאַ האָט נישט געלייקנט. זי האָט זיך פאַרטיידיקט דערמיט וואָס זי האָט דעם „דינגס" געוויזן נאָר סטאַשיאַן און יאַדוויגאַן, מער איז עס איר נישט אָנגעגאַנגען. מעכע האָט זיך נישט באַרויִקט מיטן ענטפער און געשריגן מיט זיין אָנגעדראָלענעם האַלדז:

— קוק מאַל, דיזע אונאָרדענונג ביי דער אַרבעט!

אַ בייזער איז מעכע אַוועק מיט הינקעדיקע טריט צום אָרט, ווו די פּוילישע מיידלעך זענען געשטאַנען ביי די טישן מיט אויסגע־לייגטע טליתים, וואָס זיי האָבן געשניטן מיט שערן. מעכע האָט אָבסערווירט זייער אַרבעט און נישט געקאָנט באַהערשן זיין אויפ־רעגונג.

— שמייסט וועק דיזע שווענץ, דאָס גיבט קיינע נוצן!

נאָך דער אַרבעט האָבן די מיידלעך דערציילט אין באַראַק, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער פאַבריק מיט די צעשניטענע טליתים. דאָס האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ שמועס וועגן ייִדן. יאַנקאַ האָט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי זייער ייִדישער שכן פלעגט זיך איינ־הילן מיט דעם ווייסן ליילעך אַזש ביז איבערן פּנים, און זי האָט דערביי זיך צעשאָקלט, ווי דער ייִד ביים דאַווענען. אַלע אַרום איר האָבן געלאַכט.

יאַדוויגאַ האָט באַלד געוווסט דעם סוד, פאַר וואָס די ייִדן האָבן מיטן טלית פאַרדעקט דאָס פּנים: כּדי נישט אָנצוקוקן אַ גוי. אַנדערע

האָבן דערציילט, אַז דער טלית איז ביי ייִדן אַזוי שטאַרק פֿאַר־היילִיקט, אַז זיי לאָזן זיך אַפֿילו דערמיט קובר זיין.

איינע וואָס האָט אין דער פֿאַבריק געשניטן די טליתים, האָט געזאָגט, אַז דאָס זעט איר אויס צו זיין ריכטיק. ביים צעשפּרייטן די טליתים אויפֿן טיש האָט זי אָנגעטראָפֿן אַ סך פֿון זיי מיט גע־דרוקטע ייִדישע אותיות.

די גראָבע אַנדזשאַ האָט דערציילט וועגן דעם טאָג ווען מ׳האָט פֿאַרטריבן זייער ייִדישן שכן אין דאָרף, זענען זיי אַריין אין דער פֿאַרלאָזטער שטוב און אַלץ פֿון דאָרטן אַרויסגעטראָגן און בלויז אַ פּאָר טליתים האָבן זיי איבערגעלאָזט. קיינעם פֿון איר משפּחה איז נישט איינגעפֿאַלן, אַז מען קאָן פֿון דעם עפּעס מאַכן. נאָר די דייטשן, האָט זי געזאָגט מיט קינאה, ווייסן ווי אַזוי אויסצונוצן אַלע ייִדישע זאַכן. אַפֿילו די געלע לאַטעס האָבן זיי איבערגעשיקט קיין דייטשלאַנד אין די פֿאַבריקן...

אין יענער נאַכט איז סטאַשיאַ געלעגן אַ שלאָפֿלאָזע. פֿאַר אירע פֿאַרמאַכטע אויגן האָט זיך געוויגט דאָס געשטאַלט פֿון איר פֿאָטער אַברהם־הערש, איינגעוויקלט אין טלית...

★

אויף אַ שפּאַציר האָבן סטאַשיאַ און זאָשיאַ אַרומגערעדט און באַשטעטיקט דעם אינהאַלט פֿון די בריוו, וואָס זיי האָבן צווישן זיך באַשטימט צו שרייבן איינע צו דער צווייטער. נאָך דער אַרבעט איז זאָשיאַ אַרויסגעפֿאָרן קיין בערלין צו דער פּאָסט און דאָרטן באַלייגט צוויי בריוו, איינער אַדרעסירט צו סטאַשיאַן, דער צוויי־טער צו זאָשיאַן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט קאַזשאַ צו וויסן געטאָן סטאַשיאַן, אַז עס איז פֿאַראַן פֿאַר איר אַ בריוו. סטאַשיאַ איז אַוועק אין דער פּאָסט־אָפּטיילונג. דאָרטן זענען געשטאַנען נאָך מיידלעך, וואָס האָבן געהאַט צו דערליידיקן זייערע ענינים. סטאַשיאַ האָט פֿאַר אַלעמען געעפֿנט דעם בריוו און זיך אַוועקגעשטעלט לייענען.

אירע נייגעריקע אויגן האָט זי געפּירט איבערן בייגעלע פּאַפּיר. זי האָט געטאָן אַ לייכטן שמייכל און באַלד, ווען אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדער אָרט, האָבן זיך אירע ליפּן איינ־געצויגן. ווען זי האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו האָט סטאַשיאַ אויסגעזען אַ פאַרזאָרגטע.

— סטאַשיאַ, ווייזט אויס, אַז דו ביסט נישט איבעריק צופרידן מיטן בריוו.

— מאָדנע — האָט סטאַשיאַ געזאָגט מיט אַ פאַרדראָסיקן טאָן — נישט געלייענט, און ווייסט שוין וואָס אין בריוו איז געשריבן.

קאַזשאַ מיט אַ שמייכעלע:

— איך האָב געלייענט דיין פּנים...

— צו וואָס דאַרפסטו זיך לערנען טרעפן! מיר וועלן שפּעטער צוזאַמען לייענען דעם בריוו.

ביים אַרויסגיין האָט קאַזשאַ צוריקגערופן סטאַשיאַן:

— אָט איז אויך אַ בריוו פאַר זאָשיאַן, נעם אים מיט...

אין באַראַק האָט זאָשיאַ אַ שפּרונג געטאָן פון פרייד, ווען סטאַשיאַ האָט איר דערלאַנגט דעם בריוו.

— ענדלעך, ענדלעך! שוין נישט געוווסט וואָס צו קלערן. די כאָלערע פוילט זיך אָנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער.

אָנגעשפּאַרט אין בעט, האָט זאָשיאַ געעפנט דעם בריוו און באַלד ביי די ערשטע שורות איז איר פרייד ווי דערשטיקט גע־וואָרן אין האַלדז. זי האָט איבערגעריסן דאָס לייענען.

— זאָשקאַ, וואָס איז געשען? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט.

די מיידלעך אַרום זענען געוואָרן אָנגעשפּיצט, ווען זאָשיאַ האָט מיט צעשראָקענע אויגן דערלאַנגט סטאַשיאַן דעם בריוו:

— נאַ, לייען, וועסטו וויסן...

סטאַשיאַ האָט אָנגעהויבן לייענען:

„טייערע קאָלעזשאַנקע זאָשיאַ, לײדער מוז איך דיר צו וויסן טאָן, אַז אַנדזשעלאַ איז טראַגיש אומגעקומען אין דער פאַבריק ווו זי האָט געאַרבעט, נעכטן איז געווען איר פּאַגזשעב. מיר האָבן

אויף איר קבר אָוועקגעלייגט אַ קראַנץ פון די בלומען, וואָס וואַקסן הינטער אונדזער פענצטער אין לאַגער״...

— דאָס איז די אַנדזשעלאַ, וואָס ביסט מיט איר געגאַנגען אין שול ?

זאָשיאַ האָט געשאָקלט דעם קאָפּ אויף יאָ.

ווייטער האָט סטאַשיאַ נישט געוואָלט לייענען. זי האָט צוריק־געגעבן זאָשיאַן דעם בריוו און אַ גלעט געטאָן זי איבערן קאָפּ. סטאַשיאַ איז אַוועק צו איר אָרט, אָבער די חברטעס זענען נאָך געבליבן שטיין לעבן זאָשיאַן, איבערגענומענע פון איר זאָרג.

— ווער איז די, וואָס שרייבט דיר דעם בריוו ? — האָט איינע פון די מיידלעך געפרעגט.

— אַ באַקאַנטע פון וועג קיין דייטשלאַנד.

— פאַר וואָס זענט איר נישט געקומען אַהער צוזאַמען ?

— רעדסט נאַרישקייטן — האָט זאָשיאַ געענטפערט — מיר זענען נישט אין דער זעלבער צייט אַוועק פון דער היים.

— טשיקאַווע, ווי אַזוי האָט איר זיך בײדע אָפּגעפונען ?

זאָשיאַ, שפּילנדיק זיך מיטן בריוו אין די הענט :

— פון דער היים האָט זי זיך דערוווּסט מיין אַדרעס.

געניאַ, זאָשיאַס נאָענטסטע שכנטע פון דער צווייטער העלפט שאַפקע, האָט אַראָפּגערעדט פון איר בעט :

— פון דער היים באַקומסטו דאָך גאָרנישט, נישט קיין פּעקל און נישט קיין בריוו.

זאָשיאַ, אַ געטראָפענע פון די רייד, האָט אַרויסגעפּלאַצט :

— דו דאַרפישע שקאַפע ! האָסט דאָס זעלבע גרויסע מויל צום רעדן ווי צום פרעסן ! דו גרייסט זיך מיט דיין פולער שאַפקע, האָסטו שוין וועמען פון די מיידלעך, וואָס באַקומען אויך גאָרנישט געשיקט פון דער היים, עפּעס פאַרגעלייגט צו פאַרזוכן ? קאָנסט נאָך אויך האָבן דעם זעלבן סוף ווי אַנדזשעלאַ...

— ריכטיק ! ריכטיק ! זאָג אַריין דעם גראָבן שטיק !

זאָשיאַ האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די מיידלעך :

— די גראַבע האָט מזל וואָס זי וווינט מיט אונדז. אין אַן אַנדער באַראַק וואָלט מען איר צעשלעפּט די זאַכן.

אַריינגעקומען אין באַראַק, האָט קאַזשאַ זיך אַרומגעקוקט, ס׳איז געווען צו דערקענען, אַז זי האָט עמעצן געזוכט. איר בליק איז געפאַלן אויף סטאַשיאַס געלעגער:

— פוילע קאַץ! אין דרויסן איז נאָך ליכטיק און דו שלאָפסט שוין?

סטאַשיאַ האָט זיך אומגעדרייט מיט אַ וואַך פּנים און קאַזשאַן געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— דאָס בעט איז נאָר צום שלאָפן?

— איך זע שוין אַז דער בריוו האָט דיך צעשרויפט. דריי זיך אויס צוריק מיטן הינטן צום באַראַק, איך גיי זיך וואַשן.

— קאַזשאַ, איך וויל מיט דיר רעדן, און דו שיקסט מיך שלאָפן.

— איך קום באַלד צוריק.

קאַזשאַ איז צוריקגעקומען און נאָך געהאַלטן אין פלעכטן דעם בלאָנדן צאָפּ, פאַרוואַרפן אויף פאַרנט איבערן אַקסל. מיט אַ דין בענדעלע האָט זי פאַרוויקלט דעם עק.

סטאַשיאַ האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו קאַזשאַן און גע־האָלפן איר זיך אַרויפדראַפּען צום אייבערשטן בעט. סטאַשיאַ איז געבליבן זיצן, אָבער קאַזשאַ האָט דווקא געוואָלט זיך אָוועקלייגן. אַן אויסגעצויגענע, האָט זי געזאָגט, אַז עס שטייט איר נישט אָן דער אָפענער באַראַק מיט די נאַקעטע טישן אַנטקעגן די דריי שטאָקיקע בעטן, וואָס דערמאָנען איר די טורמע, ווו זי איז מער ווי אַ חודש געווען פאַרשפאַרט.

סטאַשיאַ האָט זיך פאַרוואונדערט:

— דאָס האָסטו מיר גאָרנישט דערציילט.

— מיינסט אַז דו ווייסט שוין אַלץ וועגן מיר?

— דערצייל זשע...

— איך בעט דיך, סטאַשיאַ, לאָז מיך רויִק ליגן. איך וויל בע־סער הערן דעם בריוו.

סטאַשיאַ האָט אַרויסגעצויגן פון טיש דעם בריוו און אַ העלפט פון אים איינגעבויגן. דער אָנהייב, האָט זי געזאָגט קאַזשאַן, איז נאָר וועגן פאַמיליע־ענינים, וועגן אירע עלטערנס איבערציִען זיך פון דאָרף אין שטאָט אַריין. סטאַשיאַ האָט דער עיקר פאַרגעלייענט וועגן לודוויגן, וועמען זי האָט איבערגעלאָזן אין דאָרף און ער האָט איבערגעריסן די קאָרעספּאָנדענץ מיט איר. ערשט פון דעם בריוו איז סטאַשיאַ דערגאַנגען, אַז שולדיק אין דעם איז נישט קיין אַנ־דערע, נאָר איר שול־חברטע אַנדזשיאַ.

קאַזשאַ איז געלעגן מיט די הענט אונטערן קאָפּ און די אויגן פאַרמאַכט. איצט האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן ווי אַן איבערגע־וועקטע פון שלאָף:

— ביסט טאַקע אַזוי נאַיִו, סטאַשיאַ? איך זע אַז דאָס איז דיין ערשטע ליבע.

— אין וואָס דערקענסטו דאָס?

קאַזשאַ האָט זיך אויפגעזעצט:

— זאָג מיר, דיין חברטע אַנדזשיאַ איז אַ רייכע טאָכטער?

— געוויס, איר פאָטער האָט אַ סך מאָרגעס פעלד.

— און לודוויג, פאַרשטיי איך, איז אויך נישט קיין אָרעמער.

— יאָ... אמת...

— האָסטו זיך איינגערעדט, אַז אַ רייכער זון וועט חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ טראַמוויי־אַרבעטער? אויב יאָ, קענסטו נאָך נישט די ייִנגלעך...

קאַזשאַ איז געוואָרן באַרעדעוודיק און דערציילט וועגן איר אינטים לעבן מיט פאַרשיידענע מענער. כאָטש מיט אַנדערע כאַ־ראַקטערן, האָבן אַלע ביי איר געהאַט איין פּנים. אַן אויסנעם האָט זי געמאַכט פאַר דעם לעצטן מיטן נאָמען קאַזשיק. דאָס אַליין וואָסביידע האָבן זיי געטראָגן דעם זעלבן נאָמען, האָט אים מיט עפּעס אויסגעצייכנט. זי האָט זיך אַנטוישט אויך אין אים. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פּשוט פאַר אַן אַלפאָנס, און זי האָט אים דערפאַר אָפּגעצאָלט מיט אַ צעבראָכענער פלאַש איבער זיין קאָפּ.

— דערפֿאַר ביסטו געזעסן אין טורמע? — האָט סטאַשיאַ גע־פֿרעגט.

— יאָ, טאַקע פֿאַר דעם — האָט קאַזשאַ באַשטעטיקט. — דער אויסוואורף האָט זיך פֿאַרקלאָגט אין דער פּאָליציי, אַז איך האָב גע־וואָלט אים דערהרגענען. ערשט ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן זיין פּראָפעסיע, בין איך באַפֿרייט געוואָרן. איצט, סטאַשיאַ, פֿאַר־שטייסטו שוין, ווי אַזוי מען קאָן האָבן צוטרוי צו מענער?

סטאַשיאַ האָט קאַזשאַן געדאַנקט:

— טייערע, ביסט נאָך יונג און שוין אַזוי פֿיל אַדורכגעגאַנגען. ווי גאָט איז מיר ליב, דיינע רייד האָבן מיר אַ סך לייכטער געמאַכט אויף דער נשמה...

...יענער טאָג איז גראָד אויסגעפֿאַלן ערב דעם קריסטלעכן פּאַסכאַ. אין באַראַק האָבן די מיידלעך גענומען זיך אויספּוצן אין קלויסטער אַריין. אויך קאַזשאַ און סטאַשיאַ האָבן געריייניקט זייערע זאַכן. פֿון דער דייטשישער קאָמענדאַנטור האָט קאַזשאַ געברענגט אַ פּרעסאייזן און ביידע האָבן אויסגעפּרעסט זייערע קליידלעך. סטאַשיאַ האָט צוגעוואָרפֿן איר חברטע אַ קאָמפּלימענט:

— איך מיין, אַז פֿון גאַנצן לאַגער וועסטו אין קלויסטער זיין די שענסטע.

קאַזשאַ האָט קאָקעטירט מיט די הענט איבער דער טאַליע:

— איך דאַנק פֿאַרן קאָמפּלימענט. אפֿשר ביסטו מיך מקנא, אָבער עס מאַכט נישט. אין יעדן מיידל איז דאָ אַ געפֿיל פֿון קינאה ווען זי זעט פֿאַר זיך אַ שענערע...

— נו, נו, — האָט סטאַשיאַ זיך אָנגעבלאָזן — ווער האָט גע־זאָגט, אַז דו ביסט שענער פֿון מיר? איך בין דיך בלויז מקנא דיינע העל־בלאָנדע האָר...

אין מיטן פֿאַרריכטן אַ זאָק האָט קאַזשאַ אויפֿגעהויבן אירע בלויע אויגן:

— יאָ, מיט מיינע האָר איז מען מיך פֿון קינדווייז אָן מקנא. צום מיינסטן זענען דאָס געווען ייִדישקעס. אַ טשיקאַווע זאַך: אין

וואָרשע האָב איך געהאַט אַ באַקאַנטע זשידוווקע, וועלכע האָט גע־ווויינט קעגן איבער אונדזער פענצטער. זי איז געווען אַ פריילעכע און ליב געהאַט זיך וויצלען. פלעגט זי מיר זאָגן: „קאַזשאַ, האָסט אַ קאָפּ ווי אויף שרויפן, אפשר קאָנסטו דיין בלאָנדן קאָפּ איבער־שרויפן אויף מיינע אַקסלען?" ווען זי האָט מיינע האָר, ווער וואָלט זי דערקענט פאַר אַ ייִדישע?

— נאַרישקייטן — האָט סטאַשיאַ געזאָגט — וויניק בלאָנדע ייִדישקעס זענען געווען?

— ריכטיק, אָבער אַ מאָדנע געפיל האָב איך ווען איך זע אַ פּאָלקע מיט שוואַרצע האָר. שטענדיק דערמאָנט עס מיך אין אַ זשידוווקע. וועסט מיר אַנטשולדיקן, סטאַשיאַ, אָבער ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען, זאָל איך אַזוי לעבן, ווי איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַ זשידוווקע. אָבער גלייך מיט די ערשטע רייד האָסטו פאַריאָגט פון מיר דעם פאַלשן איינדרוק...

סטאַשיאַ האָט אויסגעדרייט אירע אויגן צו קאַזשאַן:

— ווען דו ביסט נישט מיין חברטע, וואָלט איך זיך געפילט פון דיר שטאַרק באַליידיקט...

קאַזשאַ האָט זיך הילכיק צעלאַכט:

— ווייסט נישט? ווען צוויי באַבעס הייבן אָן צו רעדן, דער־רעדן זיי זיך אָפּט צו נאַרישקייטן...

אויף צו מאָרגנס האָבן אַלע מיידלעך זיך אויסגעפּוצט אין די שענסטע קליידער, וואָס זיי האָבן מיטגעבערענגט פון זייערע היימען. דער פּאַסכאַ־טאָג האָט מיט אַ העל צעשיינטער פריליגגזון זיך באַ־וויזן איבערן לאַגער. די מיידלעך זענען אַרויס צו דער אויטאָבוסן־ליניע, וואָס האָט געפירט צום קלויסטער אין דער פאָרשטאָט פון בערלין. סטאַשיאַ איז געגאַנגען געאָרעמט מיט קאַזשאַן.ביידע האָבן געטראָגן אין די הענט געבעטביכלעך, אָרומגענומענע מיט קרענצלעך פּאַטשערקעס. קאַזשאַ איז געגאַנגען מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ, וואָס האָט גאָלדיק געגלאַנצט אונטער דער זון, און סטאַשיאַ האָט גע־ברומט אַ מעלאָדיע.

אין וועג האָט זאָשיאַ מיט סטאַשיאַן זיך איבערגעוווּנקען. דאָס איז געווען די לעצטע דערמאָנונג גוט אַכטונג צו געבן אויף דער אויפפירונג אין קלויסטער. דער עיקר איז געווען צו אָבסערווירן, ווי אַזוי די מיידלעך קומען פאַרן גלח. זיי האָבן שוין געהאַט צווישן זיך אָפּגערעדט ווי צו מאַנעווורירן, כּדי צו זיין פון די לעצטע.

סטאַשיאַ האָט געהאַט אויפגעכאַפּט אַ סך פּאָוואַדקעס פון די שיקסעס. ווען זי האָט זיך געשטעלט אויף די קני פאַרן גלח אין ווייסן טראַכט, וואָס האָט געשפּריצט עטלעכע טראָפּנס אויף איר קאָפּ און דערלאַנגט אין איר מויל אַריין אַ דין ווייס אַפּלאַטקעלע, האָט איר האַרץ געפּויקט. און ביים אַוועקגיין האָבן אירע קני געציטערט.

✶

אין דער אָפּטיילונג וווּ סטאַשיאַ האָט געאַרבעט זענען פאָר־געקומען פּערסאָנאַלע ענדערונגען. אויפן אָרט פון דער דייטשקע איז געקומען יאַשאַ, וועלכע האָט געוווינט מיט סטאַשיאַן אין זעלבן באַראַק.ביידע זענען געווען צופרידן וואָס זיי איז אויסגע־פאַלן צו אַרבעטן צוזאַמען. סטאַשיאַ איז במשך פון דער צייט גע־וואָרן געניט אין דער אַרבעט, און יאַשאַ, אַן אָנהייבערין, האָט זיך געחנפעט צו סטאַשיאַן, זי זאָל וואָס גיכער אויסלערנען זי ווי זיך צו באַגיין מיט די גליטשיקע קיילעכלעך, וואָס זענען איר געפאַלן פון די הענט.

יאַשאַ איז געווען אַ דיקע מיט אַ פאָרמלאָזער פיגור, אַ טונ־קעלן קאָפּ האָר, און אַ פול פּנים. מיטן ערשטן בליק האָט מען אויף איר באַלד דערקענט אַ טיפּיש פויעריש מיידל. זי האָט נישט פאַר־שטאַנען קיין וואָרט דייטש. דער נייער פאַרוואַלטער פון דער עקס־פּעדיציע־אָפּטיילונג, וואָס האָט איר אָנגעוויזן דעם נייעם אַרבעט־פּלאַץ, האָט זיך געווענדט צו סטאַשיאַן, זי זאָל יאַשאַן צולערנען, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די קוגל־לאַגערן. אָט דער פאַרוואַלטער, אַן עלטערער דייטש מיטן נאָמען כעפּע, האָט אויסגעזען — אָן די

געשרייען און זידלווערטער — צו זיין רוקער ווי דער פאַר אים. מיט שטילע טריט האָט ער געשפּאַצירט פון אָרט צו אָרט און נאָכ־געקוקט ווי די אַרבעט גייט. איז אים עפּעס נישט געפעלן, האָט ער געדולדיק געלערנט ווי אַזוי אויסצופירן די אַרבעט.

דעם ערשטן טאָג ווען דער נייער פאַרוואַלטער איז אָנגעקומען, זענען די מיידלעך געווען צופרידן, וואָס דער פריערדיקער מיטן שטייפן פוס און זיינע בייזע געשרייען איז אַוועק. אָבער די אַנטוי־שונג איז געקומען ווען זיי האָבן איבער זיך דערפילט די נייע מעטאָדן פון צוואַנגאַרבעט. איידער די מיידלעך האָבן באַוויזן אָפּ־עסן, איז דער דייטש שוין ווידער געשטאַנען ביים טיש, גע־קוקט אויפן זייגער און קאָנטראָלירט די שאַכטלען, מיט וויפל זיי זענען פולער געוואָרן פון איין גאַנג צום צווייטן. ווי אַ שטומע וואָרענונג פאַר די מיידלעך פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן אַנטקעגן די אויגן מיט דעם האַקנקרייץ־אָפּצייכן אויף זיין קלאַפּע. צום שטאַרקסטן האָט דאָס אָפּגעפילט סטאַשיאַ און אויסגעמיטן קוקן אין זיין זייט. אויך יאַשאַ איז באַפאַלן אַ פּחד, ווען דער דייטש פלעגט אָנקומען קוקן אויף אירע הענט.

— וואָס שרעקסטו זיך פאַר אים? ער זעט דאָך אויס אַ שטי־לער — האָט סטאַשיאַ געפּרוווט זי באַרויִקן.

— זאָל אים די כאָלערע נעמען! דער לאָמער פלעגט אַ קווי־טשע טאָן און זיך אָפּטראָגן. און דער אַ ליגט כּסדר אויפן קאָפּ.

— האָב נישט קיין מורא, יאַשאַ, דו זיצסט לעבן מיר. איך וועל זיך באַמיִען, זאָלסט זיך גוט פילן.

יאַשאַ איז געווען גליקלעך וואָס זי האָט אין סטאַשיאַן געפונען אַן אָנשפּאַר און געוואָלט דאָס אויסדרוקן. איז אָבער אָנגעלאָפן דער דייטש און געוואָרנט, אַז עס איז פאַרבאָטן צו רעדן ביי דער אַרבעט.

אין וועג צום לאַגער האָט יאַשאַ זיך באַקלאָגט, אַז זי דער־האַלט נישט מער קיין שפּייזפּעקלעך. לויט די בריוו פון דער היים האָבן שוין צוויי פּעקלעך געדאַרפט האָבן דערגאַנגען צו איר. זי

האָט געבעטן סטאַשיאַן רעדן מיט קאַזשאַן, זי זאָל ווידער קאָנטראָ־לירן אין דער פּאָסט די רשימה פון די דערהאַלטענע פאַר איר שפּייזפּעקלעך. פלעגט קאַזשאַ אָפּפטרן בלויז מיט איין וואָרט — „נישטאָ".

סטאַשיאַ האָט זיך איבערגענומען פון יאַשאַס באַקלאָגן זיך, אַז זי הונגערט, אַז דאָס עסן אין לאַגער איז פאַר איר נישט גענוג. האָט זי באַלד נאָכן צוריקקומען אין באַראַק ווידער גערעדט מיט קאַשזאַן. זי האָט איר אויפן אָרט נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָט קאַזשאַ איר געראָטן זיך אָפּ־רוקן פון ענין, ווייל זי קאָן האָבן אומאַנגענעמלעכקייטן. סטאַשיאַ האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק, און געראָטן יאַשאַן צו האָבן געדולד. אָבער יאַשאַ האָט נישט גערוט. זי איז יעדן טאָג געלאָפן אין דער פּאָסט, געהאַט טענות צו די באַאַמטע, דער עיקר צו קאַזשאַן. אַ וואַכמאַן וואָס האָט גערעדט פּויליש, איז מיט איר געגאַנגען צום לאַגער־פירער, וועלכער האָט אַלץ פאַרשריבן און צוגעזאָגט פאַר־אינטערעסירן זיך מיט דער זאַך.

יאַשאַס באַקלאָגן זיך איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבערן לאַ־גער. צווישן די מיידלעך האָבן זיך אָפּגערופן נאָך אַזעלכע געלי־טענע. סטאַשיאַן האָט יאַשאַ געמאַכט פאַרוווּרפן, אַז זי האָט איר נישט געהאָלפן דערגיין דעם אמת. עס האָבן נישט געהאָלפן איר אויפקלערן, אַז מלחמה־צייט געשעען אַזעלכע זאַכן.

אין אַ שטילן געשפרעך מיט סטאַשיאַן האָט קאַזשאַ זיך מודה געווען, אַז מיט די שפּייזפּעקלעך איז עפּעס פאַרגעקומען. לויט איר מיינונג איז עס נישט געווען אַזאַ גרויסע עוולה, ווי יאַשאַ האָט דאָס פאַרגעשטעלט. אין אַזאַ צייט, ווען מיידלעך האָבן באַקומען פּעקלעך און זענען צעפּלאַצט געוואָרן פרעסנדיק, האָבן אַנדערע גאָרנישט באַקומען פון דער היים און געהונגערט. דערפאַר איז עס נישט קיין גרויס פאַרברעכן אַראָפּצונעמען אַ פּעקל. יאַשאַ, האָט זי געזאָגט, פּיסקעוועט צו פיל. זי האָט געראָטן סטאַשיאַן זי זאָל זי איינשטילן, אויב די גראָבע מויד וויל נאָך בכלל עפּעס באַקומען.

— האָסט דאָך מיר געזאָגט, איך זאָל מיט דעם זיך נישט פאַר־נעמען.

— יאָ. ריכטיק — האָט קאַזשאַ מיט כיטרע אויגן אָנגעקוקט סטאַשיאַן — איך האָב געזען, אַז דו האָסט זיך אין גאַנצן געשטעלט אויף יענערס זייט...

סטאַשיאַ האָט אַזש אויפגעציטערט:

— דו ווילסט פּרעסן פון פרעמדע פּעקלעך, און איך זאָל ווישן דיין מאָרדע?

— סטאַשיאַ, זיי נישט אויפגערעגט, קאָנסט אויך פון דעם גע־ניסן...

— איך דאַנק דיר פאַר אַזעלכע פאָרשלאָגן — מיט דעם האָט סטאַשיאַ איבערגעריסן דאָס געשפּרעך און קאַזשאַן געלאָזט אַליין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט יאַשאַ געקריגן אַ פּעקל און דער סקאַנדאַל האָט זיך איינגעשטילט. ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, און ווידער איז יאַשאַ געוואָרן באַזאָרגט. דאָס מאָל — פון אַ בריוו, אין וועלכן די עלטערן האָבן איר מודיע געווען, אַז צוליב די מלחמה־געשעענישן וועלן זיי פון יענער געגנט אין פּוילן נישט קאָנען מער אַרויסשיקן קיין שפּייז. יאַשאַ האָט שטאַרק זיך גע־שראָקן פאַר הונגער.

איין מאָל, פאַרן ענדיקן די שיכט, איז צו סטאַשיאַן צוגעקומען דער דייטש כעפּע און איר פאַראָרדנט נאָך דער אַרבעט אַריינ־צוקומען אין זיין ביוראָ־צימער. סטאַשיאַן איז באַפאַלן אַ שרעק: צוליב וואָס, האָט זי געטראַכט, האָט דער דייטש זי איינגעלאַדן? אפשר קוקט זי אים אויס פאַרדעכטיקט מיט אירע טונקעלע האָר צווישן אַזוי פיל בלאָנדע קעפּ? אפשר האָט די דייטשקע וואָס האָט געאַרבעט לעבן איר, פאַר עמעצן אויסגעדריקט אַ חשד? און אפשר גאָר האָט די אַלטע מויד, יוזעפאַ, אויסגעטראַכט אַ נייע פּראָוואָ־קאַציע קעגן איר? פאַרן אַריינגיין צום דייטש האָט סטאַשיאַ גע־בעטן יאַשאַן, זי זאָל אויף איר צוואַרטן מיטן אַהיימגיין.

סטאַשיאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דעם דייטשס שטים האָט

געענטפערט — „אַריין!”, ער האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ שטול אויף דער צווייטער זייט ביוראָ־טיש. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. איר פּנים איז אויסגעקומען פּונקט אַנטקעגן דעם גרויסן בילד פון היטלערן, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט.

דער דייטש האָט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פאַררייכערט אַ ציגאַרעט און געפרעגט סטאַשיאַן פון וואַנען זי קען רעדן דייטש ווען די אַנדערע פּוילישע מיידלעך פאַרשטייען קוים וואָס ער רעדט צו זיי ביי דער אַרבעט. סטאַשיאַ האָט אים געענטפערט, אַז די שפּראַך האָט זי געלערנט אין דער פּוילישער שול און אויך ביי דער אַרבעט אין דייטשלאַנד.

דער דייטש האָט דאָן געוואָלט וויסן אויב סטאַשיאַ קומט אויס מיט אירע לאַגער־ראַציעס. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים ציל פון זיין געשפּרעך: ער האָט פאָרגעלייגט סטאַשיאַן, זי זאָל צו אים קומען וואַשן די כּלים אין זיין טיי־הויז, וואָס האָט זיך געפונען אַ פּאָר קילאָמעטער פון איר לאַגער.

דערהערנדיק דעם פאָרשלאַג האָבן סטאַשיאַס אויגן אויפגעלעבט. זי האָט נאָר געוואָלט וויסן, צי זי מעג נעמען מיט זיך נאָך אַ מיידל פון לאַגער. דער דייטש האָט איינגעשטימט. אויף דעם פּאַפּיר, אויף וועלכן ער האָט אויפגעשריבן זיין אַדרעס, האָט ער אויך אָנגעצייכנט דעם וועג פון לאַגער צו זיין שטוב.

מיט אַ טאָג שפּעטער זענען סטאַשיאַ און יאַשאַ אָנגעקומען אין אַ קליינער אָרטשאַפט מיט נידעריקע הייזער צווישן ביימער־אַלעען, אויסגעשטעלטע ביי דער זייט פון שמאָלע גאַסן. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זענען דערגאַנגען צו אַ דאַטשע־אָרט. דער פאַרשריבענער אַדרעס איז דאָרט גוט באַקאַנט געווען, און מען האָט זיי געוויזן מיט וועלכער אַלעע זיי דאַרפן גיין צו דעם פּענסיאָן. אויפגענומען האָט זיי אַן עלטערע דייטשקע, אָנגעטאָן אין ווייסן ווי אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט די מיידלעך אַריינגעפירט אין אַ קיך. דאָרטן זענען געשטאַנען שטויסן מיט טעלערס און אַ באַרג גלעזער צום וואַשן. ביידע מיידלעך האָבן ענערגיש זיך גענומען

צו דער אַרבעט און דאָס געמאַכט גוט און שנעל. יאַשאַ איז נאָך געבליבן אין קיך ביים וואַשן די כּלים, ווען סטאַשיאַן האָט מען דערלאַנגט אַ ווייס פאַרטעך און זי אַריינגעפירט אין אַ העל באַ־לויכטענעם זאַל, ווו אַרום טישלעך זענען געזעסן פרויען מיט מע־נער ביי טיי מיט קוכן. צום מייִנסטן זענען דאָס געווען אינוואַלידן אין מיליטערישע מונדירן. סטאַשיאַ האָט זיך באַוועגט אַרום די געסט, געפילט אויף זיך נייגעריקע בליקן און געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל אויף דער פראַגע: „אַ פּאָלנישע"?

נאָך דער אַרבעט האָבן די מיידלעך געקריגן אָפּצועסן אַ זאַט מיטאָג. דער דייטש האָט זיי אַראָפּגעפירט אין אַ קעלער, געהייסן אָננעמען קאַרטאָפל וויפל זיי וועלן כּוח האָבן צו דערטראָגן און געזאָגט זיי, אַז מאָרגן קאָנען זיי ווידער קומען. אין באַראַק האָט סטאַשיאַ געטיילט די קאַרטאָפל. די מיידלעך האָבן מיט רעש זיך גענומען צום קאָכן און פּרעגלען, און דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ היימישע שטימונג.

אין משך פון זייער אַרבעט ביים דייטש האָבן סטאַשיאַ און יאַשאַ געמעגט פריי אַראָפּגיין אין קעלער. וואָכן־לאַנג האָט זיי קיינער דערביי נישט געשטערט. איין מאָל, ווען ביידע האָבן גע־האַלטן ביים גיין נעמען קאַרטאָפל, האָט דער דייטש זיי געהייסן צוּוואַרטן און איז מיט זיי צוזאַמען אַראָפּ אין קעלער. דאָרטן האָט ער זיי געבעטן אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט איינשטעלן אַ פּאָר פולע זעקלעך, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן. סטאַשיאַ האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די זעק מיט צוגעקלעפּטע ווייסע צעטלען איבער די פאַרבייטע ראַנדן. שפּעטער, ווען די מיידלעך האָבן גע־האַלטן ביים אַוועקגיין, האָט דער דייטש געבעטן סטאַשיאַן זי זאָל מיטברענגען פון לאַגער אַ חוץ יאַשאַן נאָך אַ מיידל צו אַן איינ־מאַליקער אַרבעט.

סטאַשיאַ האָט צוגעזאָגט פאַרלייגן עס די מיידלעך און גע־וואָלט, אַז זאַשיאַ זאָל מיטגיין, זי זאָל קאָנען אָפּעסן אַ געשמאַק מיטאָג, אַזעלכעס, וואָס זי האָט אין איר מויל שוין לאַנג נישט גע־

האָט. אָבער אין דעם טאָג האָט זי געאַרבעט אין דער נאָכמיטאָג־שיכט. סטאַשיאַ האָט דאַן פאַרגעלייגט אַ צווייט מיידל, אירענאַ, וואָס צוליב אַ שיסעלע זופּ איז זי גרייט געווען לויפן ווי ווייט.

ווען סטאַשיאַ איז געקומען מיט די צוויי מיידלעך, האָט דער דייטש צווישן זיי פאַרטיילט די אַרבעט, סטאַשיאַן האָט ער געהייסן זיך נעמען רייניקן די כּלים און יאַשאַן מיט אירענאַן אַראָפּגעפירט אין קעלער, געעפנט די זעק און זיי אויסגעשאָקלט. אויפן דיל איז געבליבן אָנגעשאָטן אַ באַרג מיט האָר. די מיידלעך האָט ער אָנגעוויזן אויף ליידיקע קעסטלעך. זיי האָבן געדאַרפט סאָרטירן די האָר אויף צוויי סאָרטן — העלע פאַרבן אין באַזונדערע קעסטלעך און טונקעלע אין אַנדערע.

נאָכן אָפּטאָן איר אַרבעט איז סטאַשיאַ אַראָפּ אין קעלער רופן די מיידלעך עסן מיטאָג. צו איר איבעררעשונג האָט זי געטראָפן די מיידלעך סאָרטירן די האָר, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן פאַר זייערע פיס. סטאַשיאַ איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע. די מיידלעך האָבן אויף איר אַ קוק געטאָן און געפרעגט: „וואָס קוקסטו אויף דעם מיט אַזעלכע גרויסע אויגן? פאַרשטייסט נישט וואָס דאָס איז?"

סטאַשיאַ האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— זעסט נישט, אַז די האָר זענען פון ייִדן?

סטאַשיאַ האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס די שוואַבעס קאָנען אַלץ אויסנוצן...

מיט גיכע טריט איז אָנגעקומען דער דייטש. ער איז צוגעלאָפן צום ערשטן קעסטל, צעשאַרט די האָר, זיי גענומען אין האַנט, געטאַפּט מיט די פינגער, אַזוי — ביים צווייטן קעסטל, זיך איינגעבויגן, געשאַרט, געמישט, און אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ בינטעלע, אַ צוזאַמענגעקלעפּטס, עס אונטערגעטראָגן סטאַשיאַן און געהייסן די מיידלעך געבן צו פאַרשטיין, אַז די אומריינע האָר אוועקשמייסן אין אַ זייט, בפרט נאָך, אַז ער האָט זיי דאָס אָנגעזאָגט. אָבער דער דייטש האָט זיי מוחל געווען פאַרן פעלער. ער

האָט נאָר פאַרלאַנגט, אַז איידער זיי פאַרלאָזן דעם קעלער, זאָלן די מיידלעך ענדיקן מיט דעם ביסל האָר וואָס איז נאָך געבליבן ליגן אויפן דיל. דערפאַר האָט ער זיי צוגעזאָגט אַ גוט געשמאַקן עסן.

דער דייטש האָט נאָך אַ מאָל דערמאָנט צו באַזייטיקן די אומ־ריינע האָר, אַזוי האָט פאַרלאַנגט דער טאַפּעצירער, וואָס האָט גע־גרייט פאַר אים נייע מאַטראַצן.

אויפן צוריקוועג צום לאַגער האָבן די מיידלעך גערעדט וועגן דער אַרבעט אין קעלער, פון אָנהייב האָבן זיי וואָס גיכער געוואָלט פון דאָרטן אַרויס, ווייל די האָר זענען זיי פאַרקראָכן אין האַלדז. אירענאַ האָט אַפילו באַדויערט וואָס זי איז מיטגעגאַנגען צו אַזאַ שמוציקער אַרבעט. ערשט ווען זי האָט זיך אָוועקגעזעצט עסן, איז דאָס אַלץ איר אַרויס פון קאָפּ. דערמאָנט אין דעם האָבן איר יאַשאַס רייד וועגן סטאַשיאַן, וואָס צו דער אַרבעט האָט זי נישט צוגעלייגט קיין האַנט און בלויז פון אַ קוק געבן אויף די האָר איז זי בלאַס געוואָרן ווי קאַלך און אַפילו נישט געקאָנט פאַרענדיקן דאָס עסן.

— וואָס זאָל איך טאָן — האָט זיך סטאַשיאַ פאַרקלאָגט — אַזאַ פּאַסקודנע נאַטור ביי מיר. ווען איך זע עפּעס נאָך אַ טויטן, איז ווי דער טייוול וואָלט מיך באַפאַלן...

— דאָס איז טאַקע נישט קיין גוטע געוווינהייט — האָט אירענאַ באַדויערט — מיין מאַמע האָט אויך אַזאַ נאַטור. ווען זי זעט פון אַ מענטש רינען בלוט, כאַפּט זי זיך ביים האַרץ...

יאַשאַ האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס זעקל קאַרטאָפל פון רוקן, זיך אויסגעגלייכט און באַדויערט סטאַשיאַן און אירענאַן:

— מיידלעך, ווו איז דער שׂכל? איר האָט דאָך אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז די האָר זענען יידישע! וואָס איז דאָס גאַנצע איבער־נעמען זיך?

— מיינסט אַז די דייטשן זענען פאַר אונדז בעסער?! — איז סטאַשיאַ אויפגעשפּרונגען פונעם זעקל אויף וועלכן זי האָט זיך אַוועקגעזעצט רוען.

— נו, נו... פון פּוילישע קעפּ האָבן די דייטשן נאָך נישט געהערט... שוירן האָר אויף צו מאַכן מאַטראַצן...

סטאַשיאַ האָט אויסגעשפּיגן:

— אַזאַ היגטיש לעבן ווי אונדזערס איז נאָך ערגער ווי דער טויט...

— סטאַשיאַ איז גערעכט — האָט אירענאַ בייז זיך אָנגערופן — ווען האָבן מיר געהאַט אַזאַ דרעקיש לעבן?

— פריִער, ווען דו האָסט געהערט פון אַ גוטן טעלער עסן, האָסטו זיך געריסן מיטצוגיין. איצט רעדסטו אַנדערש.

— איך בין בלויז איין מאָל געגאַנגען, און איר ביידע לויפט צום דייטש יעדן טאָג — האָט אירענאַ זיך צעלאַכט.

סטאַשיאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— איך גיי נישט מער צום דייטש. זאָל ער זיך ווערגן מיטן טעלער עסן.

סטאַשיאַ האָט גענומען אויף זיך די קאַרטאָפל און געוואָרנט יאַשאַן מיטן פינגער:

— געדענק! ווען כעפּע וועט אין דער פאַבריק פרעגן, פאַר וואָס מיר זענען נישט געקומען צו אים, וועל איך ענטפערן: „אויף צוויי ערטער אַרבעטן קאָנען מיר נישט באַוויַיזן".

ווי יעדעס מאָל נאָך אַזאַ איבערלעבונג, האָט סטאַשיאַ זיך אין געהיים צוזאַמענגעטראָפן מיט זאַשיאַן און פאַר איר אויסגערעדט דאָס האַרץ, זיך אייַנגעבראָכן און אַרייַנגעוויינט אין אירע הענט.

✶

אומרויִקע נעכט זענען אָנגעקומען אין לאַגער. די לופט־אַטאַקעס אַרום בערלין האָבן אויך געצילט אין דער עראָפּלאַנען־פאַבריק וווּ סטאַשיאַ האָט געאַרבעט. אַזעלכע אַלאַרמען פלעגן דויערן, מיט קורצע איבעררייסן, ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען אַריין.

סטאַשיאַ איז ביי טאָג אַרומגעגאַנגען אַ מידע פון נישט שלאָפן.

דערפאַר פלעגט זי נאָכן אומקערן זיך פון דער פאַבריק זיין פון די ערשטע ביים נעמען דאָס נאַכטעסן און דערמיט געווונען צייט פריער זיך לייגן אויפן בעט. ביזן ערשטן אַלאַרם האָט זי שוין גע־האַט אַרייַנגעכאַפּט אַ ביסל שלאָף.

קאַזשאַן איז נישט געפעלן געוואָרן אַזאַ אויפפירונג. מיט די מערסטע מיידלעך אין באַראַק איז זי געווען צעקריגט, מיט אַנדערע האָט איר נישט געפאַסט זיך צו חברן, איז זי אַרומגעגאַנגען אַן איינזאַמע און נאָך דער אַרבעט נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. סטאַשיאַ האָט דערפילט, אַז קאַזשאַ איז אַנגעצויגן, אָבער נישט געקאָנט מוותּר זיין אויפן ביסל שלאָף.

אין איינעם אַ טאָג, ווען סטאַשיאַ איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט זי געטראָפן אַ האַלבע שאַפּקע אויסגעליידיקט. קאַזשאַ האָט פאַרלאָזט דעם באַראַק. סטאַשיאַן האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, און נאָך מער צוליב דעם, וואָס זי אַליין זאָל האָבן גורם געווען צו קאַזשאַס אַוועקגיין אַ ברוגזע. זי האָט אויך מורא געהאַט פאַר שלעכטע קאָנסעקווענצן און אַנגעהויבן באַטראַכטן וועגן איר חברשאַפט מיט קאַזשאַן און נישט אויסגעפונען קיין סיבה עפּעס חושד צו זיין. דאָך האָט דער אומרו צוליב קאַזשאַס אַוועקגיין זי נישט פאַרלאָזט. סטאַשיאַ האָט גוט געוווּסט, וואָס קאַזשאַ איז אַלץ פעיִק אָפּצוטאָן, ווען זי פאַלט אַריין אין כּעס.

אין באַראַק האָט געוווינט אַ צווייטע זאָשיאַ — אַ יונג, שיין מיידל, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלעמען מיט איר זויבער־קייט, פיינער שפּראַך און שטילן טאָן פון רעדן. דאָס מיידל מיט די גלאַט פאַרקעמטע האָר און בלויע קלוגע אויגן איז אַ מאָל געקומען קיין וואַרשע, האָבן זי די דייטשן, צוזאַמען מיט נאָך אַ סך, פאַר־כאַפּט אויף אַרבעט.

אין באַראַק האָט זאָשיאַ זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלע. זי פלעגט פון ערגעץ ברענגען ביכער און זיי לייענען אויף איר אַרבעט אָדער ביים טיש, ווען קיינער איז דאָרטן נישט געזעסן. די מיידלעך האָבן נישט פאַרטראָגן איר איינגעשלאָסנקייט, האָבן

זיי אויף זאָשיאַן געקוקט קרום און אין דער שטיל זי באַרעדט, נאָכגעמאַכט אירע דראָבנע טריטלעך, און דערביי געשפּאָסט: „זאָל זי גיין מיט אירע פּיסלעך אין אַ טאַנצזאַל״. אָדער: „שטעלט זי אַריין אין שויפענצטער״... די מיידלעך האָבן זי מקנא געווען מיט די פעטע פּעקלעך, וואָס זי פלעגט קריגן פון דער היים. זיי האָבן געוווּסט, אַז אַ טייל פון די פּעקלעך גיט זי אויך פאַר די באַקומענע ביכער צום לייענען.

אין זעלבן טאָג, נאָך קאַזשאַס פאַרלאָזן דעם באַראַק, איז זאָשיאַ צוגעקומען צו סטאַשיאַן און געבעטן איר הסכמה צו פאַר־נעמען אונטער איר דאָס ליידיקע בעט. סטאַשיאַ האָט גערן איינ־געשטימט און נאָך געהאָלפן איר איבערטראָגן די זאַכן צו דער אויסגעליידיקטער שאַפקע.

די שטילע זאָשיאַ, וואָס האָט אין באַראַק געשמט פאַר אַ שוויי־גערין, האָט אין סטאַשיאַס געזעלשאַפט אַרויסגעוויזן זיך פאַר אַ גוטער שמועסערין. איר איז נימאַס געוואָרן דאָס וווינען צוזאַמען מיט די דאָרפישע מיידן, וואָס האָבן פון גאָרנישט געוואָלט וויסן, נאָר פון פרעסן, אַ קאַוואַליער צום הוליען און פון מאָדליען זיך. סטאַשיאַ האָט געשמייכלט פון זאָשיאַס צייכענען מיט די הענט צו פאַרמלאָזע פיגורן און פון איר נאָכקאַפּירן זייערע קוויטשענדיקע קולות ביים רעדן. באַזונדערס האָט זאָשיאַן שטאַרק נערווירט, וואָס אין יענעם ווינקל האָט געוווינט די קליינע זאָשיאַ, ווען מ׳האָט אַ סך מאָל גערופן, און זי האָט יעדעס מאָל זיך אומגעקוקט. כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז דאָס מיינט מען נישט איר.

סטאַשיאַ האָט געזען ליגן אַ בוך אויף זאָשיאַס בעט. האָט זי געזאָגט, אַז ריימאָנטס „פּויערן״ געדענקט זי נאָך זייער גוט, כאָטש זי האָט דאָס בוך שוין געהאַט געלייענט מיט אַ צייט צוריק. סטאַשיאַ האָט זיך אַ ביסל צערעדט וועגן די שילדערונגען פון פּויערישן לעבן און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אויפטרייסלענדיקן בילד אין בוך, ווי דער פּויער אַמפּוטירט זיך אַליין זיין קראַנקן פוס אין שייער...

— זעסטו — האָט זאָשיאַ קוקנדיק אויף סטאַשיאַן געזאָגט — מיין געפיל האָט מיך נישט גענאַרט, ווען איך האָב פאַרנומען דאָס בעט לעבן דיר...

מיט קאַזשאַן האָט סטאַשיאַ זיך שפּעטער געטראָפן ביים עסן. קיין חברשאַפט האָבן זיי שוין נישט אָנגעהאַלטן, אָבער די באַגעגעניש אין דער ריי אָדער ביים עסטיש זענען געווען גענוג היימיש און עס זענען נישט געווען צו דערקענען קיין סימנים פון ברוגז.

די אמתע סיבה פון פאַרלאָזן דעם באַראַק האָט סטאַשיאַ זיך דערוווּסט נישט פון קאַזשאַן גופא, נאָר פון די מיידלעך, וואָס האָבן צוזאַמען מיט איר פאַרברענגט אין די באַראַקן ביי די מענער און פון דאָרטן געשלעפּט שטיקער ווורשט, ברויט און אַנדערע גוטע זאַכן.

דאָס ערשטע מאָל ווען זאָשיאַ און סטאַשיאַ האָבן גערעדט אויף דער טעמע, האָט זאָשיאַ געעפנט איר שאַפקע און סטאַשיאַן דערלאַנגט ברויט מיט ווורשט. איר פּנים האָט דערביי געשמייכלט:

— אויב קאַזשאַס פּאַרציע וואָס זי באַקומט פון די מענער איז גרעסער, בין איך גרייט אויסגלייכן, און אפשר נאָך מיט עפּעס מער...

אויף סטאַשיאַן האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זי האָט מיט עפּעס געוואָלט אויסדריקן איר דאַנקבאַרקייט, האָט זיך פון איר אַרויסגעכאַפּט:

— אַ שאָד וואָס איך פיר נישט קיין טאָגבוך: דעם עפּיזאָד וואָלט איך באַזונדער באַשריבן.

זאָשיאַ האָט אָפּגעענטפערט מיט צופרידנקייט:

— אויב נישט אויפן פּאַפּיר, טאָ שרייב איין אין דיין זכרון...

✶

יאַשאַ איז אַריין אין באַראַק מיט אַ סענסאַציע: זי האָט זיך געשוווירן ביי איר לעבן, אַז זי האָט מיט די אייגענע אויגן געזען פאַרנעמען אין אַ קעטשל פון געסטאַפּאָ דריי מיידלעך. זיי זענען אַנטדעקט געוואָרן ווי ייִדישקעס. איינע פון זיי האָט זי גוט גע־

קענט פון דער רײ ביים נעמען עסן. די מיידלעך האָבן נישט געקאָנט זיך באַרויִקן פון דעם געשעעניש.

דער ערשטער פון די דריי מיידלעך האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן פּרויען־לאַגער. ס'זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן דעם, ווי אַזוי זיי זענען אַנטדעקט געוואָרן. סטאַשיאַ האָט געמוזט מיט אַ גוט דורכגעטראַכטער פאַרזיכטיקייט פאַרטושן איר אומרו, דער עיקר פאַר איר שכנה זאָשיאַ, וואָס איז נישט מיטגע־ריסן געוואָרן פון דער היסטעריע צו אַנטדעקן מאַסקירטע ייִדישקעס, אָבער זי איז נישט געווען אין גאַנצן גלייכגילטיק צו דעם גע־שעעניש און סטאַשיאַן האָט זי געבעטן נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט אַזעלכע מיידלעך, וואָס זעען אויס שטאַרק שפּירעוודיק, ווען מען רעדט מיט זיי וועגן ייִדן.

— ווער פון אונדז איז נישט שפּירעוודיק? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט — אָט זע וואָס ס'טוט זיך אין לאַגער.

— איך מיין נישט — האָט זאָשיאַ זיך באַמיט סטאַשיאַן אויפ־צוקלערן — די ספּאָנטאַנע אויסדרוקן פון אַזאַ איינע, וואָס לעבט אין שטענדיקן פחד, נאָר די באַהאַלטענע רעאַקציעס, וואָס קומען אין געוויסע מאָמענטן צום אויסדרוק נישט אין גאַנצן בולט. כּדי דו זאָלסט מיך בעסער פאַרשטיין, וועל איך עס אילוסטרירן מיט אַ פּערזענלעכן פאַקט. איך האָב געהאַט אַ באַקאַנטע ייִדישקע, וואָס האָט געאַרבעט מיט מיר אין באַנק. פון געטאָ איז זי אַרויס אָן דער געלער לאַטע. זי פלעגט אויך צו אונדז אין שטוב אַריינקומען. זי איז געווען קלוג, געלערנט און נישט געהאַט קיין ייִדישן אויס־זען, און דאָך איז זי אַדורכגעפאַלן ביים סימלוירן אַ קאַטאָליטשקע.

— אפשר דורך אַ מסירה?

— ניין, נישט אַזוי, סטאַשיאַ. דער וואָס האָט זי אַנטדעקט, האָט געקאָנט דערזען דאָס אמתע פּנים אונטער איר מאַסקע.

סטאַשיאַ האָט אַ פּיר געטאָן מיט די הענט:

— דאָס האָט שוין צו טאָן מיט פּסיכאָלאָגיע. איך קען זיך נישט אויף דעם...

זאָשיאַ האָט אַ לאַך געטאָן:

— יאָ! דאָס האָב איך טאַקע געמיינט!

אין לאַגער האָט מען איינגעפירט, אַז יעדער באַראַק זאָל שיקן אַ מיידל, לויט אַ ריי, אָפּצונעמען די פּאָסט פאַר אַלע. דורך דעם האָבן די דייטשן געהאַט אַ קאָנטראָל ווער עס באַקומט בריוו פון דער היים. סטאַשיאַ האָט תּיכף געמוזט זוכן אַן אויסוועג. איר איז איינגעפאַלן אַראָפּצונעמען אַן אָפּגעשטעמפּלטע מאַרקע פון אַ בריוו, וואָס האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אויפן טיש און זי אַרויפגעקלעפּט אויפן קאָנווערט וואָס סטאַשיאַ האָט אַדרעסירט צו זיך אַליין. ווען ס׳איז געקומען איר ריי צו גיין אָפּנעמען די פּאָסט, האָט זי דעם בריוו אַריינגעלייגט צווישן פּעקל קאָנווערטן און געבעטן אַן אַנ־דערע אויסרופן די נעמען. זאָשיאַ, איר שכנה, פלעגט אַזאַ בריוו איבערגעבן מיט קלינגענדיקן אויסרוף:

— סטאַשיאַ! אַ בריוו פון דיין טשאַטקע!

*

זינט סטאַשיאַ איז אין די נעכט געשלאָפן צוזאַמען מיט זאָשיאַן אין בונקער, האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל איבערגעלעבט אַזאַ שווערע נאַכט. דער אַלאַרם האָט געדויערט כּמעט אַ גאַנצע נאַכט, ביידע האָבן באַוויזן צו כאַפּן אויף זיך בלויז די קאָצן און זיי זענען גע־זעסן איינגעקאָרטשעטע אונטערן געקראַך פון באָמבעס, וואָס האָבן צעטרייסלט די ערד. אַרומגענומענע האָבן זיי ביידע געשטאַמלט:

„אַ יעזו, יעזו"...

*

אין דער פאַבריק האָט סטאַשיאַ געטראָפן אַ בהלה. פייערלע־שער זענען געוועזן פאַרנומען מיטן לאָקאַליזירן די שריפה. מחנות מענטשן האָבן אָפּגערייניקט דעם שטח פון צעריסענע ווענט. די דייטשישע אַרבעט־אויפזעער זענען אַרומגעלאָפן און געשריגןביים

צוריק איינשטעלן די אָרדענונג אין דער אַרבעט. אין דער עקספּע־דיציע־אָפּטיילונג ווו סטאַשיאַ האָט געאַרבעט, זענען פּאַרפּאַקטע קוגל־לאַגערן, שוין גרייטע צום אָוועקשיקן, געלעגן אויף דער ערד צעשאָטענע.

דעם זעלבן טאָג נאָך דער אַרבעט איז סטאַשיאַ מיט נאָך עט־לעכע מיידלעך אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו אַרבעטן אייבער־שעהען. ס'האָבן נישט געהאָלפן די רייד, די מיידלעך האָבן געמוזט פּאָלגן. שפּעט אין אָוונט איז סטאַשיאַ די לעצטע אַרויס פון פאַבריק.

סטאַשיאַן איז געווען ביטער אויפן האַרצן, דאָס ערשטע מאָל איז איר אויסגעקומען צו גיין אַליין אויפן שטח פון דער פאַבריק אין אַזאַ שפּעטער שעה. פאַר וואָס האָט זי דער פאַרוואַלטער אַרויסגעלאָזט אָן אַ דערלויבעניש? מיט דעם שטיקל פּאַפּיר וואָלט זי זיך געפילט זיכערער. פּלוצלינג האָט זי געזען פון דער ווייטן אָנקומען אַ הויכע געשטאַלט. אַ מענטש אין אַ שוואַרצן מונדיר האָט זי אָפּגעשטעלט:

— ווער ביסטו?

סטאַשיאַ האָט אים געוויזן אויף דער פּוילישער אָפּצייכענונג.

— ווו גייסטו?

— אין לאַגער.

— דאָקומענט?

סטאַשיאַ האָט זיך לעגיטימירט מיט דער אַרבעטס־קאַרטע.

אין באַראַק איז זי אַריין אַ בלאַסע. זאָשיאַ האָט זיך איבער־גענומען פון סטאַשיאַס פאַרפאַלן ווערן און פון איר צוריקקומען מיט אַ דערשראָקן אויסזען. זי האָט סטאַשיאַן באַרויִקט מיטן געבן עפּעס אין מויל אַריין פון אירע פּראָדוקטן. אויך יאַשאַ האָט איר געוואָלט מאַכן אַ בעסערע שטימונג, האָט זי פאַרגעלייענט אַ טשי־קאָווע זאַך פון אַ בריוו, וואָס זי האָט גראָד דעם טאָג באַקומען פון דער היים. דאָרטן איז געווען באַשריבן ווי אַזוי איר פאָטער, אַ פויער אין דאָרף, האָט פאַרנדיק אין שטאָט אַריין באַגעגנט אַ דורכ־געפרוירענעם מענטש זיך שלעפּן אין די טיפע שנייען. ער האָט

דעם מענטש געזנומען אויפן שליטן, אים דערוואַרעמט מיט אַ זופּ בראָנפן און אים איבערגעדעקט די פיס. שפּעטער, בעתן רעדן, איז ער דערגאַנגען, אַז אויף זיין שליטן געפינט זיך גאָר אַ ייִד. אַריינ־פאָרן מיט אים אין שטאָט אַריין האָט ער מורא געהאַט, איז דעם פויער איינגעפאַלן אַרויסנעמען דאָס ברעטל פון עק שליטן און אַ טרייב טאָן דאָס פערד אין אַ גאַלאָפּ. אַפּלויפנדיק אַ שטיק וועג האָט ער זיך אומגעקוקט — נישטאָ דער ייִד. אַוועקגעפלויגן צוזאַ־מען מיטן בינטל שטרוי...

נאָכן ענדיקן דעם בריוו האָט יאַשאַ געוואַרט אויף אַ שטאַרק געלעכטער. צו איר אַנטוישונג האָט זי בלויז אויף זאָשיאַס פּנים באַמערקט אַ קאַלטן שמייכל און סטאַשיאַן האָט זי פאַרחידושט געפרעגט:

— האָסט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן דעם שוואַרצן דייטש?

*

די לעצטע נאַכט פון יאָר 1943 האָבן די מיידלעך געפּראַוועט אין אַ בעסערער שטימונג ווי מיט אַ יאָר צוריק. עס איז געווען באַלד נאָך דער צווייטער מאַסיווער באָמבאַרדירונג פון בערלין, וואָס איר פאַרנעם איז געווען אַ סך גרעסער פון דער ערשטער. די מיידלעך האָבן יענעם לופטאָנגריף געדענקט ווי די „ליכטיקסטע” נאַכט פון אַלע מלחמה־נעכט איבער בערלין. די דייטשן האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן איטאַליע און די רוסישע אָפּענסיווע האָט זיך דער־נענטערט צו פּוילן. דאָס איז געווען די מתּנה וואָס די לעצטע טעג פון פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן דערלאַנגט די מיידלעך אויף „נאָווי ראָק”.

זאָשיאַ איז געווען פול מיט פרייד: אירע ווערטער האָט זי מער אויסגעזונגען ווי גערעדט. אויף סטאַשיאַן האָט זי זיך געוווּנ־דערט, וואָס זי זעט נישט אויס צו זיין ענטוזיאַסטיש.

— מיין טייערע — האָט סטאַשיאַ געענטפערט — מיר האָבן נאָך גאָר אַ סך איבערצולעבן ביזן סוף פונעם קריג...

— אוי, סטאַשענקאַ — האָט זאָשיאַ זיך פאַרקרימט — איך בעט דיך, נעם נישט אַוועק פון מיר מיין ביסעלע פרייד...

אין לאַגער האָט מען גערעדט וועגן עפּעס אַן אויפרוף צום קומענדיקן יאָר, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די מלחמה דערנענטערט זיך צום סוף, אַז נאָכן קריג וועלן שוין מער קיין ייִדן נישט זיין. זאָשיאַ האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין. אין אַ געשפּרעך מיט סטאַשיאַן האָט זי געזאָגט:

— אויב דאָס איז געווען דער ציל פון די דייטשן, זענען דאָך שוין מער נישטאָ קיין ייִדן...

— זיי נישט קיין קינד! דו רעדסט וועגן פּוילן, און די דייטשן מיינען גאַנץ אייראָפּע.

זאָשיאַ האָט זיך דערשראָקן:

— וואָס רעדסטו, סטאַשיאַ, וועט מען נאָך דאַרפן וואַרטן ביז די דייטשן וועלן ענדיקן מיט אַזוי פיל ייִדן?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דיין פרייד איז אַ פריי־צייטיקע...

מיט דער קליינער זאָשיאַ האָט אַזאַ געשפּרעך געהאַט גאָר אַן אַנדער פאַרלויף. ווען סטאַשיאַ איז מיט איר אַרויס אויף אַ שפּאַציר און אָפּגעזונדערט פון די באַראַקן, האָבן זיי גערעדט וועגן אָנקומענדיקן סוף־קריג, איז זייער פרייד געווען דורכגעווייקט מיט טרערן.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט פון מזרחדיקן טייל פּוילן זיך אָפּגעשטעלט דאָס אָנקומען פון שפּייזפּאַקעטן. אויך בריוו זענען דערגאַנגען פאַרשפּעטיקטע אָדער אין גאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען.

צווישן אַ גרויסן טייל מיידלעך האָט עס אַרויסגערופן אַ רעאַקציע קעגן די הונגער־ראַציעס. זייער אומצופרידנקייט האָבן די מיידלעך געברענגט צום אויסדרוק נישט בלויז אין לאַגער, נאָר אויך ביי דער אַרבעט. זייער פאַרלאַנג: „מער עסן פאַר מער אַרבעט" איז דערגאַנגען פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט ביז צו דער געסטאַפּאָ און פּאָליציי־קעטשלעך זענען פאַרפאָרן אין לאַגער. די אַרעסטירטע מיידלעך זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען. אין לאַגער

איז די שטימונג געוואָרן געשפּאַנט סיי פֿון די געשעענישן, סיי פֿון פּחד פֿאַרן הונגער.

זאָשיאַ איז געוואָרן מער אויסגערעכנט מיט אירע זאַפּאַסן. זי האָט זיך נאָך געטיילט מיט סטאַשיאַן, אָבער איז שוין נישט געווען אַזוי ברייטהאַריצק ווי פֿריִער. זאָשיאַ האָט דאָס געמאַכט אַזוי, אַז אירע כּוונות זאָלן נישט ווערן צו פֿיל בולט, זייערע פּערזענלעכע באַציִונגען זאָלן פֿון דעם נישט ליידן. זי פֿלעגט זיך קלאָגן, אַז די עלטערן האָבן אין איר פֿאַרגעסן, אָדער — די מלחמה־געשעענישן האָבן שוין דערגרייכט אויך צו איר היים. אין דער אמתן איז איר שאַפֿקע פֿול געווען מיט גוטע זאַכן פֿונעם לעצטן פּעקל וואָס זי האָט באַקומען. מיינענדיק, אַז סטאַשיאַ האָט נישט געזען איר אַריינ־ברענגען דאָס אין באַראַק. אַז זאָשיאַ האָט סטאַשיאַן מכבד געווען מיט עפּעס, האָט עס געדאַרפֿט מאַכן דעם איינדרוק, אַז זי טיילט זיך מיט איר אויך אין די שווערע טעג.

האַנס, אַ דייטשישער באַאַמטער אין דער עראָפּלאַנען־פֿאַבריק, האָט סטאַשיאַן פֿאָרגעלייגט, אַז זי זאָל צו אים קומען נאָך דער אַרבעט עפּעס טאָן אין זיין שטובווירטשאַפֿט. אין יענעם הונגער־פּסיכאָז איז דער פֿאָרשלאָג פֿאַר סטאַשיאַן געווען אַ דערלייזונג און זי האָט אים גערן אָנגענומען.

דאָס ערשטע מאָל ווען דער דייטש האָט זי געפֿירט צו זיין הויז האָט ער סטאַשיאַן אָנגעזאָגט, זי זאָל געדענקען דעם וועג. ער האָט מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויף געבעלסעס פּאַלאַץ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט, אַרומגענומען מיט אַ געהיימער שטילקייט, ווייט אָפּגערוקט פֿון געדיכט־באַוווינטע הייזער. דעם דאָזיקן שרעק־צייכן האָט סטאַשיאַ געמוזט אָנקוקן יעדעס מאָל ווען זי איז גע־גאַנגען אויף דעם וועג הינטער בערלין.

דער דייטש האָט זיין משפּחה געהאַט אַרויסגעשיקט אין די געביטן, וואָס האָבן נישט געליטן פֿון די שווערע באָמבאַרדירונגען. סטאַשיאַ איז געווען פֿאַרנומען ביי דער געוויינלעכער שטובאַרבעט פֿון רוימען און קאָכן. ערשט נאָך עטלעכע וואָכן פֿון אַרבעטן ביי־

אים, האָט דער דייטש צום ערשטן מאָל געעפנט פּאַר סטאַשיאַן אַ טיר פון אַ גרויסן צימער. דאָס צימער האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעלאָזענער סאַלאָן מיט שווער מאַסיוון מעבל, שוין פון לאַנג נישט גערייניקט. אַראָפּגענומענע פון די ווענט, זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע קונסטבילדער און לעבן דעם — קרישטאָלן און אַנדערע טייערע חפצים, וואָס מיט דעם האָט מען געקאָנט באַפּוצן די שענסטע סאַלאָנען. דער דייטש האָט סטאַשיאַן אָנגעוויזן וועלכע טיילן זי זאָל פריִער אָנהייבן רייניקן, כּדי דאָס זאָל גרייט זיין פאַרפּאַקט צו ווערן צוליב די כּסדרדיקע באָמבאַרדירונגען. ער האָט אָנגעטראָגן שמאַטעס און ווייכע פּאַפּירן אויף אַרומצוּוויקלען די חפצים. מיט דעליקאַטע באַוועגונגען האָט ער געוויזן סטאַשיאַן ווי אַזוי צו רייניקן די ווערטפולע זאַכן. ער האָט דאָס אַפילו דעמאָנסטרירט מיט אויסהערן דעם ריינעם אָפּקלאַנג נאָכן טאָן אַ פּיק מיט די פינגערשפּיצן אין דער קרישטאָלענער כּלי. אַרום זיך האָט דער דייטש קאָנצענטרירט די גרעסערע אָביעקטן און סטאַשיאַן געהייסן פאַרנעמען זיך מיט די קלענערע. אויף איר באַמערקונג, אַז דאָס רייניקן זעט ביי איר אויס איבעריק, אויב דאָס אַלץ גייט צום פאַרפּאַקן, האָט דער דייטש געענטפערט, אַז אַזוי זענען די דייטשן — אַפילו אין שמאַטעס, דאַרף עס ליגן זויבער.

סטאַשיאַ האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט — ווישן טיילן פון צעגומענע זשיראַנדאָלן, פּרוכטשיסלען פון פאַרשיידענע מאָדעלן, טעצלעך און גלעזער מיט באַגילדעטע ראַנדן — אַלץ מיט אַ קרישטאָלריינעם גלאַנץ. ביים ערשטן בליק אויף דער גרויסער קאָלעקציע איז סטאַשיאַן איינגעפאַלן, אַז די אַלע אַנטיקן געהערן נישט צו דער שטוביקער ווירטשאַפט, ביי וועלכער זי איז וואָכן שוין געווען באַשעפטיקט. ווען זי האָט אין אירע הענט גענומען די קליינע וויינגלעזעלעך, האָט זי באַלד דערפילט אַ חשד... דער דייטש האָט איר נאָך מער געלאָזט עס פילן מיט זיין שפּאַס, אַז די גלעזלעך וואָס יידן האָבן אין זיי געטרונקען ווייִן, קאָנען גוט זיין נאָר פאַר מעדיצין־טראָפּנס. דייטשן טרינקען שנאַפּס אין גלעזער...

מער איז סטאַשיאַ צו דער שטובאַרבעט נישט געקומען. דער דייטש האָט פאַרשטאַנען, אַז סטאַשיאַ האָט מורא באַקומען פאַר מאַכן אים אַ שאָדן. דאָך האָט ער נישט געוואָלט רעזיגנירן פון סטאַשיאַן, האָט ער געפּרוווט אויף איר ווירקן, זי זאָל זיך צו אים אומקערן, אַז ער וועט איר שוין מער קיין דעליקאַטע זאַכן נישט געבן אין די הענט, וואָס זענען געווינט נאָר צו פּראָסטער אַרבעט. אָבער סטאַשיאַ האָט נישט איינגעשטימט. זי האָט אין דעם טאָג זיך פאַרקלאָגט אויף איר געזונט, און דער אַרבעט־אויפזעער האָט איר געגעבן אַ צעטל צו דער דאָקטערין אין לאַגער.

פאַרן אונטערזוכן זי האָט סטאַשיאַ געדאַרפט ענטפערן אויף פראַגעס פון איר משפּחה־אָפּשטאַם מיט דורות פריִער. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן זיך באַרויִקן ערשט ווען זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט אירע פראַגעס האָט די דאָקטערין געוואָלט אויסגעפינען ירושה־סימפּטאָמען פון טובערקולאָז, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין לאַגער.

— פאַר וואָס האָסטו אַזאַ בלאַס פּנים? — האָט די דאָקטערין געפרעגט.

— אין דער היים האָב איך אַנדערש אויסגעזען — האָט סטאַשיאַ געענטפערט.

— פאַר דעם בלוט־אַנאַליז האָב איך געמיינט, אַז דו ביסט אויך אַ קאַנדידאַטין צו יענעם רויטן באַראַק...

געוויינלעך פלעגט מען אַ קראַנקע אויסשרייבן דריי טעג רו ביז דער צווייטער אונטערזוכונג. סטאַשיאַ האָט באַלד באַקומען אַ קראַנקבשיין. אַ דינערין האָט זי צוגעפירט צו אַ ריין באַצויגן בעט. סטאַשיאַ האָט זיך געפרייט מיטן פאַרלאָזן דעם שמוציקן באַראַק, כאָטש אויף עטלעכע טעג. זי האָט אָבער געשראָקן די אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער צווישן די פרעמדע פּנימער אַרום זיך. זי האָבן באַאומרויִקט די אויגן פון די קראַנקע מיידלעך אין די בעטן, אין לאַנגע רייען אויסגעשטעלטע, ווי אין אַ פעלד־לאַזאַרעט. סטאַשיאַ האָט שוין לאַנג אויף זיך נישט געפילט אַזעלכע קאָנצענטרירטע בליקן.

אין באַראַק האָט זי נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, אַפילו ווען דאָס קוקן איז געווען געווענדט נאָר אויף איר. סטאַשיאַ האָט שוין געוווּסט זייער באַדייט: דאָס זענען געווען בליקן פון קינאה ווען זי מיט זאָשיאַן פלעגן זיצן ביי אַ שמועס איבער אַ בוך. אַ מאָל — פון נייגער ביים אָבסערווירן אירע טריט אַריין און אַרויס פון באַ־ראַק, אָדער ביים אַרויסגיין מיט וועמען אויף אַ שפּאַציר. אָבער אַזאַ צאָל פון פרעמדע אויגן ווי אין קראַנקן־באַראַק האָט זי שוין נישט געהאַט געפילט אויף זיך זינט איר פאָרן פון פוילן קיין דייטשלאַנד.

סטאַשיאַ האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זי וואָלט נישט געפילט דאָס קוקן אויף איר. זי איז אַוועק זיך באָדן און צוריקגעקומען אין די שפּיטאָל־קליידער. אין בעט האָט זי זיך שוין פאַרהיימישט מיט די מיידלעך, וואָס זענען געלעגן פוןביידע זייטן. איינע פון זיי האָט סטאַשיאַן געזאָגט, אַז זי קען זי פון דער ריי ביים עסן. די צווייטע, מיטן צעשויבערטן קאָפּ בלאָנדע האָר, האָט זיך נאָענט געמאַכט צו סטאַשיאַן מיט אַזאַ פראַגע:

— פון ערגעץ ווו געדענק איך דיינע טונקעלע האָר מיט די בלויע אויגן...

סטאַשיאַ האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ פון קישן:

— נו, דערמאָן זיך!

— יאָ, איך געדענק! האָסט געטאַנצט אין דער קאַנטינע מיט איגנאַצן!

— וועלכער איגנאַץ?

— נו, דער וואָס האָט אַנטדעקט די דריי ייִדישע מיידלעך...

— איגנאַץ? דער פון פּאָזנאַן? — האָט סטאַשיאַ זיך געוווּנ־דערט — פון וואַנען האָט ער אויסגעקראַצט די דריי ייִדישקעס?

— יאָ, דער איגנאַץ. ווער ווייסט וואָס ער איז. ער לעבט צווישן פּאָליאַקן, רעדט דייטש, פאַרשטייט אוקראַיִניש און פאַרנעמט זיך מיט אַנטדעקן ייִדישקעס און קאָמוניסטן. פון פיליפּן, דעם

טשעך, האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר געזונטע קלעפּ פאַר קריכן אים אין דער נשמה אַריין...

סטאַשיאַ האָט זיך צעהוסט און נאָך אַלץ נישט געקאָנט גלייבן:

— דער עלעגאַנטער איגנאַץ? דער וואָס טאַנצט אַזוי שיין, זאָל זיך אָפּגעבן מיט נאָכשפּיאָנירן אונדזערע מיידלעך?

— וואָס וווּנדערסטו זיך, סטאַשיאַ? אויך צו מיר האָט ער זיך צוגעקלעפּט צוליב מיין נאָמען אַננאַ, וואָס האָט אים אויסגעזען פאַרדעכטיק.

סטאַשיאַ האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס האָט ער אין דיר געזוכט?

אַננאַ האָט צוגעמאַכט די האַנט אין אַ פויסט:

— זעסט? מיט דעם האָב איך אים געוואָלט געבן אין דער מאָרדע, ווען ער האָט צו מיר אָנגעהויבן רעדן וועגן קאָמוניזם.

— אפשר האָט אים דיין נאָמען דערמאָנט אין טאָלסטאָיס בוך „אַננאַ קאַרענינאַ”?

— ווער איז דאָס? אַ ייִד? אַ קאָמוניסט?

סטאַשיאַ האָט איינגעהאַלטן אין זיך דאָס געלעכטער:

— מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד האָט ער אויסגעזען ווי אַ ייִד, געווען איז ער אַ רוס...

— דער טייוול ווייסט זיי ביידע — האָט אַננאַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די מיידלעך האָבן זיך אומגעקוקט צו דער זייט פונעם בלאָק, פון וואַנען עס איז אָנגעקומען די דאָקטערין. הינטער איר זענען געגאַנגען סאַניטאַרקעס. דאָס איז נישט געווען די צייט פון דער געוויינלעכער טאָג־אינספּעקציע. זייער אַריינקומען איז געווען אומגעריכט און מיטן אַריין און אַרויסקוקן פון די פּאַפּירן אין אירע הענט האָט די דאָקטערין געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זי צילט צו עמעצן פון די קראַנקע מיידלעך. אַ סאַניטאַרקע האָט איר אָנגעוויזן אויפן בעט לעבן סטאַשיאַן. די דאָקטערין האָט אַ קוק געטאָן אויף

דער קראַנקער מיט גוטמוטיקע אויגן און מיט אַ ווייכער שטימע זי באַרויִקט:

— ענדלעך גייסטו שוין אַרויס פון דאַנען...

די דאָקטערין איז צוגעגאַנגען צו נאָך עטלעכע בעטן. אויך דאָרטן האָט זי איבערגעחזרט די זעלבע פראַזע. די סאַניטאַרקעס האָבן אין זייערע פּאַפּירן געצייכנט די נעמען פון די באַפרייטע און פון די פריש צוגעקומענע קראַנקע מיידלעך.

אַ ביסל שפּעטער זענען אַריינגעגאַנגען די זעלבע סאַניטאַרקעס און געהייסן די מיידלעך, פאַרצייכנטע אין די פּאַפּירן, זיך פאַרנעמען מיט זייערע זאַכן. דאָס מיידל וואָס האָט סטאַשיאַן דערקענט פון דער ריי ביים עסן, האָט אויסגעזען בלאַס, דער באַפאַלענער הוסט האָט איר געשטערט אַרויסרעדן אַ וואָרט. זי האָט זיך געזעגנט מיט אַ באַוועגונג פון איר האַנט און מיט אַ שטומען שמייכל.

— ווייסט ווּהין מ׳נעמט זיי? — האָט אַננאַ געפרעגט סטאַשיאַן.

— איך ווייס נישט.

— קוק סטאַשיאַ — האָט אַננאַ אויסגעצויגן איר האַנט — דורך יענעם פענצטער וועסטו זען אַ רויט געפאַרבטן באַראַק, דאָרטן געפינען זיך די קראַנקע אויף טובערקלאָז. צו זיי קאָן מען נישט אַריינקומען און זיי פאַרלאָזן דעם באַראַק נאָכן טויט...

— דאָס איז שרעקלעך!

— שפּעטער, נאָכן עסן וועלן מיר צוגיין צום פענצטער — האָט אַננאַ געזאָגט.

— און אָט די מיידלעך ווייסן, אַז פון דאָרטן וועלן זיי שוין מער נישט אַרויס קיין לעבעדיקע? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט, אַן איבערגענומענע.

— קיינער האָט זיי דאָס נישט געזאָגט און קיינער רעדט נישט מיט זיי וועגן דעם, אָבער ווען זיי קוקן זיך אָן אייגענע די צווייטע און הערן פון אַן אַנדער געשטאָרבענער, איז פאַר זיי שוין גענוג אויף צו פאַרשטיין...

סטאַשיאַ האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג:

— אַננאַ, פֿאַרשטיין אַזאַ לעבן און אַפֿילו דאָס אויף דער איי־גענער הויט — דאָס זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. אַ זייטיקער נעמט דאָס אויף מיט זיין פֿאַרשטאַנד, אָבער דער קראַנקער, כּל־זמן ער פֿילט דאָס קלאַפּן פֿון האַרץ און דעם אָטעם אין מויל, קלאַ־מערט ער זיך אין לעבן.

— ווייסט, סטאַשיאַ, איך וויל הערן דיין מיינונג, נאָך דעם ווי דו וועסט די מיידלעך אָנקוקן...

נאָך מיטאָג, ווען אין שפּיטאָל איז געווען די רו־שעה און אַלע זענען געלעגן אין די בעטן, זענען סטאַשיאַ און אַננאַ צוגעגאַנגען צום פֿענצטער אַ קוק געבן אויף די מיידלעך. פֿאַר אַננאַן איז עס געווען אַ טאָג־טעגלעכער צונויפֿטרעף מיט זייערע בליקן. אַלע ביים פֿענצטער האָבן שוין געקענט איר בלאָנדן קאָפּ האָר און מיט איר קוויטשענדיק שטימעלע, און אַננאַ, זינט זי איז געווען אין שפּיטאָל, האָט שוין עטלעכע פֿון זיי געקענט ביי די נעמען. פֿאַר סטאַשיאַן אָבער האָט עס אויסגעזען ווי אַ נייַ קאַפּיטל פֿון דעם לעבן אין לאַגער. דער ערשטער בליק אירער איז געפֿאַלן אויף די אָרומ־געצוימטע דראָטן מיטן שילדל „פֿאַרזיכט, אַנשטעקנדיקע קראַנקע״. איבער איר לייב איז אַדורך אַ קאַלטער ציטער. דורך דער דראָטע־נער נעץ האָט זי דערזען אויסגעמאַגערטע בלייכע פּנימער, וואָס האָבן זיך געריסן צו פֿאַרנעמען אַ בעסער אָרט ביים פֿאַרקראַטע־וועטן פֿענצטער. די איזאָלירטע מיידלעך האָבן אויסגעזען ווי פֿאַר־טריבענע אין אַ שטייג, וואָס ווילן פֿון דאָרטן זיך באַפֿרייַען און קאָנען נישט. יעדע פּאָר אויגן פֿון די מיידלעך האָט געוואָלט זיך צוזאַמענטרעפֿן מיט אַננאַס בליקן, וואָס האָט צו זיי איבערגעשיקט אַ טרייסטנדיקן שמייכל.

— ווו איז יאַדוויגאַ? — האָט אַננאַ אַריבערגעשריגן — רופֿט זי צום פֿענצטער, איך וויל איר עפּעס זאָגן.

— זי איז נישטאָ — האָט אָפּגעענטפֿערט אַ הייזעריקע שטים.

— וואָס איז געשען? נעכטן האָב איך זי נאָך געזען ביים פענצטער.

פון דער צווייטער זייט פאַרקאַן האָט מען אָפּגעענטפערט:

— ביי נאַכט האָט זי געהאַט אַ בלוטשטורץ, און דער פרי האָט מען זי אַוועקגענומען...

מיט די ווערטער האָט זיך געענדיקט דאָס באַגעגעניש ביי די פענצטער.

— נו, וואָס זאָגסטו איצט, סטאַשיאַ? — האָט אַננאַ געפרעגט נאָכן אומקערן זיך צום בעט.

סטאַשיאַ האָט אָפּגעזיפצט און געענטפערט:

— מיר איז שווער צו רעדן וועגן דעם, אָבער דאָס וואָס איך האָב געזען, קאָן נישט ענדערן מיין מיינונג.

— פאַר וואָס? וואָס זעט מען דען ביי זיי אויסער דעם אַב־קומענדיקן טויט? האָט דאָך נאָך נעכטן יאַדוויגאַ געלעבט...

סטאַשיאַ האָט זיך פאַרטראַכט און געענטפערט:

— אויך מיינע אויגן האָבן געזען דאָס זעלבע וואָס דיינע, אָבער דו האָסט נישט באַמערקט, ווי שיין זיי זענען פאַרקעמט. מיט וואָס פאַראַ אויגן זיי האָבן געקוקט אויף די שיינע בלומען אַנטקעגן זייער פענצטער. און ווי צעשמייכלט זיי האָבן אונדז אָנגעקוקט. דאָס זענען דאָך אויסדרוקן פון לעבן, נישט פון טויט. אויך יאַדוויגאַ איז נעכטן אַזוי געווען...

אין מיטן פונעם שמועס איז אָנגעקומען זאָשיאַ. אַ לוסטיק צע־שמייכלטע, האָט זי באַגריסט סטאַשיאַן און איר איבערגעגעבן אַ שיין פאַרפּאַקט פּעקעלע. סטאַשיאַ האָט נישט באַהאַלטן איר פרייד צוליב זאָשיאַס וויזיט און נישט אַרויסגעלאָזט זאָשיאַס האַנט, ביז זי האָט איר נישט באַקענט מיט אַננאַן. יענע האָט געפרעגט:

— וו האָט איר זיך ביידע אַזוי צונויפגעקליבן ווי אַ גליקלעך פּאָרפּאָלק?

סטאַשיאַ און זאָשיאַ האָבן זיך איבערגעקוקט, און זאָשיאַ, מיט איר חוש פאַר הומאָר, איז נישט געבליבן שולדיק:

— אַננאַ, זאָלסט נאָר נישט פּרוּוון אָפּרעדן סטאַשיאַן פון מיר...

זאָשיאַ האָט מיטגעבּרענגט אַ בריוו, וואָס זי האָט נאָר וואָס דערהאַלטן פון דער היים, דער בריוו איז געווען געשריבּן גאָר מיט אַן אַנדער נוסח, ווי ביז איצט, עס זענען געווען אויסגערעכנט נע־מען פון איר משפּחה, וואָס זאָלן כּלומרשט האָבן זיך איבּערגעצויגן פון אַזעלכע שטעט אין פּוילן, ווו זיי האָבן דאָרטן קיין מאָל נישט געוווינט. איינער פון זיי זאָל האָבן שווער קראַנק געוואָרן. וועגן שפּייזפּעקלעך, האָט מען איר געשריבּן, זי זאָל נישט זאָרגן, ווייל די פּאָסט־פאַרבּינדונג ביי זיי איז פון דריטן רייך.

מיט זאָשיאַס דערלויבּעניש האָט סטאַשיאַ געלייענט דעם בריוו, אויך אַננאַ זאָל הערן. ביידע האָבן פאַרשטאַנען יעדן רמז פון בריוו אויפן זעלבן אופן אין פאַרבּינדונג מיט די לויפנדיקע מלחמה־גע־שעענישן. זאָשיאַ איז געווען צופרידן, וואָס אַננאַס און סטאַשיאַס מיינונגען האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט אירע מחשבות.

ביים צוריקגעבן דעם בריוו האָט סטאַשיאַ געזאָגט:

— באַהאַלט, דער בריוו וועט דיר אַ סך דערמאָנען...

זאָשיאַ האָט סטאַשיאַן איבּערגעגעבן אַ ביסל נייעס פון באַראַק. ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט זי געפונען דאָס שלעסל פון איר שאַפקע אָראָפּגעדרייט, און אַ טייל פון די בעסטע זאַכן האָבן געפעלט. זאָשיאַ האָט געהאַט אַ חשד אויף דער גראָבער יאַ־שאַ, אין וועמענס בעט זי האָט געפונען שטיקלעך הויט פון ווורשט מיט קרישקעס פון קוכן. זי האָט דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען און איבּערגעגעבּן אין דער קאָמענדאַנטור. מ׳האָט דאָרטן יאַשאַן פאַר־הערט און אונטערגעטראָגן פאַר אירע אויגן אַ גומענע בייטש — זי זאָל געדענקען, אַז פאַר גנבענען באַקומט מען אין דייטשלאַנד שמיץ...

אין שפּיטאָל האָט מען פאַרלאָשן דאָס ליכט. ס׳איז געוואָרן נאַכטיק־שטיל, די פאַרטונקלטע פענצטער האָבן נישט דורכגעלאָזט די שיין פון דער פולער לבנה. מ׳האָט מער נישט געזען די זילבער־פאַרביקע אייזערנע בעטן מיטן ווייסן איבערצוג. אין דער פינצטער־

ניש האָט מען געהערט הוסטן און אַ טיף אָטעמען, וואָס איז פאַר־גאַנגען אין קרעכצן.

ערשט ווען סטאַשיאַ האָט זיך אויסגעצויגן אין בעט און זיך צוגעדעקט ביז אונטערן האַלדז, האָט זי דערפילט דעם ווייטיק, וואָס איז פריִער געווען אין האַלדז און פאַרשפּרייט זיך אין אַלע אירע גלידער. זי איז געווען אויסגעווייקט אין שוויס, איר איז שווער געווען איינצושלאָפן און זי האָט מורא געקריגן פאַרן שלאָף. איז זי געלעגן און געקוקט מיט אָפענע אויגן צום שוואַרצן סופיט. צו־זאַמען מיט די שווייסטראָפּנס זענען אויסגערונען אירע מחשבות. דיווירקלעכקייט פון שפּיטאָל האָט זיך אָפּגערוקט און אויסגעגאַנ־גען אין אַן אומענדלעכן שוואַרצן וואַלד.

די מחשבות האָבן סטאַשיאַן צוריקגעבראַכט אין איר פאַרגאַנ־גענע וועלט. פון געטאָ איז זי אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די ברידער אין וואַלד. זי האָט געוואָלט טיילן זייער גורל, אָבער די ברידער האָבן זי געצוווּנגען צו ראַטעווען איר לעבן. זי האָט זיי געפאָלגט. און ווו זענען זיי?

נישט איין מאָל אין אַזאַ פינצטערער שעה איז סטאַשיאַ גע־לעגן מיט אַזעלכע געדאַנקען. דאָס, וואָס איז אין ליכט פאַר איר געווען פאַרשטעלט, האָט זי געזען אין דער פינצטער.

זי האָט געפילט זייער אָטעם, זייער שרעק פאַרן טויט, זייער ווילן צום לעבן.

✶

נאָך דער אַרבעט זענען סטאַשיאַ און זאָשיאַ געווען געוווינט יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט זיך צו טרעפן אין באַראַק. זיי האָבן ממש געבענקט נאָך דער שעה פון קאָנען צוזאַמען גיין עסן, זיך אויפמונטערן מיט אַ וואָרט, מיט אַ בליק. זינט דעם טאָג ווען זייער אַרבעטצייט איז געוואָרן פונאַנדערגעטיילט, האָט אויף אַ גאַנ־צער וואָך זיך איבערגעריסן צווישן זיי דער קאָנטאַקט. ווען סטאַ־שיאַ האָט זיך געגרייט גיין צו דער מאָרגנשיכט, איז זאָשיאַ נאָך

געשלאָפֿן, און ווען זאָשיאַ איז צוריקגעקומען פֿון דער אַרבעט, איז סטאַשיאַ שוין לאַנג געלעגן אין בעט. באַזונדערס האָט סטאַשיאַן פֿאַרדראָסן, וואָס אַ גאַנצע וואָך האָט זי געזען זאָשיאַס שאַפֿקע שטיין פֿאַרשלאָסן.

אין די אָוונטן זענען פֿאַרגעקומען אָפֿטע אַלאַרמען. יאַשאַ, ווי נאָר זי האָט דערהערט דעם ערשטן געוואָי פֿון די סירענעס, איז שוין איר אונטערשט בעט געשטאַנען ליידיק. זאָשיאַ האָט קיין מאָל זיך נישט גערירט פֿונעם באַראַק, ביז זי האָט סטאַשיאַן נישט גענומען פֿאַר דער האַנט און ביידע זענען געלאָפֿן אין בונקער. יאַשאַס אַנטלויפֿן פֿריִער האָט לעצטנס סטאַשיאַן אויסגעזען נישט בלויז פֿרעמד, נאָר אויך פֿאַרדעכטיק. זי האָט געוווּסט, אַז אין באַראַק זענען פֿאַראַן מיידלעך, וואָס קוקן מיט קינאה אויף זאָשיאַס פֿאַרמאַכטער שאַפֿקע.

איין מאָל, אין צייט פֿון אַלאַרם, איז סטאַשיאַ געוואָרן אומרויִק צוליב זאָשיאַס אָפּוועזנהייט. ס׳האָט זי געיאָגט פֿון בונקער צוריק אין באַראַק, און דאָס געפֿיל האָט זי נישט גענאַרט. ווי נאָר זי איז אַהין אַריין, זענען צוויי מיידלעך אַנטלאָפֿן פֿון זאָשיאַס שאַפֿקע, וואָס איז שוין כּמעט געשטאַנען אָפֿן. איינע פֿון זיי האָט סטאַשיאַ אין דער אָפֿענער טיר דערקענט: דאָס איז געווען יאַשאַס גראָבע פֿיגור.

אין באַראַק האָט זיך סטאַשיאַ געמאַכט נאַיִוו. יאַשאַן האָט זי דערציילט, אַז אין בונקער האָט זי זיך דערמאַנט, אַז איר שאַפֿקע שטייט אָפֿן און זי האָט דאָרטן טאַקע אָנגעטראָפֿן צוויי מיידלעך, אָבער עס איז זיי געלונגען צו פֿאַרשווינדן. יאַשאַ האָט זיך כּלומרשט אָנגענומען מיט כּעס און אויסגערופֿן: „אַזאַ געמיינקייט!‟ זי וואָלט גרייט געווען, האָט זי געזאָגט, אַזעלכע מיידלעך־דראַניעס אַריינצוציילן שמיץ.

סטאַשיאַ האָט מער מיט קיינעם וועגן דעם נישט גערעדט. זי האָט נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט דער גראָבער יאַשאַ, איר נאָענטע שכנה. זאָשיאַ האָט אָבער דערקענט אין דעם אויסגעקרימטן אויערל פֿון שלעסל, אַז עס איז ווידער ווער געווען ביי איר שאַפֿקע.

זי איז געוואָרן אויפגעבראַכט און געוואָלט לויפן אין דער קאָמענ־דאַנטור. סטאַשיאַ האָט זי מיט כּוח איינגעהאַלטן:

— וואָס לויפסטו? ווייסט אויף וועמען אָנצוווייזן?

זאָשיאַ האָט זיך געקאַכט:

— איך בין זיכער, אַז דאָס איז די גראַבע. שוין דאָס צווייטע מאָל רייסט זי מיין שאַפּקע.

— האָסט זי געכאַפּט ביי דער האַנט? — האָט סטאַשיאַ גע־פרעגט — סתם באַשולדיקן וועט דיר נישט ברענגען קיין נוצן.

זאָשיאַ האָט זיך געלאָזט איינגעמען, נאָר אויף יאַשאַן האָט זי נישט געקאָנט גלייך קוקן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיידלעך פון צווייטן עק באַ־ראַק געמאַכט אַ גוואַלד: עס פעלן זיי זאַכן פון די שאַפּקעס. ס׳איז געוואָרן אַ טומל. מיידלעך, וואָס האָבן פריִער געלעבט צווישן זיך בשלום, האָבן זיך צעקריגט. די מלחמה האָט זיי צעטיילט אויף אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען שפּייזפּעקלעך און אַזעלכע, וואָס האָבן אויפגעהערט באַקומען. ס׳האָבן זיך געקריגט זאַטע מיט הונגעריקע.

יאַשאַ האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער קריגעריי, אָבער דאָס אָנגעדראָלענע שווייגן האָט נישט אויסגעמיטן דעם ערשטן חשד, וואָס די אָנגעקומענע וואַכלייט האָבן געוואָרפן אויף איר.

— וועמען פעלט דאָס? — האָט אַ וואַכמאַן געפרעגט און גע־וויזן אַ שטיק ברויט מיט וואָרשט, וואָס ער האָט געפונען אין יאַשאַס שאַפּקע.

— דאָס איז מיינס! איך האָב נישט געגנבֿעט!

— פון וואַנען האָסטו דאָס?

— פון די ייִנגלעך.

די וואַכלייט האָבן זיך איבערגעקוקט און געלאַכט.

אַ צווייטער וואַכמאַן האָט זיך געשטעלט אויף אַ באַנק און אויסגערופן:

— צו וועמען געהערט דאָס שטיק קוכן?

פון איר בעט איז צוגעלאָפן צום וואַכמאַן אַ מיידל מיט אויס־געצויגענע הענט:

— דאָס איז מיינס!

דער וואַכמאַן האָט אַראָפּגעקוקט צום מיידל, מיט זיין שטע־קעלע אָנגעוויזן אויף איר אַרויסגעשטופּטן בויך:

— אויך פון יינגלעך?

— יאָ — האָט דאָס מיידל דרייסט געענטפערט — איר לאָזט אונדז הונגערן און די יינגלעך גיבן אונדז פון זייער עסן...

אין באַראַק איז געוואָרן שטיל. קיינער האָט נישט רעאַגירט מיט קיין וואָרט. מ'האָט נישט געהערט, אַז עמעצער זאָל עפּעס מאַנען. די וואַכלייט האָבן זיך געפילט ווי איבעריקע. איינער פון זיי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַלע זענען זיי אַרויס שמייכלענדיקע.

פעלאַ, וואָס איז פריִער געלאָפן אין דער וואַכשטובע מעלדן וועגן דער גנבה, האָט איצט אויך געשוויגן. ס'איז שווער געווען אויף איר צו דערקענען, צי זי האָט באַקומען חרטה וואָס צוליב איר איז אַנטשטאַנען דער טומל, אָדער זי האָט מיט איר שווייגן באַדויערט דאָס צוגעגנבעטע שפּייז פון איר שאַפּקע. בלויז די מיטן בויך האָט געזוכט אויף וועמען אויסצולאָזן איר כּעס:

— ווען דו וועסט אויפהערן באַקומען די פעקלעך — האָט זי געשריגן צו פעלאַן — וועסטו פּגרן ווי אַ הונט. קיין יינגל וועט נישט וועלן קוקן אויף דיין מאַלפּיש פּנים!

זאָשיאַ איז די גאַנצע צייט געלעגן אויף סטאַשיאַס בעט און ביידע האָבן פון דאָרטן אַראָפּגעקוקט צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין באַראַק. זאָשיאַ האָט גערעדט וועגן הונגער, ווי דאָס וואָרט וואָלט עקסיסטירט בלויז ערגעץ ווו. זי האָט דערציילט וועגן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו הונגער. זי מיט אירע עלטערן האָבן געוווינט אין סקערנעוויץ, נאָענט צו די דראָטן, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט די יידישע הייזער פון די פּוילישע. דורך אירע פענצטער האָט זי געזען דאָס לעבן פון די יידן אין געטאָ.

אַ סך פון זיי האָט זי געקענט פון פאַרן קריג. זאָשיאַ האָט אָפט געזען פאַרבייגיין לוויות. די מערסטע פון די געשטאָרבענע זענען געווען פון הונגער. אין געטאָ האָט זיך אויך געפונען אירס אַ שול־חברטע. דאָס ייִדישע מיידל פלעגט צו זיי קומען אין שטוב פון געטאָ, און שפּעטער פלעג זי, זאָשיאַ, אָן דעם וויסן פון די עלטערן זיך פאַרגנבענען צו די געטאָ־דראָטן און אַריבערוואַרפן צו דער חברטע אַ פּעקעלע שפּייז.

זאָשיאַ האָט געשילדערט די פאַרענדערונגען וואָס זי פלעגט פון מאָל צו מאָל באַמערקן אין איר חברטעס אויסזען. יענערס אויגן פלעגן אַזוי טיף זיך איינשטעכן אין דעם ברויט, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון פּאַפּיר און דאָס אָנגעהויבן שלינגען שנעל.

ביים לעצטן מאָל האָט זאָשיאַ דורך די דראָטן געזען פאַר זיך דעם זעלבן בעטנדיקן בליק, אָבער אויסגעזען האָט דאָס מיידל ווי אַן אַלטע פרוי. זי האָט גלייכגילטיק געדאַנקט מיט אַ קאָפּשאָקל און איז מיט שלעפּנדיקע טריט אַוועק אין געטאָ.

— האָסט זי באַדויערט ? — האָט סטאַשיאַ געפרעגט.

זאָשיאַ האָט זיך פאַרטראַכט און געענטפערט :

— זאָגן דיר דעם אמת ? נאַר דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַ גוטע חברטע...

*

אין באַראַק זענען אַריינגעקומען מיידלעך, וואָס האָבן דער־ציילט וועגן אַ פּלאַקאַט מיט זייער וויכטיקע פאַראָרדענונגען. זאָשיאַ און סטאַשיאַ זענען אַוועק אין דער קאַנטינע. אויף דער וואַנט זע־נען געהאַנגען מעלדונגען וועגן אָפּשאַפן די זונטיק־רו.

די מיידלעך אין לאַגער זענען געווען פאַרביטערט, וואָס די דייטשן האָבן ביי זיי צוגערויבט דעם פרייען טאָג, אָבער מורא געהאַט זיך צו בונטעווען.

סטאַשיאַ און זאָשיאַ האָבן די מעלדונג אַנדערש אויפגענומען, לויט זיי זענען די פאַראָרדענונגען געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון

דער ענדערונג אויף די פּראַנטן. איבעריקנס, האָבן זיי דאָס גע־קאָנט באַמערקן אויף די ערטער, ווו זיי האָבן געאַרבעט.

אין דער עראָפּלאַנען־פֿאַבריק האָט געהערשט אַ שפּאַנונג צווישן די דייטשישע אַרבעטער. אַ סך פֿון די יִינגערע מענער זע־נען פֿאַרביטן געוואָרן דורך אינוואַלידן און עלטערע מיט גרויע קעפּ. דאָס מאָביליזירן די פֿאַכלייט האָט געמאַכט אַ טיפֿן רושם אויף די אַרבעט־אויפֿזעער. פֿון די רייד וואָס זענען צו איר דערגאַנגען, האָט סטאַשיאַ פֿאַרשטאַנען, אַז די מפּלה פֿון די דייטשן דערנענ־טערט זיך גיכער ווי זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט.

אויך זאָשיאַ האָט געהערט, אַז די מלחמה וועט גיך זיך אי־בערטראָגן אויף דער דייטשישער ערד, אַז אַרום בערלין גרייט מען זיך אויף שווערע קאַמפֿן...

✶

דאָס איז געווען דער לעצטער בריוו, וואָס זאָשיאַ האָט דער־האַלטן פֿון אירע עלטערן איידער דער פֿראָנט איז דערגאַנגען צום פּוילישן שטעטל סקערניעוויץ. געוויינטלעך פֿלעגט זאָשיאַ אָפּהיטן די באַקומענע בריוו אַ שטיקל צייט, זיי געלייענט אַ סך מאָל, ביז יעדעס וואָרט איז אַריין אין זכּרון, און ערשט דאַן האָט זי זיי צע־ריסן. אַ סך מאָל צוליב די פֿאַרשטעלטע ווערטער אָדער רמזים וועגן באַשטימטע געשעענישן. אָבער דער בריוו וואָס זי האָט באַקומען צוזאַמען מיטן לעצטן שפּייזפּעקל איז געווען אַזוי רירנדיק און מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט געשריבן, אַז זי האָט איבערגעלאָזן דאָס בייגעלע פּאַפּיר צוזאַמען מיטן קאָנווערט פֿאַר אַן אָנדענק.

סטאַשיאַ האָט נישט איין מאָל געזען, ווי זאָשיאַ ווישט די אויגן ווען זי ליגט אויף איר בעט און לייענט דעם בריוו. סטאַשיאַ האָט זיך געמאַכט אָוועקקוקן. זי האָט געוווסט, אַז אין די שווערסטע מאָמענטן האָט אויף איר אייגן פּנים נישט געטאָרט זיך באַווייזן אַ טרער און זי האָט דאָס אויך נישט ליב געהאַט ביי אַ צווייטן צו זען.

סטאַשיאַ האָט געקענט דעם אינהאַלט פונעם בריוו און זי האָט געוווסט ביי וועלכע ערטער זאָשיאַן גייען איבער די אויגן. אויך סטאַשיאַן האָבן גערירט די ווערטער פון אַ מאַמעס בענקשאַפט צו איר איינציקער טאָכטער און די שרעק פאַר איר גורל...

אין יענע טעג, ווען די בלאָקאַדע אַרום דער דייטשישער הויפּט־שטאָט איז געוואָרן ענגער, און זאָשיאַ האָט שוין מער נישט גע־קאָנט דערקריכן צו איר אַרבעט אין בערלין, איז זי געווען גאַנץ פריילעך. זי האָט פאַר סטאַשיאַן אויסגעזונגען אַלע לידער, וואָס זי האָט געדענקט פון דער שול און פון אירע חברטעס אין דער היים. זאָשיאַ האָט אָפּגעלאַכט פון די מיידלעך, וועלכע זענען אַרומ־געגאַנגען אומרויִקע, מיט פאַרשלאָסענע פּנימער. זי האָט געזאָגט, אַז די מיידלעך פאַרשטייען נישט די גרויסע טעג, וואָס זיי לעבן איצט איבער.

אין באַראַק זענען יעדן טאָג דערגאַנגען אַנדערע ידיעות. קו־מענדיק פון דער אַרבעט, האָבן די מיידלעך געבראַכט פאַרשיידענע נייעסן, אָבער קיינע פון זיי האָט נישט געוווסט ווו עס געפינט זיך דער פראָנט אויף דער דייטשישער טעריטאָריע. דאָס האָט זיי נאָך מער אָפּגעשראָקן פאַר דעם שטורעם, וואָס האָט זיך דערנענטערט.

ווען סטאַשיאַ איז געקומען פון דער אַרבעט, זענען איר די מיידלעך באַפאַלן. יעדע איינע האָט געוואָלט עפּעס דערגיין. סטאַ־שיאַ האָט נישט געוואָלט זיין פון די נייעס־ברענגער, האָט זי אָפּ־געפּטרט די מיידלעך מיט אַ וואָרט, וואָס האָט גאָרנישט געזאָגט מער, ווי זיי האָבן שוין געוווסט. בלויז מיט זאָשיאַן האָט סטאַשיאַ זיך געטיילט מיט אַלץ, וואָס זי האָט געהערט און געזען אין דער פאַבריק.

און געזען האָט זי אין דער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג גאַנצע טראַנספּאָרטן, שוין גרייטע צום אָפּשיקן, זענען געבליבן ליגן. די דייטשישע אַרבעט־אויפזעערס האָבן אויפגעהערט זיך אינטערעסירן מיט דער אַרבעט, זענען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע, פאַרזאָרגטע.

צווישן זיך האָבן זיי גערעדט שטיל. זייער גאַנג האָט פאַרלוירן דעם שטאָלצן טראָט.

אין יענע גורלדיקע טעג האָבן די ברידער אירע אויפגעטויכט פאַר סטאַשיאַס אויגן. צי לעבן זיי? זיי לעבן, זיי מוזן לעבן! זי האָט דאָס געפילט אין ציטער פון איר לייב, אין דעם האַסטיקן קלאַפּן פון איר האַרץ, אין די בליקן פון יעדן פאַרבייגייענדיקן. ערגעץ זענען זיי פאַראַן, אין יענעם דזשונגל. זי האָט געזען די ברידער אין אירע חלומות, זיי גערופן. איר רוף איז געוויס דער־גאַנגען צו זיי דורך פעלדער און וועלדער, דורך וואָלקנס, און זיי האָבן איר רוף געהערט צווישן דיביימער, אין די נאַכטיקע וואַנ־דערונגען, אין די וואָיענדיקע ווינטן. זי האָט זיי גערופן אין דעם אַרומגערינגלטן בערלין דורך די אָפּהילכן פון די האַרמאַטן־שאָסן...

שוין דעם צווייטן טאָג ווי די מיידלעך האָבן זיך געפונען אין בונקער. די מלחמה איז אָנגעגאַנגען מיטן פולן פאַרנעם. דאָס פייער פון דער רוסישער אַרטילעריע האָט געשפּאָלטן די לופט איבער די לאַגערן, אויפגעטרייסלט די ערד. בערלין האָט געברענט פון אַלע זייטן: ס׳האָט אויסגעזען, ווי יעדע גאַס, איטלעך הויז און יעדער שטיין וואָלט דאָרטן געברענט צוזאַמען מיט זייערע מיליאָנען איינ־וווינער. דאָס פייער פון ברענענדיקן בערלין האָט אין דער נאַכט געלויכטן איבערן לאַגער מיט אַ בלענדיקן אָפּשיין. די מיידלעך האָבן געדענקט די נאַכט־באָמבאַרדירונגען מיט די רויטע רויכ־וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער שטאָט. אָבער אַזאַ גיהנומדיק פייער, וואָס זאָל פאַרדעקן דעם גאַנצן הימל מיט רויט, און די נאַכט זאָל אויסזען ווי דער טאָג — דאָס האָט קיינער זיך נישט אויסגעמאָלן אין דער פאַנטאַזיע.

אַליין, קיינער זאָל זי נישט אָנקוקן אין די דאָזיקע מינוטן, איז סטאַשיאַ געשטאַנען מיטן פּנים צום ברענענדיקן בערלין און געוויינט פון פרייד, וואָס זי האָט זוכה געווען צו דערלעבן און זען מיט די אייגענע אויגן דייטשלאַנדס אונטערגאַנג אין פייער און פלאַם, זען ווי דאָס לאַנד ווערט צעשמעטערט. סטאַשיאַ האָט נישט

איין מאָל געזען בערלין מיט אירע שיינע בולוואַרן און פּרעכטיקע געביידעס, קאַפעען, טעאַטערס, אָפּערע־הייזער. זי האָט געדענקט די גרויסע מיליטערישע פּאַראַדן, די מיליאָניקע מענטשן־באַוועגונג, די מיט שטאָלץ פּאַרריסענע פּנימער, און דאָס אַלץ האָט איצט גע־ברענט פאַר סטאַשיאַס אויגן! זי איז צוריק אַריין אין בונקער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט און פון איבערגענומענקייט האָט זי נאָך געציטערט. זאָשיאַ האָט איר אָנגענומען פאַר דער האַנט און געפרעגט:

— דיר איז קאַלט?

— אין דרויסן פליִען איבערן קאָפּ סנאַריאַדן — האָט סטאַשיאַ געענטפערט און זיך צוגעטוליעט צו זאָשיאַן.

ביי זייערע פיס איז געשטאַנען דאָס גאַנצע ביסל שפּייז, וואָס זאָשיאַן איז נאָך געבליבן אין איר שאַפּקע, אָבער עס האָט זיי ביידע נישט גענומען צום עסן. זאָשיאַ איז געווען אומגעדולדיק און נערוועז. סטאַשיאַ האָט זי געדאַרפט מונטערן, באַרויִקן, פאַר־יאָגן פון איר די שרעקבילדער, אַז דאָ אין דעם בונקער וועלן אַלע אומקומען אין איין גרויסן מאַסן־קבר. זאָשיאַ האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף סטאַשיאַס אַקסל און געלאָזט זיך איינגעמען ווי אַ קליין קינד.

באַגינען, סטאַשיאַ מיט זאָשיאַן האָבן דערהערט געשרייען:

די רוסן זענען דאָ!

אַלע האָבן זיך געוואָרפן צו די אַרויסגענג. אין דרויסן האָבן סאָוועטישע זעלנער אַרומגערינגלט די באַפרייטע לאַגערמענטשן. בערלין האָט געברענט. מיט אַ געפיל פון נקמה האָט סטאַשיאַ געקוקט אויף דער שטראָף פאַר דעם זינדיקן לאַנד...

*

ס'איז געווען די ערשטע נאַכט נאָך דער דייטשישער מפּלה. די איבעראַשינדיקע פרייד איז פון סטאַשיאַן נישט אָפּגעטראָטן. אין דער פרי האָט זי נישט געוווּסט, ווי לאַנג זי איז געשלאָפן,

און צי איז זי בכלל איינגעשלאָפן, צי וואַך געווען, און אפשר גאָר צייט זיך נאָך דער חלום אירער פון יענע שלאָפלאָזע נעכט... איצט איז זי דאָך שוין פריי, זי דערקענט דאָס אויף יעדנס פּנים...

איז זי שוין באמת באַפרייט? פאַר וואָס האָט זי אַזוי מורא צו אַנטפּלעקן איר סוד? ווי אַזוי וועלן די מיידלעך זי פאַרשטיין, ווען זיי דערוויסן זיך אַז איר ייִדיש האַרץ האָט זי אויסגעבאַהאַלטן אונטערן אַ גוייִשקן נאָמען?

די בייזע וואָכלייט זענען פאַרשוווּנדן. פון דער צוואַנגס־אַר־בעט איז מען באַפרייט. נאָר דער פּחד פאַר דער שׂינאה צו איר ייִדישן נאָמען איז פון סטאַשיאַן נישט פאַרשוווּנדן. דאָס האָט זי געטריבן צו די ברידער, וואָס זי האָט געלאָזט אין וואַלד. זיי האָבן געלעבט אין אירע האָפענונגען, אין אירע בענקשאַפטן, זיי זענען איר געשטאַנען פאַר די אויגן, יעדערער באַזונדער אין איר דמיון אויסגעפאָרמירט ווי וואַלד־מענטשן, אַרויסגעקראָכענע פון דער אונטערערדישער באַהעלטעניש. איר האַרץ האָט צו זיי גערעדט און זי האָט געהערט יעדנס קול באַזונדער...

גאָר אַנדערש האָט דאָס בילד אויסגעזען, ווען סטאַשיאַ האָט זיך אָנגעטראָפן מיט איר איינציק ביים לעבן פאַרבליבענעם ברו־דער, פון וועמען זי האָט נאָך יאָרן דערהערט איר ייִדישן נאָמען — העניע. מיט דעם נאָמען איז זי ווידער אַריין אין איר באַנייט ייִדיש לעבן און איז עס ממשיך אין מדינת־ישׂראל. ממשיך מיט איר מאַן און קינדער — — —

אַ רוף צו לעבן

נאָך זונפאַרגאַנג פאַלט אויף דער אָנהייב־נאַכטיקער דאָרפי־שער לאַנדשאַפט אַ שטיל שווייגן, און ס'נידערט אויף דער ערד אַראָפּ אַ טוינעפּל, וואָס צעשפּרייט זיך איבער גרינע לאָנקעס, פאַר־זייטע פעלדער, באַפּלאַנצטע הויכקייטן און טאָלן. די געצוימטע שטילקייט ווערט באַגלייט מיט אָפּטע ווידערקולות פון אַ הינטיש געביל, קאָלערן זיך אַריין טיף אין דער נאַכט, וואָס פאַרבאָרגט אין זיך געהיימע יידישע טריט.

פינטשעס איצטיקער גאַנג אויף די וועגן איז נישט געווען דער ערשטער און, ווי ס'האָט אים אויסגעזען, אויך נישט דער לעצ־טער וועט ער זיין. די איבערלעבונגען וואָס ער האָט שוין געהאַט איבערגעקומען, האָבן אים אין געוויסע פאַלן געמאַכט אַבערגלוי־בעריש. ער, דער געוועזענער פריידענקער וואָס האָט פאַרלייקנט גאָט, איז אין זיינע מוראדיקע איבערלעבונגען געוואָרן באַווירקט פון פריער פרעמדע געדאַנקען. נישט ער האָט געקענט אָדער גע־וואָלט אין זיי זיך פאַרטיפן, און נישט דאָס האָט אים געשטערט צו שפּינען די באַטראַכטונגען פון זיין ווייטערדיק לעבן. געפילט האָט ער ווי די אַלע מחשבות פילן אין אים אויס די פוסטקייט, וואָס די אַליינקייט האָט געשאַפן אין זיין נשמה. זיין יידישער גורל האָט אים פאַרטראָגן אויף וויסטע וועגן...

געקומען איז פינטשע אין וואַלד דורך אַ צופאַל, וואָס אויך דאָס האָט אים אויסגעזען צו זיין נישט געווינטלעך. ער איז געווען פאַרשפּאַרט אין געטאָ צוזאַמען מיט די שטעטלשע יידן. נישט זעענדיק קיין אויסוועג פון די צרות, האָט ער געלאָזט זיך איבער־רעדן פון זיין שטעטלשן חבר אַברהמעלע בלעכאַרש, וואָס איז גע־ווען אַן אָפּטער אַרויסגייער פון געטאָ, געשטאַנען אין קאָנטאַקט

מיט דאָרפישע פּויערים, געפירט מיט זיי אַ געהיימען האַנדל, אַרויס־געפירט פון געטאָ אויסבאַהאַלטענע סחורות און אַריינגעשמוגלט אין געטאָ שפּייז. ער האָט פאַרהאַרטעוועט זיין נאַטור און געוואָרן וואָס אַ מאָל געוואַגטער, איינשטעלערישער. אויך פינטשען האָט ער אַריינגעצויגן אין די געהיימע ביינאַכטיקע גענג. איין מאָל איז ער אָבער אַריינגעפאַלן אין רוצחישע הענט און שוין מער נישט צוריקגעקומען. פינטשע איז געבליבן שטעקן אַליין אין דאָרף, פון וואַנען אים איז געבליבן נאָר איין וועג — אין וואַלד. אויך אין וואַלד האָבן געלויערט אַרום אים אַ סך סכּנות: הונגער, באַנ־דעס פּוילישע פּאַרטיזאַנער, אַנטלאָפענע פון דייטשישער געפאַנ־גענשאַפט רוסן. פאַר אַן אַרומבלאָנדזשענדיקן יידן זענען די אַלע וואַלדלייט געווען טויט־שונאים. אַ ניצול געוואָרענער ייד פון חורבן האָט נישט געפונען ביי קיינעם פון זיי קיין פאַרשטענדע־ניש, קיין שפּור פון אַ מענטשלעך געפיל. בלויז די יידישע בגדים און שיך האָבן פאַר די אַ לייט געהאַט אַ ווערט, און דער ייד, אויב נישט געטייט, איז ער אַ נאַקעטער געבליבן אויף הפקר.

די אויסטערלישע לעבנס־באַדינגונגען האָבן פאַר פינטשען גע־שאַפן אַן אַנדער וואָר, אים געצוווּנגען זיך אויסלערנען זיך איינ־אָרדענען אין זיי. געהאָלפן דערביי האָט אים דער אינסטינקט פון פאַרויס פילן פאַרשיידענע סכּנות דורך אַ נייעם חוש, וואָס איז אין אים אויפגעקומען.

איין מאָל האָט פינטשע אין זיינע נאַכט־וואַנדערונגען אויף אַ פעלד מיט קאַרטאָפל־בייטן אָנגעטראָפן אויף אַ האַרטן חפץ. געווען איז עס אַן ערדענער שוואַרצער טאָפּ. די עפענונג — פאַר־וויקלט מיט אַ לייוונטענער שמאַטקע. דער אויסגעהונגערטער און מידער וואַנדערער האָט דערפילט אַ ריח פון שפּייז. מיט ציטערנ־דיקע הענט האָט ער איבערגעפירט פון טאָפּ אין זיין טאָרבע אַריין אַ שטיק קאָרנברויט, אַ האַרט שפּיציק קעזל, אַ שטיק גערייכערט פלייש און אַ טאָרבקע געבראָטענע קאַרטאָפל. צווישן דעם אַלעם איז געלעגן אַ פאַרקנייטשט בריוול, וואָס פינטשען איז אין דעם

מאָמענט נישט אַנגעגאַנגען פון וועמען און פאַר וועמען ס'איז גע־שריבן. פאַרשיכורט פון די ריחות, האָט ער פאַרגעסן ווו ער גע־פינט זיך, אָנגעהויבן בייסן און שלינגען דאָס עסן און שיִער זיך נישט דערוואָרגן מיט אַ ביסן, ווייל געווען איז ער אין הוילע שרעק, כאָטש אַרום אים איז געווען אַ טויטע שטילקייט. די שרעק האָט אים געטריבן פון אָרט. אָן איינגעבויגענער, מיט דער טאָרבע אויפן האַלדז, איז פינטשע צוריקגעלאָפן אין וואַלד אַריין, גע־שטאַרקט פון געפיל, אַז ער האָט אַ ביסל שפייז.

עטלעכע שיינע טעג האָט פינטשע געהאַט צו עסן און נישט געדאַרפט אַרויסגיין פון וואַלד. נאָך אַ מאָל גיין צום זעלבן אָרט האָט אים דאָס הארץ נישט געצויגן. די רוסישע ווערטער אינעם בריוול האָבן אים געשראָקן. זיין געפיל האָט אים נישט גענאַרט. ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דער שוואַרצער טאָפּ האָט געדינט די דייטשן ווי אַ פאַסטקע פאַר רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן באַדראָט די קאָמוניקאַציע־וועגן.

דאָס מאָל איז פינטשע שוין געגאַנגען דורך אומוועגן. אין דער פינצטער זענען די וויסטע פעלדער געלעגן אָפן פאַר גרעסערע און קלענערע נאַכט־חיות, אויך פאַר אויף הפקר אויסגעשטעלטע נע־ונד־טריט פון אַ פאַרוואָגלטן ייִד. ער איז געגאַנגען צו זיינעם אַ באַקאַנטן פויער, וואַלענטין, ביי וועמען פינטשעס שותּף, אברהמל, האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן בעתן געהיי־מען האַנדל.

מיט אַ מאָל האָט פינטשע דערקענט אינעם פויער אָן ענדע־רונג אין דער באַציִונג צו אים. וואַלענטי האָט אים געשענקט עפּעס צום עסן, אָבער פינטשעס נאַכטבאַזוכן זענען געוואָרן פאַרן פויער אַ לאַסט, באַגלייט מיט פיינדלעכע רייד, ווייל סתּם דערטיילן דעם ייִד הילף נישט באַלוינט ווערן דערפאַר, צו דעם האָט דער פויער נישט איינגעשטימט. פריִער האָט ער מיט די צוויי ייִדן גע־פירט אַ האַנדל און דערביי גוט פאַרדינט. איצט, ווען פינטשע איז געבליבן עלנד און פאַראָרעמט, איז ער דעם פויער מער נישט

אַנגעגאַנגען. און נאָך עפּעס האָט וואַלענטינען געאַרט: צי מיינט ניִשט דער ייִד צו מאַנען עפּעס פון אברהמלס ירושה? פאַרן פויער איז גלייכער געווען פּטור צו ווערן פון פּינטשען.

דער הונגער האָט פּינטשען געטריבן צו אַנדערע טירן. אויך דאָ האָט ער קיין בעסער מזל ניִשט געפונען. אַנשטאָט אַ פּענעץ ברויט האָט ער געהערט: „באַצאָל מיט גאָלד וואָס דו האָסט מיט־גענומען פון געטאָ, וועסטו באַקומען עסן"... פּינטשע האָט איינ־געזען, אַז ער מוז וואָס גיכער פאַרלאָזן דעם וואַלד, די געגנט. די שׂינאה פון די דאָרפישע איינוווינער האָט אים פאַרויסגעזאָגט אַ סוף צו זיין לעבן.

פּינטשע האָט ווידער גענומען זיין וואַנדער־שטעקן אין האַנט, געלאָזט זיך אין וועג אָן אַ דאָקומענט, אַ דערשלאָגענער ווי אַ פאַר־טריבענער הונט, גרייט אויפצונעמען דאָס ערגסטע וואָס מיט אים קאָן געשען. דאָך האָט פּינטשע ניִשט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז פון ערגעץ וועט אָן אומדערוואַרטע הילף קומען. אַ נס, אַזוי ווי ביז איצט, וואָס אַ דאַנק אים איז ער ניצול געוואָרן פון טויט ניִשט איין מאָל.

פּינטשע האָט אין זיין גאַנג געמוזט דורכקווערן אַ דאָרף, פּונקט איז אים אַנטקעגן געפאָרן אַ מיליטערישער וואָגן מיט זשאַנ־דאַרן. דערנעבן, ביים ראַנד פון וועג איז געשטאַנען אַ צלם. מיט עטלעכע שפּרייזן איז פּינטשע דערגאַנגען צום צלם, אַראָפּגעלאָזט פון זיך די טאָרבע וואָס איז געהאַנגען אויף אַ שטעקן איבערן אַקסל, און זיך געצלמט, פאַרהאַלטנדיק זיינע האַנטפלאַכן אויפן פּנים, ביז די זשאַנדאַרן זענען פאַרלוירן געגאַנגען פון די אויגן... אויך די דאָזיקע איבערלעבונג האָט פּינטשע אויפגענומען ווי יענע שוין מערערע מאָל „אומנאַטירלעכע צופאַלן".

גייענדיק איז פּינטשען איינגעפאַלן אַ געדאַנק: ער וועט צו־וואַרטן ביז פינצטער ניִשט ווייט פונעם שטעטל און וועט זיך אַריינ־באַקומען אין טויטן געטאָ. ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, שטייען נאָך די ייִדישע הייזלעך אָפן, אַזוי ווי די ייִדן האָבן זיי פאַרלאָזט,

געיאָגטע פון די רוצחים. אין זיין שטוב וועט ער נאָך אפשר גע־פינען פאַרבליבענע שפּייז־פּראָדוקטן; וועט אויך איבערבייטן זיין פאַרלייזיקט וועש.

האָט ער פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג צום שטעטל און דורך זייטיקע וועגן זיך אַריינבאַקומען אין פינצטערן געטאָ. קיין סימן פון אַ לעבעדיקן שאָרך. אַלץ איז געווען פאַרגליווערט, אַ שוי־דער האָט אים אַדורכגענומען, ווען ער האָט דערפילט, אַז ער טרעט אויף דעם אָרט, ווו ער איז אויפגעוואַקסן, דאָ געלעבט ביז צום בלוטיקן אונטערגאַנג. ער איז אַריין אין זיין שטוב. די טירן — צעפּראַלט, פּונקט ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. זיינע פינגער האָבן דערטאַפּט פאַרדאַרטע קרישקעס ברויט, די שאַפעס — אויס־געליידיקט, נישט געבליבן קיין צעבראָכן שערבל. געפונען האָט ער עטלעכע פאַרפוילטע בורעקלעך, שאָלעכץ פון אַ ציבעלע, עטלעכע ברעקלעך פאַרשאָטן זאַלץ. די גאַנצע שטוב איז געווען אויסגע־ליידיקט. אַ צעבראָכן שטיקל מעבל האָט זיך געוואַלגערט איבערן דיל. דורך די אַרויסגענומענע שויבן האָט אַריינגעוואָיעט אַ ווינט... פינטשע האָט פּרובירט אַריינגיין אין אַ שכנותדיקן הייזל. אויך דאָרטן האָט ער געפונען דעם זעלבן וויסטן חורבן. מינוטן איז ער שטיין געבליבן ווי פאַרשטיינערט, פּלוצים האָט ער אַ צאַפּל גע־טאָן: ער האָט געהערט אַ שפּרונג און אַ פּישטשען, פאַרשווונדן אין דער פינצטער. אין די שטוב־ווינקלען האָט זיך געהערט אַ קראַצן אונטערן דיל. דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט זיין אימה און נישט געקאָנט זיך דערמאָנען, אין וועלכער זייט איז די אַרויס־גאַנג־טיר. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ליידיק פלעשל, וואָס ער האָט אין אויסגערויבטן געטאָ געפונען, אַ פלעשל אויף אָנצופילן מיט טרינקוואַסער. אין דער פינצטער האָט ער דערטאַפּט דעם אַרויסגאַנג. אַ מוראדיקער עלנד איז אים נאָכגעגאַנגען...

ביי דער שוועל פון דער דרויסנדיקער טיר איז פינטשע שטיין געבליבן: אפשר איבערקומען דאָ אַ שטיק נאַכט? אין דרויסן בלאָזט אַ שניידיק־קאַלטער ווינט. די מידע אברים האָבן אים גע־

צויגן צו דער ערד. דער קאָפּ האָט זיך געבויגן איבער די אַקסלען. און באַלד וואָרנט אים אַ צווייטער געדאַנק: וואָס קאָן געשען, אויב ער וועט דאָ אונטער אַ דאַך איינשלאָפן ביז אַ שטיק אין טאָג? קאָן דאַך אַ גיריקער רויבער ווידער קומען זוכן אין די שטובן. און ס'ווייסט דאָך יעדערער, אַז פאַר כאַפּן אַ לעבעריקן ייִד, דערצו נאָך אין „טויטן" געטאָ, באַלוינען די דייטשן מיט גוטע זאַכן. ניין, ער גייט צוריק אין וואַלד איבערקומען די נאַכט! וואָס ווייטער טאָן, וועט ער באַשליסן נאָכן שלאָפן עטלעכע שעה, ווען ער וועט ווידער קאָנען זיך האַלטן אויף די פיס.

ווען פּינטשע האָט זיך דערשלעפּט צו זיין באַהעלטעניש אין וואַלד, האָט ער מיט האַרץ־קלאַפּעניש דאָס אָרט געפונען צעגראָבן און פאַרשאָטן מיט פרישער ערד. איז זיין וואַלד באַהעלטעניש שוין קיין סוד נישט? האָט זיין גאַנג צום „טויטן" געטאָ אויך דאָס מאָל אים געראַטעוועט פון טויט? פּינטשע האָט איינגעזען, אַז אים באַגלייטן אמתע נסים. אַ געטלעך מזל? פאַר וואָס האָבן אַזעלכע נסים נישט פּאַסירט מיט זיינע פרומע שטעטלדיקע ייִדן? פּינטשע האָט איינגעזען, אַז ער טאָר נישט אויפגעבן זיינע האָ־פענונגען. ער דאַרף גלייבן אין נסים, ווייל אויף נסים הענגט זיין לעבן.

אַוועקלייגן זיך אויף דער מאָכיקער ערד און איינשלאָפן, האָט געהייסן פרייוויליק זיך איבערגעבן דעם טויט. אפשר אויף אַ בוים אַרויפקריכן און דאָרטן צווישן די געדיכטע צווייגן באַטראַכטן וואָס ווייטער צו טאָן.

נאָך אַ שווער דראַפּעניש, האָט ער דערגרייכט אַ הייך, ווי אַן אַנטלאָפענע חיה פון יעגער. אויף דיקע, צעשפּרייטע צווייגן, צונויפגעוואַקסענע, פאַרפלאָכטענע ווי אַ געדיכטע נעץ, האָט ער געקאָנט זיך אַוועקזעצן אַפילו מיט אויסגעצויגענע פיס. אַ ליב־דער ווינט האָט געגלעט זיין איינגעבראָכענעם רוקן, געוויגט דעם בוים צוזאַמען מיט פּינטשעס איינגעקלאַמערטע הענט אין די צווייגן.

באַגינען, אַ צעציטערטער פון פּאַרטאָגיקער קעלט, פון אויס־מאַטערנדיקער שלאָפלאָזיקייט האָט פּינטשע אויסגעקערט ס׳פּנים צום וואַלדראַנד און דערזען אויף דעם זאַמדוועג אַ וואָלקן שטויב, וואָס ציט זיך פון אַ פּאָר גאַלאָפּירנדיקע רייטער גלייך צום וואַלד. זיי בלייבן שטיין, קוקן זיך אַרום, דרינגען אַריין טיפער אין וואַלד, מאַכן ברייטע קרייזן אַרום דעם אָרט פון זיין צעשטערטער באַהעלטעניש.

דערזען די רייטער מיטן נאָכלויפנדיקן הונט, איז פּינטשען פאַרהאַקט געוואָרן דער אָטעם. פון בוים אַראָפּ האָט ער נאָכגעקוקט די צוויי רייטער מיט לאָפּעטעס אויף די אַקסלען, דרייען זייערע פּנימער, שטעלן אָן די אויגן אויף דעם וואַלד, שפּרינגען אַראָפּ פון די פערד, לאָזן זיי איבער שטיין צוגעבונדן צוביימער. דער הונט וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען, האָט זיך פּלוצעם אַ יאָג געטאָן נאָך אַ האָז. דעם האָז האָט דער הונט דעריאָגט, געברענגט אַ צאַפּלדיקן אין זיין פּיסק צו די רייטער. מיט איין קלאַפּ אין אַ בוים איז דער האָז געבליבן ליגן אָן באַוועגונג.

פּינטשען האָט אויסגעזען ווי דער טויטער האָז האָט די צוויי פּויערים געמאַכט פאַרגעסן אין אים, זיי פאַרפירט צו גאָר אַן אַנדער ענין. פון די ווערטער אין אַ הויכן טאָן האָט פּינטשע פאַרשטאַנען, אַז דעם האָז וויל פאַר זיך דער, צו וועמען דער הונט געהערט. אָבער דער צווייטער פּויער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף אַ חלק וואָס אויך אים קומט צוליב זיין איינשטימען צו באַטייליקן זיך אין פאַנגען אַ ייִד אין וואַלד. אויב דער ייִד איז נישט געפונען געוואָרן, געהערט דער האָז צוביידן, אָדער צו אים, צוליבן פאַרלוירענעם טאָג אַרבעט. צום סוף האָבן ביידע זיך דערַ־רעדט. אויב דעם ייִד איז זיי נישט געלונגען צו פאַנגען, וועט זיי אפשר יאָ געלינגען צו כאַפּן נאָך אַ האָז. וועט די חלוקה אויסקומען אַ גלייכע. דאָס האָט די צוויי פּויערים אַ טרייב געטאָן פון אָרט און רייטנדיק זענען זיי פאַרשווונדן אין וואַלד...

✶

די זון איז שוין געווען אויפגעגאַנגען איבער אַ שטיק הימל און מיט ליכטשטראַלן באַהעלט די ביימער־שפּיצן, דורכגעדרונגען דורך צווייגנגעצן צו דער מאַכיקער ערד.

זיצנדיק אויפן בוים האָט פּינטשען געמאַטערט די זאָרג — וואָס ווייטער? ווו זאָל ער גיין? אויף מיזרח צום בוג? האָט זיין האַרץ אים געשראָקן. געדענקט ער נאָך פון דעם אָנהייב קריג וועגן אַנטלאָפענע פּליטים, וואָס דער בוג האָט זיי פאַרשלונגען און שפּע־טער אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג. גיין אויף מערב? מוז ער גוט דורכטראַכטן, ווי אַזוי נישט ציִען אויף זיך קיין חשד. ער האָט געקלערט און זיך דערקלערט. אים איז אין שלאָף אויפגעקומען אַ מאָל אַ געשטאַלט פון אַ בעטלער, וואָס איז געזעסן הינטער אַ קלויסטער־וואַנט. אָט דאָס בעטלער־געשטאַלט פון די קינדער־יאָרן האָט גענומען זיך איצט אויסמאָלן אין זיין דמיון. מיט אַזאַ אויסזען וועט ער קאָנען גיין איבער די וועגן, וועקן צו זיך מיט־לייד, אָנקלאַפּנדיק אין אַ טיר. צו אַזאַ אויסזען האָט אים קיין סך נישט געפעלט: אַ באַוואַקסענער אויפן קאָפּ און פּנים, די וואַנצעס געבנוג אַנזעעוודיק, דאָס אָפּגעניצט גוייִש היטל, די פאַרשטויבטע און צעקנייטשטע בגדים, די אָנגעהאָנגענע איבערן אַקסל טאָרבע. מיט אָט דעם אויסזען וועט ער קאָנען אָנגיין פאַר אַ „דזשיאַד״.

מיט די רעיונות איז פּינטשע אַראָפּ פון בוים, אוסגעגלייכט זיין צעווייטיקטן גוף, אַריינגעקוקט אין דער טאָרבע, וואָס איז נאָך אים פאַרבליבן אין מויל צו נעמען. געיאָגט פון אַן אומרויִק געפיל איז ער מיט אייליקע טריט אַרויס פון וואַלד.

פייגל אין נידעריקן פלי האָבן אים באַגלייט אין זיין גאַנג. אויף די פעלדער האָבן איינגעבויגענע פּויערים און פּויערטעס גע־גראָבן די ערד. הינטער זיי — אויסגעשטעלטע פולע זעק מיט קאַרטאָפל. די זון איז שוין געווען אויפגעגאַנגען הויך אין הימל — אַ סימן פון האַלבן טאָג. די קאַרטאָפל־גרעבער האָבן געלאָזט ליגן די גראָב־כּלים, זיך צונויפגעקומען און אויסגעזעצט זיך אין אַ קרייז אַרום אָפּגעדעקטע שיסלען מיט געקאָכט עסן.

פינטשע האָט זייטיק זיך פאַרנומען צו אַזאַ גרופּע עסערס, וואָס האָבן מיט הילצערנע לעפל געשעפּט פון אַ גרויסער ערדער־נער שיסל, געשלונגען געפּרעגלטע קליצקעס און פאַרטרונקען פון אַ גרויסן קרוג, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

— זאָל זיין געלויבט יעזוס קריסטוס.

— אויף אייביק, אייביק, אָמן!

— פון וואַנען גייט אַ מענטש?

— פון אַ דאָרף איבערן בוג.

— איר זענט זיכער הונגעריק.

— איך גיי פון אַ ווייטן וועג, נישט באַוויזן גאָרנישט נעמען מיט זיך.

— וואָס איז דאָרט געשען?

— די „שוואָבעס" כאַפּן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

— נו, און איר האָט אויסגעמיטן די „לאַפּוווקע" (כאַפּעריי)?

— דורך אַ צופאַל. געפּאַשעט שעפּסן אין פעלד. אויפן ערשטן אָרט גייען פליטים, פאַריאָגטע פון זייערע היימען.

אַן עלטערע פּויערטע האָט לעבן זיך געמאַכט אַן אָרט דעם „דזשאַד" און פאַרבעטן צום עסן. דערלאַנגט אים אַ הילצערנעם לעפל. פינטשע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניִען, איבערגע־צלמט זיך און גענומען צוזאַמען מיט אַלע שעפּן פון דער שיסל.

— ווו אַהין גייט איר?

— קיין מינסק־מאַזאָוויעצק, ווו מיין ברודער געפינט זיך. אויך אַ פאַריאָגטער פון פּויזנער געגנט. קיין געלט אויף צו פאָרן האָב איך נישט, שלעפּ איך זיך ווי אַ „דזשאַד".

די פּויערטע האָט צוגעלייגט אין שיסל, דער בעטלער זאָל זיך אָנעסן צו דער זאַט. פינטשע האָט אַרומגעווישט מיטן אַרבל די אויסגעפּעצטע ליפּן, צופרידן געדאַנקט פאַר זאַט מאַכן אַ הונגע־ריקן מיט אַ „גאָט זאָל אייך באַצאָלן".

— ס'שאַדט נישט, נעמט מיט זיך אויך דאָס טרוקענע עסן וואָס איז געבליבן און גייט מיט גאָט אויף אייער וועג.

אַז פּינטשע איז ווידער געווען אין וועג, האָט ער זיך געפילט געזעטיקט און געשטאַרקט און געווען צופרידן פון זיין ערשטן פּרווו אין זיין נייער ראָל. דער וועג איז אים געוואָרן לייכטער, געפילט זיך דרייסטער. געוווסט אַז דער וועג פירט צו אַ דאָרף, נאָר דער נאָמען איז אים אַרויס פון קאָפּ. אויך קיין נאָמען פון אַ מענטש אין אָט דעם אָרט האָט ער נישט געוווּסט. איין ברירה האָט ער געהאַט — גיין צום בלינדן גורל אַנטקעגן, אפשר, אפשר וועט אים דאָס מזל אויך אויף דעם וועג באַגלייטן.

פּינטשע איז געגאַנגען אויף אַ זייטיקער סטעזשקע לענג־אויס אַ זאַמדיקן וועג. אַנטקעגן אים האָט געיאָגט אַ ווינט וואָס האָט געהאַמעוועט זיינע טריט. זיין מוח האָט געשפּונען פאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס טייל האָבן אים אויסגעזעען צו ריזיקאַליש, אַנ־דערע סתּם אויסגעפּאַנטאַזירטע. איין געדאַנק האָט אים אויסגע־זען מער רעאַל: אַריינגיין אין דאָרף וואָס געפינט זיך נאָענט פון וועג. דאָס דאָרף, האָט ער געדענקט פון זיין האַנדל און פון דער אָפּגעברענטער ווינטמיל פון אַ בליץ, אין דעם רעגנדיקן טאָג ווען ער האָט זיך געפונען אין דאָרף. אַנטקעגן דער אָפּגעברענטער מיל האָט זיך געדאַרפט געפינען אַ רייכער פּויער.

פּינטשע האָט אָפּגעוואַרט ביז ס'האָט אָנגעהויבן טונקלען. דעמאָלט וועט דער פּויער קומען פון פעלד. צו אָט דער צייט איז ער אַריין אין אַ פּינצטער פאָדערהייזל. דער הונט האָט זיך געריסן פון קייט צום פרעמדן וואָס האָט געקלאַפּט אין טיר. עמעצער פון די שטוביקע האָט זי געעפנט. אַ מאַטע ליכטשיין דורך אַ געדיכטער פאַרע האָט אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. צו דער שמאָלער עפענונג איז צוגעקומען אַ פּויער און מיט אַ שאַרפן בליק אָפּגעע־מאָסטן פּינטשען וואָס האָט נישט דרייסט אַראָפּגעצויגן דאָס היטל פון פאַרנייגטן קאָפּ:

— זאָל זיין געלויבט יעזוס...

— אויף אייביק...

— ס׳האָט מיר געשיקט צו אייך ווער פון שכנותדיקן דאָרף, אפשר נייטיקט איר זיך אין אַ פּאַסטעך.

— קומט אַריין, וועלן מיר רעדן.

פּינטשע האָט אַראָפּגעלאָזט די טאָרבע, זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם דרייפיסיק נידעריק בענקל, דאָס היטל אַנגעהאַנגען אויף אַ קני און געקוקט צום פויער וואָס האָט אָפּגעווישט די וואָנצעס, אַ מרוקע געטאָן און זיך אָנגערופן מיט אַ הייזעריק קול:

— וואָס אַז אמת, דאַרף איך אַ פּאַראָבעק נישט צום פּאַשען, נאָר צו דער ווירטשאַפט אַרום דער שטוב, כ׳האָב אַזאַ איינעם גע־האַט, איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

— כ׳על טאָן אַלע אַרבעטן, כאָטש קיין פּאַראָבעק ביי יענעם בין איך נאָך נישט געווען. איך בין אַ שמיד, און די גערמאַנצעס האָבן מיך פאַרייאָגט און פאַראָרעמט, אַזוי ווי איר זעט מיך, פּאַן.

— אָ, איר זענט נישט דער איינציקער פון יענע געביטן, וואָס זיי האָבן צוגענומען פאַר זיך. ווער ווייסט וואָס מיט אונדז וועט נאָך זיין... ווי רופט מען אייך ?

— פּיאָטער פּאָדגורסקי.

— וועט איר מיר געבן אייער דאָקומענט אייך איינצומעלדןביים סאָלטיס.

— אָט זעט איר, פּאַניע, מיט דעם ענין, צום טייוול, האָב איך שוין געהאַט צו טאָן אויף יענער זייט בוג. איך בין אַנטלאָפן בעת אַ כאַפּעריי און נישט באַוויזן מיטצונעמען גאָרנישט, אַפילו נישט מיינע פּליטים־פּאַפּירן. איין מאָל באַרויבט געוואָרן, זאָל איך נאָך פאָרן זיי באַדינען ?

דער פויער האָט זיך פאַרקלערט, אַ קראַץ געגעבן דעם קאָפּ:

— הערט אויס, ס׳איז פאַרבאָטן צו באַשעפטיקן אַ נישט גע־מאָלדענעם. מיר לעבן הינטער דער גערמאַנסקער אָקופּאַציע, דאַרף מען זיך אויסהיטן. איך וועל גיין מיט אייך צום סאָלטיס, אויב ער וועט אָננעמען אייערע רייד און אייך פאַרשרייבן אין דער גמינע, קענט איר ביי מיר בלייבן אַרבעטן.

ביידע זענען אָוועק טיפער אין דאָרף. ווייל געקומען איז צום סאָלטיס אַ רייכער גאָספּאָדאַרזש, האָט ער מילד זיך באַצויגן צום פּאַראָרעמטן פּוילישן פּליט, זיך פאַרקלערט ווי אַזוי אים לעגאַלי־זירן און נישט דאַרפן צוריקגיין איבערן בוג אָפּזוכן זיין דאָקומענט...

— נו גוט, איך וועל פּרובירן...

דער סאָלטיס האָט פאַרצייכנט אַלע אָנגעגעבענע פּרטים, באַ־שטימט די צייט ווען גיין צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. פּיאָטער איז געגאַנגען איבערנעכטיקן צום פּויער, ווו ער האָט זיך שוין געפילט אַ ביסל פאַרהיימישט, צוגעהאָלפן גרייט מאַכן דאָס עסן פאַר די חזירים, פאַר די קי און פערד. די קאַריטעס זענען פול געוואָרן, די פערד האָבן צעשאָקלט מיט די קעפּ, צעבלאָזן די פּלעוועס פון די קערנער, די בהמות האָבן געקייט די אָנגעוואָרפענע גראָזן, און די חזירים האָבן געפּאַטשט מיט די פּיסקעס. אויך פּינטשע האָט הנאה געהאַט וואָס ער האָט געוווסט דאָס אַלץ פּאַרטיק צו מאַכן שנעל און געשיקט, געזען ווי זיינע גויישקע שכנים מאַכן דאָס. דער פּויער איז געזעסן, געקוקט אויף דעם „דזשאַדס" פלייסיקער אַרבעט, געצויגן דעם פאַרדרייטן פּאַפּיראָס, פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ געדיכט פאַרעיפּושטן מאַכאָרקע־רויך.

אויף אַ נידעריק בענקל האָט מען פּיאָטערן דערלאַנגט אַ שיסל געקאָכטע קאַרטאָפל, באַגאָסן מיט מילך. ער האָט שוין געוווסט ווי זיך אומגיין ביים עסן, נישט אַרויסגעלאָזט פון קאָפּ זיין פאַר־גויישטן נאָמען. אָפּגעהיטן אין זיך אַלע מינהגים וואָס זיין פאַר־שאַרפטער חוש האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן. נאָכן „וויעטשאָרעק" (נאַכט־עסן) האָט דער פּויער אים מכבד געווען צו פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס. דער רויך פון זייערע מיילער האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער פאַרדעמפּטער לופט אין שטוב, צו וואָס די שטוביקע זענען שוין געוווינט געווען.

אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, באַגלייט פון סאָלטיס און דעם פּויער, איז נאָכן אויסהערן די סיבה פון פּיאָטערס בלייבן אָן אַ דאָקומענט, פאַרגעקומען צווישן די באַאַמטע אַ שטילע באַראַטונג.

די געוואָרפענע בליקן האָבן פּינטשען צעטרייסלט זיינע אברים. פּינטשע האָט באַגראָבן אין זיך די שרעק, סימולירט אַ גלייכגילט ווי נישט אים מיינט מען. ער האָט גערעדט און געשמייכלט צום סאָלטיס וואָס האָט אָן חשד צו אים זיך באַצויגן.

אָן אַנדער אויסזען האָט אָנגענומען דעם פּויערס פּנים, ווען די באַאַמטע האָבן פּיאָטערן גענומען שטעלן פראַגעס וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קרייץ־פאַרהער אין אַ געריכט:

— האָט איר נישט געוואוסט, אַז קריגסצייט דאַרף מען ביי זיך האָבן אַ דאָקומענט?

— איך האָב שוין די פראַגע געהערט אין עטלעכע ערטער, און מענטשן ווילן נישט פאַרשטיין, אַז מ'קומט אומגעריכט, אין געציילטע מינוטן אַרויסוואַרפן אַ מענטש פון זיין איינגעוואָרצלטע היים, איז נישט גלייך ווי מ'וואָלט אים דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט? נו, פּאַנאָוויע, ליגט דעמאָלט אין זינען אַ דאָקומענט וואָס איז ערגעץ פאַרשטעקט? אין אַזאַ באַדרענגעניש ווייסט מען נישט וואָס פריִער צו כאַפּן.

— אָבער אַ העמד מיט אַ פּאָר הויזן האָט איר יאָ גענומען?

— אויך דאָס נישט — האָט פּיאָטער זיך פאַרקלאָגט — איך בין געווען צעטומלט און געמוזט אין זיך דריקן די דערנידערונג, ווי מיר וואָלטן געווען זשידעס...

מיט זייער שטילשווייגן האָבן די באַאַמטע אויסגעדריקט מיט־לייד און פאַרדראָס. פּיאָטערס רייד זענען דערגאַנגען צו זייערע הערצער. איינער פון זיי האָט גענומען אויספילן אַ בויגן פּאַפּיר און געפרעגט פּיאָטערן: טאָג פון געבוירן, אָפּשטאַם, רעליגיע, פון ווען אַ פּליט, און נאָך אַנדערע פראַגעס וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום דאָקומענט. צום סוף האָבן עטלעכע גרעסערע און קלענערע שטעמפּלען מיט אונטערשריפטן לעגאַליזירט פּיאָטערן ווי אַ פּליט פון די פּוילישע מערב־געביטן.

ביים פּויער אין שטוב האָט שוין פּיאָטער זיך אַרומגעדרייט מיט פאַרשאַרצטע אַרבל; שוין געוווּסט אַז זיין בעל־הבית רופט מען

פּאַוועל און אַז אין דער סטאַדאָלע ליגט געשניטן שטרוי. פֿון די שטאַלן האָט ער אַרויסגעוואָרפֿן דאָס מיסט, צעשפּרייט טרוקענע שטרוי, די קי זאָלן נישט פֿאַראומרייניקט ווערן. די פֿערד האָט ער געפּוצט מיט אַן אייזערנער קאַם; דעם גרויסן בייזן הונט אויף דער קייט צוגעשאַרט זיין פֿאַרציע עסן. פּיאָטער האָט זיך געמיט, אַז די אַלע אַרבעטן זאָלן פֿון אים געטאָן ווערן צו דער צייט. דער דאָקומענט אין זיין טאַש, האָט אים אָנגעפּילט מיט קוראַזש, פֿאַר־קלענערט דעם פּחד.

נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעט איז דער סאָלטיס געקומען צו פּאַוולען, אַוועק מיט אים אין אַ זייט. וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט, האָט פּינטשע נישט געוווסט. אינסטינקטיוו אָבער דער־פֿילט אַז מ׳מיינט אים. פּחד וואָס האָט אין אים שוין אָנגעהויבן זיך איינשטילן, איז אויפֿגעקומען אין זיין גאַנצן גרויל. דאָס מאָל — מיט אַ באַזונדערער שאַרפֿקייט. וואָס סודען זיי זיך? אפֿשר האָבן זיי נאָכגעפֿאָרשט זיין געבוירן־אָרט? אפֿשר איז ווער עפּעס דער־גאַנגען וועגן זיינע פֿאַלשע דערקלערונגען? צו וואָס, אויב אַזוי, זיין גאַנצער געראַנגל?

און דאָך, אפֿשר נאַרט ער זיך? אפֿשר פֿאַרפֿירן אים זיינע ספֿיקות, זיין אינערלעכער אומרו? דערווײַלע זעט ער דאָך נישט פֿון די שטוביקע קיין שום ענדערונגען אין זייער באַציִונג צו אים, דער בעל־הבית רעדט און הייסט אים טאָן מיט דער זעלבער רוטין ווי ביז איצט. איז פֿאַר וואָס זיך ערגערן? מיט אַזעלכע שרעק־געפֿילן וועט ער נישט קענען שטיין אַנטקעגן דעם, וואָס אים דער־וואַרט נאָך.

דער פֿויער איז צו צו פּינטשען אין שייער, געהייסן אים אַוועקלייגן די דרעש־שטעקנס, און ביידע האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ סנאָפּ שטרוי. בכדי צו האַמעווען זיין צעלאָפֿן האַרץ, האָט פּינטשע פֿאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס פֿון פּושקעלע מאַכאָרקע וואָס דער פֿויער האָט אים דערלאַנגט, סימולירט רויִקייט, אָבער זיין אויער אָנגע־

שפּיצט צו דעם, וואָס ער האָט מורא געהאַט צו דערהערן. צי האָט ווער אויסער אים געקאָנט פילן זיין פריי אָפּאָטעמען, ווען צוזאַמען מיטן מאַכאָרקע־רויך האָט דער פויער אַרויסגעקוועטשט פון זיינע ביין פאַרקרימטע ליפּן קללות, נישט דערזאָגטע, אויסגעסיקעטע דורך די ציין ווערטער: — אין זייער מאַמען אַריין! די שוואַבעס, זיי וועלן ביסלעכווייז אויסליידיקן אונדזערע שייערן פון תּבֿואה און די שטובן פון מענטשן. פלייש, תּבֿואה, מענטשן — קיין דייטש־לאַנד אויף אַרבעט! און וואָס נישט?

דערהערט אַז מען מיינט נישט אים, האָט פינטשע געוואָלט צוריקגיין צו זיין אַרבעט. האָט אים דער פויער פאַרהאַלטן אָבער נישט באַרויִקט. איצט האָט עס באמת געהאַט אַ שייכות צו זיינע זאָרגן. די צעצויגענע ווערטער האָט דער פויער אַרויסגערעדט דורכ־געטראַכט און אויסגערעכנט צו געווינען פינטשעס גלויבן און צו־טרוי. ביידע האָבן באַטראַכט די דייטשישע אָנגעגעבענע רשימה פאַרן דאָרף, ווו די ערשטע קאַנדידאַטן פאַרשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד זענען אויף אַלע ערטער די פּליטים. וואָלט אפשר גלייך געווען, אַז פיאָטער־פינטשע זאָל נעלם ווערן, ביז ס׳וועט שטיל ווערן מיטן קאָנטיגענט? דערנאָך זאָל ער ווידער קומען אַהער.

אין דער רגע, האָט פינטשע נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. געפילט האָט ער אָבער, ווי אַ שטיין וואָלט אים אַראָפּ פון האַרץ. נישט מ׳איז חושד, נישט קיינער טראַכט וועגן אים. די איינרעדע־נישן, די פיינלעכע חלומות אין די נעכט, די איבערגעבליבענע שרעקן פון געטאָ, דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעזעצט אין זיין געמיט. פּונקט אַזוי, ווי ער קאָן זיך נישט באַפרייען פון זיין שאָטן, אַזוי קאָן ער זיך נישט אָפּטאָן פון זיינע איבערלעבענישן. און דאָך האָט פינטשע נאָך די רייד מיטן פויער פאַרשטאַנען, אַז זיין מצבֿ איז אַנדערש ווי פריִער: ער איז לעגאַל געמאָלדן, מעג זיך ווייזן פאַר דער ליכטיקער שיין. די סכּנה פאַרשיקט צו ווערן קיין דייטש־לאַנד? איז עס דען ערגער פאַר אים ווי צו זיין אַ פּאַראָבעק ביים פויער? און אפשר גאָר בעסער? אין דייטשלאַנד וואָלט ער גע־

לעבט מיט אומצופרידענע, פאַרביטערטע קעגן די דייטשן, וואָלט דאָס געצוימט זייער יידן־שינאה.

פינטשע וואָלט שוין איינגעשטימט איבערצוקומען די מלחמה־יאָרן אויף דעם אָרט ווו ער געפינט זיך. דאָס גאַנצע דאָרף ווייסט שוין, אַז ער איז אַ פאַריאָגטער פון זיין היים. אַלע קענען אים פאַר אַ פרומען קאַטאָליק. אין דאָרפישן קאָשטשאָל זעט מען אים אַלע זונטיק. קיינעם פאַלט נישט איין, אַז פון זיינע באַוועגלעכע ליפּן קומט נישט אַרויס קיין איין וואָרט פון די געזונגענע קלויסטער־תּפילות. מען זעט אים פאַרטאָן אינעם דאָרפישן לעבן, ווי ער וואָלט דאָ געוועזן אַן אַלטער תּושב און ווי אויפגעוואָקסן אויף אָט דער ערד. נאָר די מלחמה האָט אים אַהער פאַרשלעפּט.

ער מוז דאָך אָבער גיין איבערקומען אַ געוויסע צייט. און מ׳טאָר אים נישט חושד זיין, אַז ער האָט נישט אַוועלכן ס׳איז קרוב. ער האָט דאָך געהאַט אַ ווירטשאַפט, אַ געבוירן אָרט... אָן דעם, איז ווער באמת איז ער? פּינטשען האָבן קיין מאָל נישט אויסגעפעלט קיין איינפאַלן, האָט ער אָנגעהויבן זיך גרייטן אין וועג...

אַז דער פּויער האָט געהערט, אַז פּיאָטער קלייבט זיך גיין אַזש קיין מינסק־מאַזאָוויעצק צו „זיין ברודער", האָט ער געוויגט דעם קאָפּ, געצווייפלט, אויב זיין פאַראָבעק וועט פון אַזאַ וויטן וועג צו אים זיך אומקערן. האָט ער אים געראָטן גלייכער גיין צו זיינעם אַ קרוב, אַרבעטן דאָרטן עטלעכע טעג, ביז נאָכן צונויפכאַפּן דעם קאָנטיגענט. האָט פּינטשע פאַרגעלייגט דעם פּויער: ער וועט עט־לעכע טעג אַרויסגיין פּאַשען זיינע בהמות. די קינדער מעגן בלייבן אין דער כאַטע. דער פּויער האָט איינגעשטימט, בתּנאַי, פּיאָטער זאָל גאַנץ פרי פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן שאַרימען אויף טאָג, האָט פּיאָטער צו־נויפגעטריבן די קי, די פערד און שעפּסן, מיט אַ טאָרבע עסן פאַר אַ גאַנצן טאָג, אַ טעפּל צום טרינקען, אַ פּאַכע געטאָן מיט דער

לאַנגער בייטש, און די גאַנצע סטאַדע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום געעפנטן טויער צו די פּאַשע פעלדער.

דערגאַנגען צום פעלד, האָט פינטשע געפענטעט די פאָדערשטע פיס פון די פערד, זיי פרייגעלאָזן פון די צוזאַמענגעבונדענע שטריק. די פערד האָבן זיך צעשפּרייט איבערן פּאַשעפעלד. פינטשע האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז מיטן פּנים צום אויסגעקלאָרטן פרי־מאָרגן־הימל, געפילט זיך צווישן די שטומע חיות פריי פון מענטשן־אויגן און מיילער. זיינע געשפּאַנטע נערוון האָבן נאָכגעלאָזן, און ער האָט געצויגן אין זיך די מחיהדיקע פעלדלופט.

נישט באַוויזן אָפּאָטעמען, האָט זיך צו אים דערטראָגן אַן אָפּ־הילך פון אַ גאַלאָפּירנדיק פערד. פינטשע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער פויער איז שטיין געבליבן לעבן אים און איבערגעגעבן וועגן די אַבלאַוועס אין דאָרף וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט גלייך אין די פרימאָרגן־שעהען. זיי האָבן באַלאַגערט די כאַטעס, געכאַפּט אַלט און יונג, זיי פאַרנומען אויף לאַסט־אויטאָס גלייך צו דער באַן קיין דייטשלאַנד. דער פויער האָט זיך אויסגעגלייכט אויפן פערד און צוגעגעבן:

— דו, פּיאָטער, האָסט געהאַט מזל, אָבער וואָס וועט זיין ווייטער? ער האָט אָנגעזאָגט פּיאָטערן אַליין צו קומען, פאַרקריכן אין שייער אויפן בוידעם, בלייבן דאָרטן ביז ער וועט זיך מיט אים דורכרעדן. די יינגלעך וועט ער שיקן צוריקברענגען די בהמות פון פעלד.

דעם פויער איז נישט איינגעפאַלן, אַז זיין שטוב ווערט אָב־סערווירט דורך פרעמדע אויגן. דאָס האָט אַ שכן זיינער, גולינסקי, וואָס האָט זיך מיט אים לאַנג אַרומגעקריגט צוליב אַ שטיקל ערד, געמישפּט און לסוף פאַרשפּילט. איז ער געבליבן אויף תמיד אַ פאַר־ביסענער שונא. דאָ האָט ער געפונען אַ גוטע געלעגנהייט צו פאַר־שאַפן צרות פּיאָטערס בעל־הבית, וואַלענטין. ער האָט געהערט דערציילן, אַז ביי אים האַלט זיך אויף אַ פרעמדער מענטש, אַר־בעט, ברענגט אים נוצן, ווען אַזעלכע פּליטים זענען פון די ערשטע

געווען וואָס די דייטשן האָבן זיי אָוועקגענומען. דעם זעלבן טאָג איז וואַלענטין געפּאַרשט געוואָרן פון עטלעכע פּאָליציי־לייט, ער האָט נישט געלייקנט, אַז ביי אים אַרבעט אַ פּליט, אַ געמאָלדענער אין דער דאָרפס־גמינע. ער ווייסט נישט פון דעם אַז ס׳זאָל זיין פאַרבאָטן צו באַשעפטיקן אַזאַ היימלאָזן, לעגאַלן מענטש.

קומענדיק אַהיים האָט וואַלענטין אַריינגערופן פּיאָטערן אין שטוב, ווו פּאָליציי האָט פאַרלאַנגט פון אים אַ דאָקומענט. פּינטשע־פּיאָטער האָט געוווּסט ווי זיך צו באַהערשן, געזוכט, געטאַפּט אין די טאַשן, לסוף געפונען פאַרשטעקט זיינע איינמעלדונג־פּאַפּירן.

— אויף דעם פּערזענלעכן דאָקומענט מיטן „אויסווייז־שיין״ — האָט פאַרלאַנגט אַ פּאָליציי־מאַן.

פּיאָטער האָט איינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען:

— פּאַניע וולאַדזאַ, מ׳האָט אונדז פאַרזאָגט, פאַרטריבן ווי די הינט. אוי יעזו, און דאָס אַזוי ראַפּטאָוונע, אַז מ׳האָט פון שרעק דעם קאָפּ פאַרלוירן, קוים באַוויזן די „דושע״ (נשמה) מיט זיך צו נעמען. איז ווער מען אין קאָפּ געלעגן אַ דאָקומענט, אַז דאָס האַרץ האָט געוויינט אויף אונדזער גורל...

די צוויי פּוילישע פּאָליציי־לייט האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי מיט די אויגן זיך דורכגערעדט. טאַקע היטערס פון געזעץ און אָר־דענונג, אָבער מיט נאַציאָנאַלע געפילן. גערעדט צו פּיאָטערן אַמט־לעך, אָבער נישט דראָענדיק. אים געראָטן אויב ער וויל פאַרמיידן אויספאָרשונגען און אפשר אויך רעפּרעסיעס, איז גלייכער פאַר אים צוריקגיין איבערן בוג, ווו ער איז געווען געמאָלדן.

פּיאָטער האָט אָנגעשטעלט אַ פאַרצווייפלט פּנים:

— פּאַנאָוויע, ווו זאָל איך גיין צו יענע אָרעמע כלאָפּעס אויף זייערע זאַמדיק מאָגערע פעלדער, וואָס לעבן פון ביסל פּישפּאַנג, אַ היימלאָזער, טאַקע אַליין, אָבער אַן איינציק מויל דאַרף אויך עסן...

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך דורכגעשמועסט, זיך אומגעקוקט צום פויער:

— פאַניע וואַלענטי, ער קאָן נאָך ווייטער זיין ביי אייך באַ־שעפטיק ? זענט איר צופרידן פון זיין אַרבעט ?

אין וואַלענטיס שמייכעלע הינטער די וואָנצעס איז געווען צו דערקענען אַ צושטימונג און גלייך עס באַשטעטיקט מיט ווערטער:

— פאַנאָוויע, דער מענטש איז פלייסיק, אַרבעט גוט און גע־טריי. וואָס נאָך קאָן מען פון אַ פאַראָבעק פאַרלאַנגען ? אַ היימ־לאָזער... מלחמה־צייט... זאָל ער האָבן ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן.

איינער פון די פאַליציאַנטן האָט פּראָטאָקאָלירט די רייד און ביידע זענען אַרויס פון שטוב.

וואַלענטין האָט דער פאַליציייִשער וויזיט נישט אַרויסגעפירט פון זיין גלייכגילט, אַפילו קיין וואָרט נישט איבערגערעדט וועגן דעם מיט זיין פאַראָבעק, נאָר פינטשע האָט קיין מוט נישט געהאַט גלייך זיך נעמען צו דער אַרבעט. אים האָט דער וויזיט אינערלעך צערודערט. אויך דאָס מאָל איז אים געלונגען באַהערשן זיך און בלייבן שטיין אויף די פיס. אָבער פון וואַנען האָבן די לייט געוווּסט קומען אים זוכן ? איז ער שוין ביי עמעצען אין דאָרף פאַרדעכטיק ?

אַ פאַרהאָרוועטער און דאַרשטיקער איז פינטשע אַרויס פון שייער גלייך צום ברונעם זיך אָנטרינקען. ביים אָנשעפּן אַן עמער וואַסער האָט ער אָנגעטראָפן אַ מיידל פון אַ שכנותדיקער כאַטע, וואָס האָט אויף אים אַ קוק געגעבן מיט שיקלדיקע אויגן. פינטשע האָט אויפגעכאַפּט איר קרומען בליק און געענטפערט מיט אַ לייכטן שמייכל. זי האָט פאַרלאַנגזאַמט אירע באַוועגונגען און געזאָגט:

— דאָס זענט איר פאַן פּיאָטער ?

פינטשען האָט די אומשולדיקע נאַיִווע פראַגע אַ זעץ געטאָן אין האַרצן, און ער האָט מיט אַ קאָפּשאָקל געענטפערט אויף יאָ.

— פון ווו דזשעווטשינקאַ (מיידל) ווייסטו אַז מ׳רופט מיך פּיאָטער ?

— אַ, מ׳רעדט פון אייך אין שטוב.

— מיט וואָס גיי איך וועמען אָן ?

— מיכאַליק, דער שכן, האָט אונדז דערציילט אַז דער פאַראָ־

בעק ביי וואַלענטין זעט אים נישט אויס צו זיין אַ פּאַליאַק. גיכער אַן אוקראַיִנער פון די פּוילישע געביטן, אָדער גאָר אַ פאַרשטעלטער זשיד... פאַר וואָס רעדט ער אַזוי? האָט איר זיך מיט אים גע־קריגט? דער מיכאַליק האָט ליב צו באַרעדן מענטשן, אָנטאָן שלעכטס. לעבט ער דאָך אין נישט גוטע שכנהשאַפט מיט וואַלענ־טין, טאָ וואָס וויל ער פון אייך?

פינטשע האָט זיך אָנגעטרונקען, אַ וויש געטאָן איבערן מויל, און זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף צוריקגיין צו דער אַרבעט. דאָס שיקסל האָט זיך אַ יאָג געטאָן מיט די צוויי עמערס וואַסער צו איר שכנותדיק הייזל, זיך אומגעקוקט מיט אַ צעשמייכלט פּנים. פיאָטער האָט איר געענטפערט מיט אַ צעפּאַכעטער האַנט.

נאָך נישט אַרויס פון די פריִערדיקע זאָרגן, און שוין אַ פרישפּעקל צרות. מיכאַליק האָט צו טאָן מיט וואַלענטין און אויסגיין וועט עס צו אים. אויב פּאָליציי וועט ווידער קומען אים פאַרשן, איז ער אַ פאַרלוירענער. די רייד פונעם שיקסל האָבן אויף אים אָנגעיאָגט אַ מוראדיקע שרעק. דאַרף ער ווידער נעמען די טאָרבע אויפן אַקסל, ווידער זיך שלעפּן איבער די וועגן? סתּם אַנטלויפן וועט ער פאַר וואַלענטין זיך אויסשטעלן פאַרדעכטיק. מוז ער צו־טראַכטן אַ סיבה, זיין אָוועקגיין זאָל זיין מיט וואַלענטיס הסכּמה.

פינטשע איז די נאַכט נישט געשלאָפן. באַגינען דערהערנדיק וואַלענטיס אַרויסגיין פון דער טיר מיט דער קלינגעוודיקער קלאַמקע, איז ער אַראָפּ פון בוידעם און אים דערקלערט, אַז ער מוז גיין באַ־זוכן זיין ברודער אין מינסק.

וואַלענטי איז געשטאַנען מיט אַ בייזן קוק:

— דאָ דיאַבלאָ! (צום טייוול) פאַר דיר זיך געמיט, זאָלסט קענען בלייבן ביי מיר אַרבעטן, און איצט שטעלסטו מיר אַרויס דיין הינטן! פאַרבענקט צום ברודער? זוכסט בעסערס ווי דו האָסט ביי מיר? דאָ כאָלערי! מיט וועמען האָב איך דאָ צו טאָן? קען מען נישט דעם מענטש, טאָר מען אים נישט לאָזן די שוועל אי־בערטרעטן. ווילסט גיין? איז טראָג זיך אָפּ צום טייוול!

— פּאַניע וואַלענטי, זייט נישט אויפגערעגט, באַרויִקט אייך. איך וויל פון אייך נישט אַנטלויפן, ס'איז מיר דאָ גוט, איך וויל נאָר אָפּנעמען ביי מיין ברודער די עטלעכע שטיקלעך מלבושים פאַר זונטיק, אין קאָשטשאָל גיין, זיך איבערטאָן. איך בין נאָך יונג און גיי אָנגעטאָן ווי אַ שלעפּער. דאָס איז אויך פאַר אייך נישט שיין. ס'וועט מיר נעמען עטלעכע טעג און איך בין ווידער דאָ.

וואַלענטי האָט זיך פאַרהוסט פון שטאַרקן פאַרציִען דעם מאַכאָרקע־רויך, געכאַפּט דעם אָטעם און געוואָרן מילדער:

— אויב ווילסט טאַקע צוריקקומען, איז גיי מיט גאָט, און קום ווי אַמגיכסטן, דיין אָרט איז ביי מיר געזיכערט.

ביידע זענען אַריין אין שטוב. וואַלענטי האָט זיין וויב געהייסן מיטגעבן פּיאָטערן אין וועג אַריין ברויט, קעז, אַ שטיק גערייכערט פלייש, אַ ביסל געטריקנטע פעלד־באַרנעלעך און אַ פלאַש מיט מילך. מער איז אין די טאָרבע נישט אַריין. פּיאָטער האָט מיט פרומע לויב־ווערטער געדאַנקט, געבענטשט זיי פאַר מענטשלעכער גוטסקייט, זיך פאַרנייגט און — „דאָווידזעניאַ" (צום ווידערזען).

מיט אַ טאָג שפּעטער, איז מיט אימפּעט פאַרפאָרן צו וואַלענטיס כאַטע אַ פּאָליציי־קעטשל. פון דאָרטן איז אַרויס אַ זשאַנדאַר, באַגלייט פון אַ ציוויל געקליידעטן. וואַלענטי איז זיי אַנטקעגנגעקומען פון צעעפנטן שייער אַרויס, געצויגן דאָס היטל. דער ציוויל־געקליידעטער האָט געפרעגט אויף דעם „פרעמדן", וואָס האַלט זיך ביי אים אויף. וואַלענטי האָט זיי געזאָגט אַז דער, וועמען זיי זוכן, געפינט זיך שוין נישט ביי אים, ער איז אוועק צו זיין ברודער אין מינסק, ברענגען זיינע קליידער. ער האָט פאַרזיכערט קומען צוריק צו דער אַרבעט. די לייט האָבן זיך איבערגעקוקט ווי אָפּגענאַרטע. דער זשאַנדאַר האָט זיך צעשריגן, געדראָט מיט דער ביקס פאַר וואַלענטיס אויגן. אַ בלאָס דערשראָקענער, מיט דער האַנט אויפן האַרץ האָט דער פּויער געשוווירן — „ווי גאָט איז מיר ליב" — אַז ער לייקנט נישט. דער זשאַנדאַר האָט זיך נישט באַרויִקט, אַ

ווילד צעשריגענער האָט ער זיך געהייסן ווייזן ווו דער „קערל״ האָט געגעבטיקט.

וואַלענטי האָט זיי צוגעפירט צו אַ לייטער וואָס האָט געפירט צו אַ בוידעם מיט שטרוי. ביידע זענען אַרויף אַהין, אויסגעטאַפּט אַלע ווינקעלעך. מער ווי דאָס איינגעקנייטשטע אָרט צווישן די שטרוי־בונטן, ווו פּינטשע איז געשלאָפן, האָבן זיי נישט געפונען. דער זשאַנדאַר האָט זיך געטרייסלט, דראָענדיק געשריגן:

— דו פאַרשייסטער פּאַלע! ווייסטו נישט, אַז האָסט ביי זיך אויפגעהאַלטן אַ יודע?!

וואַלענטי איז געבליבן שטיין דערשראָקן אויף טויט און צע־טומלט געמורמלט:

— באָזשע! באָזשע! ווען איך וויים, וואָלטן מיינע הענט אים דערוואָרגן. ווי איז אַזעלכעס פאַרצושטעלן: געמאָלדן, טראָגט ביי זיך „פּאַפּירן״, זעט אויס ווי אַ פרומער קאַטאָליק, רעדט דרייסט, אָפּן, טוט אַלע אַרבעטן. ווייניק היימלאָזע אַזעלכע זענען דאָ אין דאָרף געווען?

דער ציווילער האָט ציניש געחוזקט פון אַנטוישטן פויער: זיין קאָפּ איז צו טעמפּ צו קאָנען פאַרשטיין די זשידאָווסקע איינפאַלן.

וואַלענטי האָט צענומען די הענט, געהויבן די אַקסלען, געשפּיגן, געשטאָכן מיטן שפּיץ פון שטיוול די ערד. די גרויסע חרפּה האָט אים דערנידעריקט. ער, דער אַלטער, אָנגעזעענער, רייכער גאָספּאָ־דאַרזש, מיט אַ גוטן נאָמען, מיט אַ בכבודיקן אָנזעען האָט זיך גע־לאָזט פאַרנאַרן פון אַזאַ מינדערווערטיק באַשעפעניש...

די פּאָליציי־לייט האָבן אין וואַלענטיס פאַרלוירנקייט געזען זיין כלאָפּסקע נאַיִווקייט און געוואָרנט צו זיין פאָרזיכטיקער. פאַרדעכ־טיקע דרייען זיך אַרום אין די דערפער. זיי האָבן ביים פויער אויפגענומען סימנים פון דעם ייִדס אויסזען, קליידונג, שפּראַך־אויסדרוק און אין וועלכער ריכטונג ער איז אַוועק, אַהינצו האָבן זיי אַ יאָג געטאָן דאָס פּאָליציי־קעטשל.

✶

פון דאָרף איז פּינטשע אַרויס איבער זייטיקע וועגן. דעם אויס־געפּאַרענעם טראַקט האָט ער געלאָזט אין אַ זייט און אַוועק מיט פעלדוועגן זוכן אַ ניי ביסל מזל. איצט איז זיין גורל געהאָנגען צווישן הימל און ערד. געמיינט, אַז ער האָט אין די דאָרפישע שטאָלן געפונען אַ ביסל מנוחה, אָבער דער יידישער גורל האָט געגרייט פאַר אים אַ סך סורפּריזן.

דערווייַלע האָט ער זיך אַ שפּאַר ביסל דערווייטערט פון דאָר־פישע מקומות. ערגעץ אָנגעטראָפן איינעם וואָס איז געגאַנגען אָנ־געלענט אויף אַ קוליע, געשלעפּט אַ הילצערנעם פוס, וואָס האָט געלאָזט נאָך זיך לעכער אינעם זאַמד. אויף זיין רוקן האָט זיך גע־טרייסלט אַ שמאָל הילצערן קעסטל. פּינטשע האָט מיט אים פאַר־פירט אַ שמועס און שוין געוווּסט, אַז אינעם קעסטל געפינט זיך אַ פידל. פּינטשע האָט באַלד פאַרן בעטלער זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ שפּילער אויף אַ מויל־האַרמאָשקע, וואָס באַגלייט מוזיקאַנטן אויף חתונות און הוליאַנקעס. קאָן אויך אַ ביסל שפּילן פידל.

דער לאָמער בעטלער האָט נישט איינגעשטימט מיט פּינטשעס איינרעדן אים צוזאַמען קלייבן נדבות, איינער זאָל זינגען, דער צווייטער זאָל באַגלייטן אויפן פידל. ער איז געווינט אַליין און דאַרף נישט קיין שותפים צו די נדבות. ער האָט יאָ מסכּים געווען פאַרקויפן פּינטשען זיין האַרמאָשקע פאַרן פּעקל טאַבאַק מיט די פּאַפּירלעך צו פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָס. אויסגעטוישט מיט די זאַכן, איז פּינטשע אַוועק פאַרויס שפּילנדיק אויף דער האַרמאָשקע...

אַליין אין וועג איבער פּוסטע און וויסטע פעלדער, קיין מענטש, קיין הויז, קיין סימן פון אַ לעבן. ער זעט אַ מאָל דורכפליען אַ פויגל וואָס האָט דאָ, אויף די זאַמדיקע סטעפּעס, נישט וואָס צו זוכן. אַ מאָל בלייבט אַ האָז שטיין אויף די הינטערשטע פּיסלעך, שפּיצט אָן די לאַנגע אויערן, קוקט זיך אַרום, גיט אַ שפּרונג און פאַר־שווינדט. טרעפט אויך, אַז אַן איינזאַמער פויגל פאַרלאַנגזאַמט זיין פלי, קרייזט אַרום אָרט, ווו פּינטשע רוט.

פּינטשע איז דערגאַנגען נאָענט צו אַ ייִשוב, פון וואַנען ס'האָבן

זיך געהערט קלויסטער־גלאָקן. נאָכגעגאַנגען די קלאַנגען, איז ער אָנגעקומען אויף דעם אָרט, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט ביים צע־עפֿנטן טויער, דאָס איבערגעדרייטע היטל ביי די פֿיס, און צעפּירט די האַרמאָשקע צווישן די ליפּן. אַרויסגייערס פֿון קלויסטער און סתּם דורכגייערס האָבן אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, אײַנגעקוקט זיך אינעם שפּילער מיטן צעשאָקלטן קאָפּ, און צעהויבענע אַקסלען. זיינע לעבהאַפֿטע זשעסטן האָבן עפּעס אַזוי מאָדנע אויסגעזען אַנט־קעגן זיין באַוואָקסענעם קאָפּ און פּנים, וואָס האָט אַרויסגערופֿן פֿאַרוווּנדערונג און מיטלייד, אויך באַוווּנדערונג פֿאַר די אויסגע־שפּילטע טענער: טאַנץ־מוזיק, אָפּערע־אַריעס, פֿאָלקסלידער. ס'האָבן אָנגעהויבן פֿליִען צו אים מטבעות. פֿינטשע האָט ביי יעדן אַזאַ וואָרף געדאַנקט מיט אַ קאָפּשאָקל, און זיך צעשפּילט מיט מער קוראַזש.

ווען אַרום אים איז ליידיק געוואָרן, האָט ער צונויפֿגענומען די מטבעות, אַריין אין אַ דערנעבנדיקן רעסטאָראַן, אײַנגעקויפֿט ברויט, וווּרשט, געטרונקען ביר. שוין לאַנג נישט געווען צווישן מענטשן, איז אים פֿאַרגעקומען, אַז מ'קוקט אויף אים, מ'אָבסער־ווירט אים, אַז עמעצער האָט אים דערקענט — „יאָ דאָס איז ער!" ער האָט געפֿילט, אַז ער איז שלעכט פֿאַרקראָכן און דאַרף וויסן ווי אַזוי פֿון דעם אָרט אַרויסגיין אָן צו ציִען אויף זיך אויפֿמערק־זאַמקייט. און באַלד איז אים איינגעפֿאַלן אַרויסצווייזן מוט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, גענומען עסן פֿון די איינגעקויפֿטע זאַכן. מיט דעם האָט ער פֿון זיך אָפּגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט. פֿאַר די געסט איז נישט אָנגענעם זיך איינקוקן ווי אַן אויסגעהונ־גערטער „דזשאַד" שטופּט דאָס עסן אין מויל אַריין. דער רעסטאָראַן־אייגנטימער האָט צו אים אַ געשריי געטאָן:

— דאָ איז נישט קיין אָרט פֿאַר קיין דזשאַדעס!

ווידער האָט פֿינטשע זיך געפֿונען אויף די וואַנדער־וועגן — פֿאַרשטויבט, פֿאַרלייזיקט, מיט וווּנדן אויפֿן לייב פֿון קראַצן זיך, פֿון שמוץ, פֿון הונגער, און פֿון נישט דערשלאָפֿן. מיט אַן איינגע־בראָכענער שטימונג, אָן אַ ווילן צו לעבן, אָן מוט צום ווייטערדיקן

געראַנגל. פיזיש און גייסטיק איינגעבראָכן איז פּינטשע געזעסן מיט א געבויגענעם קאָפּ, דעם רוקן אָנגעשפּאַרט אין אַ שטאַם פון אַ פּאַרפוילטן בוים ביים ראַנד פון וועג און געזוכט אַ ביסעלע רו פאַר די צעבראָכענע אברים.

וועט ער נאָך געפינען מוט זיך צו פאַרמעסטן מיט די אַלע פיינען? וועט דער דראַנג צו לעבן ווידער אין אים אויפקומען? אָנגעשטעלט די פאַרטראַכטע אויגן צו דער ווייט, האָט ער אויפגע־ציטערט — אַ געוויש האָט פאַריאָגט אַלע זיינע מחשבות. דער אָנגעפאָרענער אויטאָ איז פּלוצעם שטיין געבליבן נאָענט פון אָרט, וווּ ער איז געזעסן. פּינטשע האָט פון שרעק זיך איינגעקאָרטשעט, זיך געדריקט צום בוים, וועלנדיק פון אים פאַרשלונגען צו ווערן. די רגעס האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. עטלעכע שאָסן האָבן אָפּגעהילכט. די שיסערס איז נישט געלונגען. די קוילן האָבן אויס־געמיטן דעם האָז, וואָס איז אין פּלי פאַרשוווּנדן פון זייערע אויגן. אַז דער מיליטערישער אויטאָ מיט די דייטשן איז אָפּגעפאָרן, האָבן אַלע שווער איבערגעלעבטע פאַרצווייפלטע מחשבות אויפגעהערט עקבערן פּינטשעס מוח. פאַסירן דען נסים נאָר איין מאָל? פאַר וואָס אויפגעבן דעם ביז איצטיקן עקשנות? מיט דעם אייגענעם ווילן זיך דערפירן צום אונטערגאַנג, ווען אַזוי פיל מאָל האָט ער אויסגעמיטן דעם טויט? ניין! דעם פונק פון האָפענונג, דעם ווײַ־טערדיקן גלויבן אין גוטן מזל וועט ער נישט אויפגעבן!

✶

נאָך פּינטשעס פאַרלאָזן דאָס דאָרף, האָט וואַלענטי זיך דער־וווּסט, אַז די גאַנצע פאַרקאָכעניש מיט דעם פרעמדנס אויפהאַלטן זיך ביי אים, די פּאָליציייִשע באַזוכן, אַלע אויספאָרשונגען, די דראַ־ענדיקע פויסט פון זשאַנדאַר, די באַרעדענישן צווישן די שכנים אין דאָרף — דאָס אַלץ שטאַמט פון זיין שכן מיכאַליק, וואָס האָט די מסירה דערטראָגן צו דער פּאָליציי.

אין וואַלענטין האָט זיך צעפּלאַקערט אַ שׂינאה צום שכן און געמאָנט נקמה נעמען פאַר אַלע חרפּות, וואָס די בייזווייליקע מסירה האָט אים פאַרשאַפט. דאָס האָט ער, דער „הורנזון״, אים צוגעדינט, מ׳זאָל אים אין די מיילער אַרומטראָגן, אַז ער האָט אויסגעבאַ־האַלטן ביי זיך אַ „זשיד״, בעת ער קאָן דעם נאָמען נישט פאַר־טראָגן, און ווען ער איז זיכער, אַז ער וואָלט אַזאַ זינד אויף זיך נישט גענומען... וואַלענטי האָט פאַרשטאַנען צו מאַכן מיט מיכאַליקן אַ חשבון אויף אַזאַ אופן, ער זאָל נישט דאַרפן באַצאָלן מיט זיין פרייהייט.

נאָך פון די יונגע יאָרן האָט וואַלענטי געוווּסט ווי זיך צו פאַר־מעסטן מיט זיינעם אַ ריוואַל און ער זאָל שטענדיק אַרויס אַ זיגער.

מיכאַליק האָט נאָך פון זיינע קאַוואַלערסקע יאָרן אין דאָרף געשמט פאַר אַן אַוואַנטורניק, געגנבעט פון טאַטנס פאַרמעגן פאַר זיין שיכּרות. געשלעגן האָט ער פּראָוואָצירט אויף די זונטיקדיקע הוליאַנקעס. יענע יאָרן זענען שוין לאַנג פאַרביי, אָבער די מעסער־שטעך־צייכנס אויף זיין לייב זענען פאַרבליבן.

דערמאָנט זיך וואַלענטי אין אַזאַ געשלעג אויף אַ זונטיקדיקער „זאַבאַווע״, ווו מיכאַליק האָט זיך געפונען אויף דער זייט פון די קעגנער און געשלאָגן געוואָרן איז ער טאַקע פון אים, פון וואַלענ־טין, וואָס מיט אַ טאָג שפּעטער האָט דער שטאָטישער דאָקטער געדאַרפט נייען זיינע געלעכערטן קאָפּ און צעהאַקטן פּנים. אויך היינט וואָלט ער, וואַלענטי, מיט אים פאַרטיק געוואָרן, אָבער היינט איז ער אַ פאָטער פון קליינע קינדער און אַ רייכער גאָספּאָדאַרזש, מוז ער זיין פאַרזיכטיק און גוט אויסגערעכנט.

אין אַ טאָג ווען מיכאַליק האָט געמאַכט אַן אויסטויש מיט אַ פערד, איז דער האַנדל פאַרענדיקט געוואָרן ביי פלעשלעך בראָנפן מיט שאַרפע מאכלים. נאָך דעם „טרונק״ האָט מיכאַליק, טויט־שיכּור קוים זיך דערשלעפּט הינטער אַ שייער און זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף די קני און געבליבן זיך וואַלגערן אינעם שמוץ וואָס ער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן...

וואַלענטי האָט פון אַ שפּאַרע אַרויס נאָכגעקוקט מיכאַליקס פאַלן, איז ער מיט שטילע טריט צוגעקומען הינטער מיכאַליקס רוקן און אַראָפּגעלאָזט אַ זעץ איבער זיין קאָפּ. וואַלענטי איז גע־לאָפן אַריין אין זיין כאַלופּע, פאַררוקט אין ברענענדיקן אויוון דאָס רונדע שטיק האָלץ, פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און אַרויס צו זיין אַרבעט.

דעם גאַנצן טאָג האָט מען מיכאַליקן נישט געזען זיך באַוועגן אַרום זיין ווירטשאַפט. די שטוביקע האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַרויס אַ שיכּורער און געמיינט, אַז ער ליגט ערגעץ אַן איינגע־שלאָפענער אויף אַ בוידעם. ווען אויך אין די שפּעטערע אָוונט־שעהען האָט ער זיך נישט באַוויזן, האָבן די שטוביקע מיט אַ לאָמ־טערן אַרויס אים זוכן. ביז זיי האָבן אים געפונען ליגן מיט אַ פאַר־וואָרפענעם קאָפּ הינטערן שטאַל. ס'האָט אויסגעזען אַז ער שלאָפט, נאָר זיין נאָכהענגענדיקער קאָפּ מיט די פאַרגלייזטע אויגן, האָט די שטוביקע באַאומרויִקט. דער געררופענער „זנאַכער" האָט מיט אַ ברע־נענדיקן פעדער ביי דער נאָז פעסטגעשטעלט מיכאַליקס טויט...

מיכאַליקס פּלוצעמדיקער טויט איז דערגאַנגען צו דער פּאָליציי. אויף זיין גוף איז נישט געפונען געוואָרן קיין סימן פון וועלכן ס'איז פיזישן אָנגריף. מ'האָט חושד געווען, אַז זיין טויט איז געקומען פון פאַרסמונג. האָט מען אונטערזוכט דאָס עסן, דעם בראָנפן, אים גע־פּאַלמעסט, דאָס אַלץ האָט נישט געוויזן ווענעמעס שולד אין זיין טויט. אויך וואַלענטי איז געפּאַרשט געוואָרן אין שייכות מיט מי־כאַליקס מסירה... דער טויטער איז שוין געלעגן באַגראָבן אויפן צמענטאַזש, נאָר זיין מסירה אין דער פּאָליציי איז נאָך אָנגע־גאַנגען.

אין אַ מעלדונג פון דער „אָרדענונגס־דינסט", אויסגעקלעפּט אין דאָרפישע געמיינדעס, איז באַקאַנט געוואָרן וועגן אַ מאַסקירטן ייִד, אַן איבערגעטוענער ווי אַ בעטלער מיט אַזאַ און אַזאַ אויסזען, וואָס וואַנדערט אַרום אין די שכנותדיקע דערפער. דער בעטלער נישט נאָר ער מאַסקירט זיין ייִדישן אָנגעהער, נאָר אויך זיין שפּיאָ־נאַזש פאַר די באָלשעוויקעס...

ביז די מעלדונג איז באַקאַנט געוואָרן פאַר די אַרומיקע דאָר־פישע איינוווינער, האָט שוין פינטשע איבער וועגן און אומוועגן געהאַט דערגרייכט קיין וואַרשע, געפונען אַן אָרט ביים צוגאַנג צום קלויסטער אויף דער באַמבאַרדירטער חרובער קראָקעווער פאָרשטאָט־גאַס. אַן אַלטער גאַסן־קערער האָט אויף אים רחמנות געהאַט, געשענקט די ערשטע נדבה מיט אַ חלק פון זיין עסן וואָס ער האָט מיטגענומען אויפן טאָג אַרבעט. אַנקוקנדיק פינטשעס נאַקעטע פיס מיט די אַנגעריבענע בלוטיקע ווונדן, האָט עס אים שטאַרק צענומען...

די ערשטע נאַכט איז פינטשע איבערגעזעסן אין אַ חורבה. אַ צווייטע נאַכט — אויף אַ באַנק אין אַ שטאָטישן גאָרטן פון וואַ־נען דער אויפזעער האָט אים אין די מאָרגן־שעהען פאַרטריבן, ער זאָל אין גאָרטן נישט פאַרלייזיקן די בענק. דער גאַסן־קערער האָט אים געבערענגט אַן אַדרעס, וווּ מ׳קען פאַר אַ ביליקן אָפּצאָל איבער־נעכטיקן.

אויף דער גאַס ביים אַריינגאַנג אין קלויסטער, האָט פינטשע געפונען זיין זיצאָרט. די שטענדיקע קלויסטער־באַזוכער האָבן שוין געקענט זיין באַוואַקסענעם קאָפּ האָר און ווילד באַוואַקסענעם פּנים. אַ טייל פון זיי פלעגט דעם אָרעמען בעטלער צוואַרפן אַ מטבע. אַנדערע האָבן מיטגעבערענגט אַ פענעצל ברויט, אַן אָפּגעקאָכטע קאַר־טאָפל מיט שאָלעכץ. מער ווי אַנדערע בעטלער האָט ער געוועקט צו זיך מיטלייד צוליב זיין הארמאָשקע וואָס האָט אים געדינט, די דורכגייער זאָלן זיך אומקוקן און אַ ווײַלע בלייבן שטיין לעבן אים. די געשענקטע נדבות האָבן אים געסטייעט איינצוקויפן עפּעס, וואָס איז געווען צו באַקומען אַן שפּייזקאַרטן.

ערגער איז געווען מיטן נאַכטלעגער. אַהין האָט ער געדאַרפט צו פוס ווייט זיך שלעפּן צום צווייטן עק פון פּראַגע. האָט ער איין מאָל פּרובירט זיך פאַרשאַפן אַ נאַכטלעגער נעענטער, איז ער קוים מיטן לעבן אַרויס. אויסגעצויגענע הענט אין דער פינצטער האָבן גע־וואָלט פון אים אָוועקשלעפּן דאָס וואָס ער האָט געהאַט לעבן זיך.

מיט אַמפּערניש און זידלערייען האָט ער אָפּגעראַטעוועט זיינע שמאַ־טעס. איז ער שוין משלים געווען מיטן ווייטן גאַנג, ווו אין דעם דומפּיק־פאַרשטונקען מקום און אין די נאַסע, פאַרשימלטע ווענט, פילט ער זיך צווישן די אַלטע פאַרמאַטערטע בראָדיאַגעס זיכערער. דאָ קאָן יעדערער פריי לויזן די שמוציקע העמדער. קיינעם גייט דאָ נישט אָן וואָס דער אַנדערער טוט, יעדער מיט זיך, אויף זיין פאַרלייזיקטן שטרויזאַק, און ער, פּינטשע, צווישן זיי.

אין אַ מיטן פון דער נאַכט, פון אַלע זייטן איבערן לאַנגן חושכדיקן צימער האָט זיך שוין געהערט אַ שווער כראָפּען, איז נאָך פּינטשע געלעגן וואַך. דער שווער איבערגעלעבטער טאָג איז נאָך געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. עפּעס איז אים איצט פאַרגעקומען, אַז שוואַרצע שאָטנס שלייכן זיך איבער די שמאָלע דורכגענג צווישן די אויסגעלייגטע שטרויזעק. זיי פאַרטשעפּען זיך אין אויסגעשטרעקטע נאַקעטע פיס. פּלוצעם האָט ער דערפילט ווי פינגער־שפּיצן באַרירן זיין האַלדז. האָט ער האַסטיק זיך אויפגעריסן מיט אַ געשריי — „אוי, יעזו!"

ס'איז געוואָרן אַ גערודער, און באַלד האָבן פאַרשלאָפענע גע־שרייען זיך איינגעשניטן אין דער נאַכטשטילקייט:

—ווו איז מיין געלט ? !

הענט האָבן אַרום זייערע העלדזער נישט געפונען די אָנגע־האַנגענע טאָרבעלעך מיט געלט. ביי אַנדערע האָבן אויך געפעלט די שנירלעך מיט די צלמלעך. די מהומה האָט זיך פאַרגרעסערט. די „דזשאַדעס" האָבן פאַרגעסן אין די פאַרבאַטענע נאַכט־שעהען.

פּינטשע האָט מורא געהאַט זיך אָנרופן, אַז אויך צו אים האָבן פאַרדעכטיקע שאָטנס זיך געהאַט גענומען.

צעררייצטע פונעם איבערגעריסענעם שלאָף און באַגנבעטע, זע־נען די „דזשאַדעס" אַריבער צו זידלערייען, צו אַ שאַרף קריגעריי מיט געביילטע פויסטן, און צו אַ געשלעג. ס'זענען אַוועק אין גאַנג שטעקנס, קוליעס. אויך שטרויזעק האָבן זיך געהויבן אין דער לופט. אין מיטן דער סומאַטאָכע איז אַריין דער פּאַטרולינדיקער

פּאָליציאַנט פון דער גאַס. ראשית האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביי דער נאָז... דערזען אַ מונדירטן מיט אַ גומי־שטעקן אין האַנט, האָט זיך יעדערער צוריקגעצויגן צו זיין שטרויזאַק. ס'איז געוואָרן אַ געדריקטע שטילקייט.

דערזען ווי ער געפינט זיך און די עטלעכע צעבלוטיקטע וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף די הויפּטשלעגער, האָט דער פּאָליציי־מאַן פאַרלאַנגט אָפּגעבן די מעסערס. ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ בערגל קלענערע און גרעסערע מעסערס, וואָס דער פּאָליציאַנט האָט ווי אַ שטראָף זיי אַוועקגענומען, געשריבן אַ פּראָטאָקאָל און שטרענג געוואָרנט — פאַר אַן איבערגעחזרטער אַוואַנטורע וועט דאָס אָרט געשלאָסן ווערן. ער האָט אויסגערעדט אַלע פאַר דעם אומזיניקן געשלעג און פאַר אומזיסט חושד זיין איינס דעם צווייטן. אַ באַוויז — ווען דער פּאָליציאַנט, איז אַריין, איז די טיר געשטאַנען צעפּראַלט. איז עס אַ פאַקט אַז פרעמדע גנבים זענען דאָ געוועזן.

מיט פאַרשעמטע, אַראָפּגעלאָזענע קעפּ האָבן די פריִערדיקע צעקריגטע, אַן אַרויסרעדן אַ וואָרט, זיך אויסגעלייגט אויף זייערע געלעגערס, איינגעגראָבן די קעפּ אין די שמאַטעס. בלויז די באַגנבעטע זענען געלעגן וואַך. דאָס פאַרלוירענע געלט האָט זיי נישט געלאָזט איינשלאָפן...

איבערגעקומען די נאַכט, האָט פּינטשע זיך גרייט געמאַכט גיין צו זיין בעטלעריי. איינער פון די אָרעמע־לייט האָט דורכגייענדיק אים אין האַנט אַריין דערלאַנגט אַן איינגעוויקלט צעטעלע. פּינטשע האָט נאָר געקוקט צום הינקעדיקן בעטלער, צעוויקלט דאָס פּאַפּירל און איבערגעלייענט: „אויף דער גאַס וויל איך מיט דיר רעדן".

אָנגעהאָנגען אויפן אַקסל די טאָרבע איז פּינטשע אַרויס אויף דער גאַס. הינטער זיך האָט ער דערהערט טריט. זיך אומגעקוקט און שטיין געבליבן מיט אַ פאַרדעכטיקן בליק, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן איז דער הינקעדיקער דרייסט צוגעגאַנגען צו פּינטשען און זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אויך אַ ייִד...

פּינטשע האָט אים געפרעגט:

— ביסט זיכער אַז דו רעדסט מיט אַ ייִד? ווי וואַגסטו צו זיין אַזוי דרייסט?

— מיט דעם מינדסטן צווייפל וואָלט איך באמת נישט גע־וואַגט...

— פון וואַנען דיין זיכערקייט? — האָט פּינטשע איבערגע־פרעגט, קוקנדיק מיט אַ פאַרדעכטיקן בליק.

מיטביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, אַ ביסל איינ־געבויגן, האָט דער הינקעדיקער אומעטיק צעשאָקלט דעם קאָפּ:

— שווער אויף דעם מיט ווערטער צו ענטפערן... דער חוש... דאָס פאַרבאָרגענע געפיל... דער פאַרבליבענער אומעט...

פון מילדן טאָן און צעוויייטיקטן זיפץ, האָט פּינטשע דערפילט, אַז עס שטייט טאַקע אַנטקעגן אים אַ מאַסקירטער ייִד. ביידע האָבן זיך צונויפגערעדט. זיי זענען אַוועק אויף אַ זייטיק וועגל, אויפ־געדעקט זייערע פאַרבאָרגענע נשמות, און זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אומעטיקע פּנימער יעדערער צו זיין בעטלעריי. פּינטשע — מיט אַ פאַלייכטערט געפיל, אַז ער איז נישט אַליין...

אין אָוונט האָבן ביידע זיך ווידער צונויפגעטראָפן. צו ערשט מיט איבערגעוואָרפענע בליקן, כאָטש ס'האָט געקענט זיך אויס־דאַכטן, אַז די אַלטע לייט, אָרעמע, פאַרלאָזענע פון גאָט און מענטש, דאַרפן נישט מער ווי די צוגעוואָרפענע מטבע, דאָס גע־שענקטע שטיקל ברויט, און דעם שטרויזאַק, ווו דעם קאָפּ אַוועק־צולייגן, דאָך האָט מען געמוזט זיך אויסהיטן פון זיי. אויך זיי וואָלטן גערן אויסגעפונען אַ ייִד און אים איבערגעגעבן אין דייַ־טשישע הענט פאַר גוט באַצאָלט...

אין די שפּעטע אָוונט־שעהען, ווען די בעטלער האָבן זיך צע־לייגט מיט זייערע טאָרבעס צוקאָפּנס אויף די שטרויזעק נאָך אַ גאַנצן טאָג זיצן אויף דער ערד מיט אויסגעשטרעקטע הענט, האָט יעדערער געקראָגן חשק צום רעדן, זיך איינשלעפערן מיט פאַר־שיידענע מעשׂיות — פאַרלאָפענע, געהערטע, און סתּם אַליין אויס־געטראַכטע. מ'האָט גערעדט וועגן די יונגע יאָרן, פון שלעכטע

טאַטע־מאַמע, פֿון איבערגעלעבטע אַוואַנטורעס, פֿון איבערגעקומענע טורמע־יאָרן, וועגן פֿאַרשיידענע דורכפֿאַלן אין לעבן וואָס האָט זיי דערפֿירט צו בעטלעריי. איינער האָט זיך גאָר דערמאָנט אין זיין געוועזענער ווייב וואָס איז אים דערגאַנגען די יאָרן, אים געזידלט ווען ער איז אַהיים געקומען שיכּור אָדער סתּם פֿאַר גאַרנישט אים דערנידעריקט, צי קליין געמאַכט אין די אויגן פֿון קינדער און שכנים. מער דאָס איבערטראַגן האָט ער נישט געקענט, געמוזט פֿאַר־טיידיקן זיין כּבוד: שווער צעהרגעט דאָס ווייב, איבערגעלאָזן איר דאָס ביסל אָרעמקייט און אַוועק וואַלגערן זיך אין דער פֿרעמד.

ס׳האָבן דערציילט נאָך אַנדערע, און אַלע אין זעלבן נוסח און מיט באַדויער און בענקשאַפֿט צו די פֿאַרלאָפֿענע יאָרן, ווען זיי האָבן נאָך געהאַט גלוסטעניש צו אַ שענער לעבן, צו אַלץ וואָס די אויגן האָבן געזען.

איינער וואָס איז די גאַנצע צייט פֿון שמועס שטיל געזעסן אויף זיין שטרויזאַק, געפּיפּקעט אַ ליולקע וואָס האָט כּסדר זיך געלאָשן, זי אַרויסגענומען פֿון צווישן די פֿאַרפֿוילטע געלע ציין און אַריין אין די רייד:

— עט, דאָס אַלץ וואָס איר בעקעט זענען אַלטע, פֿאַרשימלטע באָבעס (מעשׂיות). הערט זיך איין אַ געשיכטע, אַ נייע פֿון די לעצטע טעג: איך גיי איבער דער גאַס צו מיין בעטלער־שטעל און טרעף אָן אויף אַ מוזיקאַנט וואָס שטייט און קוקט אַראָפּ צו זיין איבערגעקערטן קאַפּעלוש. זיי קאָפּ — אַ ביסל אָנגעבויגן צום שיינעם ברוינעם פֿידל, שפּילט קאָנצערטאָווע מוזיק. איך קוק זיך איין אין זיינע צעשפּרונגענע פֿינגער איבער די סטרונעס און — צום טייוול! עס גיט מיר אַ נעם אַ „זאַזדראָשטש" (קינאה) צו דעם פֿאַרשוין מיט די שפּיציקע וואָנצעלעך, וואָס צום היטל פֿליִען מטבעות און איך, דער „דזשאַד", מיט מיין אַלטן אָפּגעקראָכענעם פֿידל, דאַרף זיך קוועטשן דעם הינטן, און גרימפּלען, ביז ווער וועט זיך נישט פֿוילן צוּוואַרפֿן אַ מטבע. איי, איז מיר דורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק: איז דער „קורוויסין" נישט אַ מאָל אַ פֿאַרשטעלטער ייִד?

יונג, שיין, דערצו נאָך אַזאַ מוזיקאַנט זאָל דאַרפן ווערן אַ גאַסן־שפּילער, אַ בעטלער? עפּעס מוז אין דעם שטעקן... טאַקע מלחמה־צייט, אַ נויט, אָבער ווי זעט מען אַ בעטלער מיט אַזאַ שיינעם אויסזע? אַ בעטלער שרעקט זיך נישט און שעמט זיך נישט. בין איך צוגעגאַנגען און אים געפרעגט: „זאָג מיר, אין וועלכער סינאַגאָגע האָסטו געשפּילט?" אַן „אונדזעריקער" וואָלט מיר גלייך אין דער מאָרדע פאַרפאָרן, אָבער דער פאַרשוין האָט מיך אָנגעקוקט, איז געוואָרן דערשראָקן, און גענומען אַנטלויפן. כאַפּ איך אים פאַרן קאָלנער מיט אַ געשריי: זשיד! זשיד!! איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויף, און דער איז שוין געווען אַ געפאַנגענער אין מיינע הענט. אַן אָנגעקומענער זשאַנדאַר האָט אונדז ביידע אַוועקגענומען. ער, דער ייִד, איז דאָרטן געבליבן און איך, בין אַרויס מיט עטלעכע פלעשער וואָדקאַ, אַ שטיק וווּרשט, אַ ברויט מיט אַ פּעקל טאַבאַק... אַזאַ לייכט פאַרדינסטל כאַטש יעדע וואָך...

— זעט, אַן אַלטער בעטלער, אַ דזשאַד, אַ שלעפּער, און האָט נאָך מזל — האָט מען אים מקנא געווען פון די שטרויזעק.

שטיל איז געוואָרן אין דער געדיכטער פינצטערניש, אַ כראָפּען, מיט אַ שווער אויסגעקרעכצט אָטעמען האָט זיך צעטראָגן צווישן די אָפּגעקראָכענע געלע ווענט. די בעטלער, איינגעקאָרטשעט אונטער די שמאַטעס, זענען איינגעשלאָפן.

פינטשע און דער צווייטער ייִד, מיט זיין גוייִשן נאָמען מיקאָלאַי, זענען געלעגן אויף איין שטרויזאַק, געפירט צווישן זיך פון אויער צו אויער אַ פאַרטרוילעכן שמועס. זיי האָבן זיך באַראַטן וועגן די קומענדיקע טעג, וועגן די אַנטוויקלונגען אויף די פראָנטן. לויט אונטערגעהערטע אינפאָרמאַציעס האָט מיקאָלאַי געוווּסט איבערצוגעבן, אַז דער גאַנצער דייטשישער מיזרח־פראָנט האָט זיך איינגעבראָכן. די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך צום בוג. אין גיכן וועט דער פראָנט זיך צעפלאַקערן ביי דער ווייסל און — זיי זענען באַפרייט... אָבער ביז דאַן וועלן זיי נאָך האָבן שווערע טעג איבערצולעבן. די דייטשן וועלן נישט פאַרלאָזן וואַרשע אָן

קאַמף... ווי קאָן מען אין אַזעלכע טעג פּאָרויסזען, וואָס מיט יעדן וועט געשען? איין זאַך האָבן ביידע צווישן זיך באַשטימט: אויב וואַרשע וועט אויפשטיין מיט געווער קעגן די דייטשן, וועלן ביידע אַרויס פון דער באַהעלטעניש אָנטייל נעמען אין קאַמף.

די קריגס־געשעענישן האָבן געשאַפן אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט געשפּאַנטע טעג. יעדע טעלעכע שעה — באַזונדערע פּאַר־לויפעניש. דאָס וואָס ס׳האָט איבערראַשט אין די פרימאָרגנס, איז שוין מיט עטלעכע שעה שפּעטער געווען אָפּגעלאָפענע נייעס. איבער וואַרשע איז געהאָנגען אַ דראָענדיקער הימל, אָנגעפילט די מענטשן מיט שטייגנדיקער שפּאַנונג און מיט אומרויִקער דער־וואַרטונג, ווי פאַר אַ שטורעם.

ס׳האָט לאַנג נישט גענומען ווי די אָנגעלאָדענע אַטמאָספער האָט געפּלאַצט. פּאַרטויבנדיקע אויפרייסן, אַ שניידיק פייפן פון דורכפליִענדיקע שראַפּנעלן. באָמבעס האָבן איינגעוואָרפן ווענט פון געטראָפענע הייזער.

פינטשע און דוד, ביידע מיט זייערע גויִשע נעמען — פּיאָ־טער און מיקאָלאַי — האָבן זיך געפונען אין די רייען פון די קעמפנדיקע וואַרשעווער אויפשטענדלער, צוגעטיילט צו אַ קאַמפּס־גרופּע, וועלכע האָט מיט גראַנאַטן און ברענפלעשער אָנגעגריפן אַ דייטשישע פאַנצער־אָפּטיילונג, וואָס האָט געריסן שטיקער פון די פּוילישע אויפשטענדלער־נעסטן. פינטשע — פון איין זייט, און דוד — פון דער צווייטער זייט, צוזאַמען מיט פּוילישע אויפשטענד־לער האָבן זיך געוואָרפן אַנטקעגן די דייטשישע געפּאַנצערטע מחבלים, פאַרלאַנגזאַמט און טיילווייז איינגעהאַלטן זייער פּאָרויס־קריכן. קעמפער זענען געפאַלן. דייטשישע טאַנקן האָבן געברענט אין דעם פייער פון פּוילישן אויפשטאַנד וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע שטאָט. ביידע פריִער פאַרבאָרגענע יידן האָבן אין די פאַרביסענע קאַמפן פאַרגעסן אין אייגענעם ווילן צו לעבן. באַרוישט זענען זיי געווען פון די אין זיי אויפגעברויזטע געפילן נקמה צו נעמען אין די נאַציִשע רוצחים. געווען זענען עס פאַר זיי דערהוי־

בענע טעג פון שטיין מיט געווער אַנטקעגן די דייטשישע פּאַרטי־ליקער פון יידישן פאָלק, זיי געשטויסן צו זיין פון די ערשטע, וואָס וואַרפן זיך אין שלאַכט.

דוד איז געפאַלן נאָענט צו אַ דייטשישן טאַנק וואָס איז אַרומ־גענומען געוואָרן מיט פלאַמען פון זיינע געוואָרפענע צינדפלעשער.

פינטשע האָט נאָך ווייטער געקעמפט מיט דער רעכטער צע־בלוטיקער האַנט, ביז ער איז געבליבן ליגן אין אָנמאַכט.

אין שטאָט האָבן קנוילן רויך זיך געוויקלט איבערן הימל. די באַוועגונג איז פּאַראַליזירט. וואַרשע איז אָפּגעשניטן פון אַלע וועגן. איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן באַוועגן זיך נאָר דייטשישע פּאַנ־צער־אָפּטיילונגען, וואָס איילן צו פאַרשיידענע קאַמפּס־פּונקטן.

פינטשע האָט זיך געפונען אויף אַ זאַמלפּונקט, ווו מענטשן זענען געלעגן אויף בעטלעך, אויף דער פּאָדלאָגע, טייל זענען גע־זעסן באַנדאַזשירטע, צונויפגעדרענגטע. ער האָט געקוקט מיט שטאָלץ אויף זיין וויס־רויטן אָרעמבאַנד. אין זכרון האָבן זיך איבערגעחזרט די מינוטן פון זיין ווערן פאַרוווּנדעט. איצט, אָפּ־געזונדערט פון יענעם ברענפּונקט, איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ווען ער פאַלט נישט אַ פאַרוווּנדעטער, וואָלט ער נישט גע־לעבט. ער וואָלט געפאַלן מיטן זעלבן העלדישן טויט ווי דוד. איז ווידער, האָט פינטשע געטראַכט, געשען מיט אים איינס פון יענע ניסימדיקע צופאַלן... און מיט דודן אַזאַ קורצע קאַנטשאַפט געהאַט. נישט באַוויזן רעכט צונויפצוריידן זיך, ווער און פון וואַנען ער איז געקומען. און שוין ליגט ער ערגעץ אין אַ מאַסן־קבר. פאַר־שווונדן אַ פאַרבאָרגן יידיש האַרץ, וואָס האָט געגאַרט נקמה צו נעמען, און האָט נקמה גענומען.

אויף אַ נידעריק בעטל איז געלעגן אַ יונגיטשקער קעמפער מיט אַ קינדעריש פּנים. ווי אַזוי קומט ער צו די קאַמפן און ביי וואָס פאַראַ אומשטאַנדן איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן? פינטשען איז דאָס שטאַרק אָנגעגאַנגען. עפּעס האָט אים דאָס פּנים אויסגעזען צו איידל און זיינע אויגן מיט שרעק און צו וואָך.

פֿינטשע האָט זיך איבערגעבויגן צו אים:

— פֿאַרלאַנגסט עפּעס? איך בין גרייט דיר צו העלפֿן.

דאָס בחורל האָט אָנגעשטעלט גרויסע פֿרעגנדיקע אויגן:

— איר זענט אַ סאַניטאַר?

— געווען אַזעלכער אין מיליטער־דינסט.

— מיין פֿוס ברענט מיר, נישט איבערצוטראָגן.

פֿינטשע האָט נאָכגעקוקט די ווונד און לויזער געמאַכט דעם איינגעצויגענעם באַנדאַזש. ער האָט זיך דערפֿילט לייכטער.

— אַ דאַנק אייך...

— מיר זענען אַלע קאַמפּס־ברידער, איינער דעם צווייטן דאַרף העלפֿן.

— און דאָך בין איך קיינעם נישט אָנגעגאַנגען, נאָר אייך.

— ווייל...

פֿינטשע האָט זיך פֿאַרהאַקט. מיט אַ שטומען בליק אָנגעקוקט דעם בחורלס פּנים.

— איך פֿאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט, רעדט צו מיר אָפֿן.

— ווייל ביסט דער זעלבער וואָס איך. ביים נאָכקוקן דיין ווונד האָב איך שוין מער נישט געצווייפֿלט.

דאָס בחורל איז געבליבן שטיל ליגן מיט אַ בלאַס פֿאַרטראַכט פּנים, די אויגן פֿאַרלאָפֿן מיט פֿייכטקייט. אַ טרער האָט זיך אַראָפּ־געגליטשט איבער אַ באַק.

פֿינטשען האָט אַ קלעם געטאָן ביים האַרץ, נישט אַרויסצורעדן אַ וואָרט. ער האָט אַ גלעט געגעבן איבערן קאָפּ דעם פֿאַרוווּנדעטן און צוריקגעגאַנגען צו זיין אָרט.

אַ יידיש קינד... אַ יידיש קינד... האָט פֿינטשע געמורמלט מיט די ליפּן געקוקט צום בעטל, צום בחורלס אויגן, וואָס האָבן אים נאָכגעפֿאָלגט...

שפּעטער האָבן שויןביידע צווישן זיך גערעדט אָפֿן, נאָר מיט אַ שטילן פֿאַרטרויליכן טאָן. דאָס בחורל האָט אים דערציילט, אַז אין די קאַמפֿן איז אים פֿאַרלוירן געגאַנגען דער עלטערער ברודער.

ער מיינט, אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן. ס׳וועט שטיל ווערן, וועט ער אַרויס אים זוכן.

— פון וואַנען נעמט זיך צו דיר, ביי דיינע נישט קיין פולע זעכצן יאָר, אַזאַ קעמפערישקייט ? רעדסט ווי אַן אַלטער באַריקאַדן־קעמפער.

— מעסט נישט מיין עלטער מיט מיינע יאָרן נאָר מיט מיינע איבערלעבונגען: געווען אין געטאָ. צו צוועלף יאָר בין איך שוין געווען מיט מיינע דריי ברידער אין וואַלד, געבליבן מיט איינעם, וואָס איך ווייס נישט, ווו ער איז פאַרלוירן געגאַנגען. מיין גאַנצע משפחה אומגעקומען. איז עס ווייניק אויף אַלט צו ווערן ? אַ טאָג אַזאַ איבערצולעבן, איז מער ווי אַ יאָר, איצט מאַכט אַ חשבון פון מיינע יאָרן...

איבערגעוואַרט די אומרויִקע טעג. אויף הייזער, איבער טויערן, פון די פענצטער אַרויס, האָבן געפלאַטערט פּוילישע נאַציאָנאַלע פענער — ווייס־רויטע. פינטשע האָט דעם בחורל באַגלייט אַ שטיקל וועג, אים געווונטשן אָפּצוגעפינען זיין ברודער. אָנגענומען זיינע הענט, זיי לאַנג געדריקט פאַרן צעשיידן זיך. און לאַנג, לאַנג מיט קלעמעניש אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן...

*

פינטשען האָט דער אויפשטאַנד אויסגעלייזט פון אַ סך קלע־רענישן און צווייפלס. נאָך דעם אָנפאַל פון די דייטשן אויף פוילן, ווען ער האָט דערזען זייער שנעלן פאַרויסמאַרש און זייער פאַר־מעסט אומצוברענגען אַלע יידן און ווי די אַרטיקע באַפעלקערונג דרייט זיך אום מיטן רוקן צו די יידן האָט ער געמיינט אַז אַלץ איז פאַרלוירן. אַן אַנטלאָפענער פון אומקום, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַפּאַטיע, איז ביי געווען אויף זיך, וואָס אים קומט אויס צו לעבן און קעמפן פאַרן לעבן, ווי אַ געיאָגטע חיה.

פינטשע האָט אַ מאָל ליב געהאַט צו לייענען ביכער, ווו ער

האָט געפונען אַ סך מענטשן־ליבע נאַטור־שילדערונגען, וואָס פאַר־כאַפּן דאָס מענטשלעכע אויג, וועגן חיות וואָס לעבן צווישן זיך בשלום — און דאָ אַזאַ בלוטיקע כוואַליע... ער ראַנגלט זיך נישט דערטרונקען צו ווערן אינעם ים פון בלוט, און איז אין דעם גע־ראַנגל געבליבן אַליין, אָן וועמענס ס'איז הילף. געטוישט נעמען, געביטן דעם אויסזען, זיך פאַרשטעלט פאַר אַ „דזשאַד". זיינע פּחדים פאַרטויבט מיט דער מויל־האַרמאָשקע און אָט די כוואַליעס וואָס האָבן אים געשלעפּט צום אָפּגרונט, האָבן אים דערטראָגן צום וואַר־שעווער אויפשטאַנד, ווו ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען גע־שלאָגענע און דערמאָרדעטע דייטשן... פּינטשע האָט נישט געקעמפט פאַר באַפרייען וואַרשע די שטאָט ווו ס'איז פאַרשניטן געוואָרן אַ גרויס יִדיש לעבן, ער האָט געוווּסט אַז די שטאָט וועט אין גיכן באַזעצט ווערן פון די סאָוויעטן וועלכע זענען שוין דערגאַנגען ביז צו דער ווייסל. אים איז געגאַנגען אין אָנטיילנעמען אין קאַמף קעגן די רוצחים פון יִדישן פאָלק. זיינע ליפּן, שוין יאָרן נישט אַרויס־געבראַכט קיין יִדיש וואָרט, האָבן געשעפּטשעט:

איך האָב עס דערלעבט...

נאָכן דערדריקטן אויפשטאַנד איז פּיאָטער־פּינטשע געלעגן אויף אַ פּריטשע צוזאַמען מיט נאָך פּוילישע היימלאָזע. פאַר זיינע פאַר־מאַכטע אויגן האָבן אין דמיון זיך צעוויקלט זיינע איבערגעלעבטע יאָרן פון ערשטן טאָג פון אַרויסרייסן זיך פון אַרומגערינגלטן געטאָ צו די פעלדער צו די סכּנותפולע וועגן, געיאָגט פון לעבנס־אינס־טינקט. אָן אַ ציל זיך געשלעפּט, געטאַפּט דעם וועג ווי אין אַ פינצטערער נאַכט. געזוכט ערגעץ אַ טיר ווו אַנצוקלאַפּן, אפשר וועט ווער אים אויסשטרעקן אַ האַנט...

פּינטשען איז שווער געווען צו גלייבן, אַז דאָס אַלץ וואָס דרייט זיך אין זיין מידן מוח, וואָס דער צעוועקטער זכרון דערמאָנט אים מיט אַ סדר, צעטיילט אויף טעג, וואָכן, חדשים, אויף זומער און ווינטער, און נעמט צונויף אין יאָרן. וועט אים נישט שווער זיין דאָס לעבן מיט אַזעלכע זכרונות? וועט ער פון זיך אָפּטרייסלען

דעם שטויב פון זיין נע־ונד? דעם איבערגעטראָגענעם שוידער? וועט ער געפינען אין זיך גענוג קוראַזש צו אַ פריש באַנייט לעבן?

ס'איז שטיל אין דעם קעלערשטיבל. אַזוי שטיל, אַז מען הערט דעם אָטעם פון יעדן איינעם. אַן עכאָ פון שעפּטשענדיקע דערגייט צו זיינע אויערן: „די דייטשן וועלן אַוועק, ס'וועלן קומען די רוסן, און וואַרשע וועט בלייבן פאַרשקלאַפּט"... דערווייל איז דאָס אָרט נאָך פאַרלייגט מיט זעק זאַמד און קלעצער. נאָר אַ שמאָלער דורכגאַנג איז געבליבן ווי אַ געדעכעניש פון די בלוטיקע טעג. איצט דערמאָנט זיך פּינטשע אין די באָמבאַרדירונגען און שׂריפות, ווי די קעמפער אונטער אַ האַגל פון קוילן, האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. ער האָט אויך געהערט שרייען: „שיס, דו זשידלאַק! האָסט אַ ביקס אין האַנט, גיב פייער!" נאָר דער מיט דעם ביקס איז שוין געלעגן מיט אַ דורכגעלעכערט האַרץ.

פּינטשע האָט איין מאָל געוואָלט פאַר זיין נאָענטסטן שכן מיעטשיסלאַוו עפענען זיין האַרץ, דערציילן אים זיינע פאַרבאָרגענע ליידן, דעם אמת. האָבן זיי דאָך ביידע געקעמפט אַקסל ביי אַקסל. אַ פרומער קאַטאָליק, קיין שלעכט וואָרט פון אים נישט געהערט. אויב ער האָט אַ מאָל זיך אויסגעדריקט מיט שׂינאה, מיט אַ קללה, איז עס נאָר געווען קעגן די „שוואַבעס", די אָקופּאַנטן. פּינטשע האָט דאָס וואָרט „זשיד" נישט געוואָלט ברענגען פאַר זיין מויל, וויסנדיק אַז צו דעם נאָמען זענען פאַליאַקן „אַלערגיש", ציטערן אויף ווי פון אַ ברי. ליגנדיק אויפן שטרוי־מאַטראַצל איז אים לייכטער געוואָרן. גוט, וואָס ער איז געווען אויסגערעכנט מיט אַ וואָרט. אין אַ שמועס וועגן יידישן אָנטייל אין די אויפשטאַנד־קאַמפן האָט מיעטשיסלאַוו אין אַ שמועס גערעדט מיט חוזק און גרינגשעצונג וועגן יידישן אָנטייל, פאַרגעשטעלט ווי אַ ייִד שיסט מיט דער לופע צום הימל, אָדער אומגעקערט צו זיך. ערשט איצט, ביים וואַרשעווער אויפשטאַנד האָבן די ייִדן געקאָנט לערנען ווי אַזוי מ'דאַרף זיך אומגיין מיט געווער...

פון די אַלע רייד, פאַר דעם אַריינמאַרש פון די סאָוויעטן קיין

וואַרשע, האָט פּינטשע אַ סך געלערנט, אים פּאַרהיט פון נישט קיין באַרעכנט שריט, וואָס האָבן געקאָנט ערב דער באַפרייונג צו נישט מאַכן זיין ביטערן גוראַנגל פאַרן לעבן. אין די טעג האָט ער נישט איין מאָל געטראַכט, אַז עס איז אַ חרפּה אַרומצוגיין אַ פאַרשטעל־טער. פריִער איז עס געווען אַ שוין קעגן טויט. אָבער איצט, אין די אויפשטאַנד־טעג? ווען מ'איז זיך מקריב פאַר אַ געמיינזאַמען ציל? טאָמער פאַלן, וועט פּינטשע, דער מאַסקירטער ייִד, פּונקט ווי דוד, באַערדיקט ווערן מיט אַ פרעמדן נאָמען, ליגן אונטער אַ פון ברעטלעך צונויפגעקלאַפּטן צלם?...

אַ שטורמישע נאַכט איז געווען די לעצטע פון נאַצישער הער־שאַפט איבער וואַרשע. די שטאָט איז נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון די נאַכטיקע גאַסנקאַמפן, אָבער שוין געשטאַנען אָפן פאַרן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי.

פּינטשע האָט קיין אָרט זיך נישט געקענט געפינען, ס'האָט אים געטריבן פון בעט צו בעט צו הערן נאָך אַ וואָרט צו דעם וואָס מ'האָט שוין געהערט. ער איז געלאָפן צו די פענצטער, אַרומגעדרייט זיך אַ באַרוישטער. אַלע זענען געווען געשפּאַנט, נאָר ער, פּינטשע, האָט זיך נישט געקענט צוימען. אין פּיאָטערן האָט אויפגעוואַכט פּינטשע דער ייִד. ער וואָלט אַרויס אין די גאַסן שרייען פון פרייד, נאָר זיין נאָמען פּיאָטער האָט אים דערמאָנט, אַז ער טאָר נישט אַרויס פון דער ראָלע, אין וועלכע ער געפינט זיך נאָך. ער איז פאַרט נישט געווען ווי אַלע אַנדערע, איז צו צום קעלער־פענצטער, גוט זיך איינגעקוקט און אַרויס מיט אַ געשריי:

— אַ סאָוויעטישער טאַנק!

די שכנים האָבן פּינטשעס פרייד־אויסרוף אויפגענומען מיט צו־ריקגעהאַלטנקייט, געגרעדט וועגן אים אין דער שטיל מיט חשד:

— דער זעט אויס צו זיין אַ פרעמדער. אפשר אַ באַהאַלטענער באַלשעוויק, אָדער גאָר אַ זשיד, וואָס איז איינס און דאָס זעלבע...

פּינטשע האָט געפילט די פיינדלעכע שטימונג צו אים, און צו דעם וואָס געשעט אין גאַס. איז ער אַרויס אין דרויסן, ווי ער וואָלט

געלאָפֿן זוכן שוץ ביי די, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די לויפֿנדיקע טאַנקן. דער רעש פֿון די שטאָלענע קייטן האָט פּינטשען געבראַכט פרייד און פרייהייט. ער האָט זיך אויסגעמישט צווישן די מאַסן מענטשן, וואָס האָבן מיט צעפּאַכטע קאָפּטיכלעך באַגריסט די קאָ־לאָנעס טאַנקן און פּאַנצער־וועגענער. פּינטשע האָט נישט גערוט. ער האָט נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט, דער פריידיקער אימפּעט הט אים געטראָגן לענגויס די ברעגן פֿון טראָטואַר, זיך איינגעקוקט אין די פּנימער, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. אין דער אמתן האָט ער געזוכט אַ מענטש מיט אַ יידיש פּנים, געגאַנגען מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ און זיך געוווּנדערט: איז באמת אין וואַרשע נישט צו געפֿינען אַ יידיש פּנים?

די לעצטע איבערלעבונגען אין וואַרשע זענען פּינטשען נאָכ־געגאַנגען. דערזעענדיק דעם גאַר פרעמדן אויסזען פֿון זיין אַמאָ־ליקער פֿאַרהיימישטער שטאָט איז אים טרויעריק געוואָרן אויפֿן האַרצן. וואַרשע, די שטאָט פֿון זיינע יונגע יאָרן, ווו ער איז רייף געוואָרן ווי אַ זעלבשטענדיקער מענטש, אַריין אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ווער ער קאָנען פֿאַרגעסן די באַגעגעניש אויף איינעם פֿון די גאַסן? שוין נאָכן פּוילישן אויפֿשטאַנד האָט ער דערהערט ווי איינער רעדט אים פּלוצעם אַריין אין אויער:

— דו ביסט אַ ייד! קאָנסט זיך אויסקויפֿן, אויב דו האָסט ביי זיך געלט.

דער געשטופּלטער פּרצוף איז אים געבליבן צווישן יענע זכרונות וואָס ברענען, ווי אַ צוגעלייגטער גליאייזן צום לייב.

ער איז געלעגן אויף זיין נאַכט־געלעגער. ווי שטענדיק איידער ער שלאָפֿט איין, פֿירן אים אַוועק זיינע זכרונות ערגעץ ווייט מיט יאָרן קריק. פּינטשע האָט געהאַט אין וואָס זיך צו דערמאָנען און ער האָט געלעבט מיט זיינע זכרונות.

אָט איז איינס פֿון די טעג פֿון וואַרשעווער אויפֿשטאַנד: זיין באַריקאַדע־חבר ביעלטשוק האָט אין מיטן קאַמף געכאַפּט זיך צום קליינעם ספֿרל, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך און גענומען תּפֿילה

טאָן. פון הינטער זיין באַוואָקסענעם פּנים האָט זיך געהוידעט אַ קליין צלמל אָנגעהאָנגען אויף אַ קייטעלע אַרום האַלדז. שווער געווען צו דערקענען זיין עלטער צוליב די טונקל בלאָנדע באָרד ביז הינטער די אויגן, נאָר זיין קול האָט געהאַט אַ יונגן אָפּקלאַנג.

— ביסט אַראָפּ פון זינען? די דייטשן אַטאַקירן, ווילן זיך דורכ־רייסן צום הויפּטוואָקזאַל, און דו מאַדליעסט זיך? איך וועל עס מעלדן דעם קאָמענדאַנט!

ביעלטשוק האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, זיך אַרומגע־קוקט. קיינער איז נישט געווען אַחוץ אונדז ביידע הינטער די זעק מיט זאַמד. זיין בליק, שאַרף און אויסגעהיט. פאַרטרווילעך האָט ער מיר אַריינגערעדט אין פּנים:

— ס'איז אַ יידיש ספרל... אויב איך וועל פאַלן זאָל מען מיר באַגראָבן ווי אַ ייִד מיט מיין אמתן נאָמען אפרים...

— איצט איז נישט קיין צייט פאַר רעדן! שיס! גיב פייער! די דייטשן דערנענטערן זיך!

אַ טאַנק האָט זיך באַוויזן. אפרים האָט גיך פאַרשטעקט דאָס ספרל אונטערן העמד, געכאַפּט אַ צינדפלאַש, פון אַ זייט פאַרקראָכן אונטער אַ חורבה, זיך צוגעפּרעסט צו דער וואַנט און וואָרף געטאָן די פלאַש מיט בענזין. דעם טאַנק האָבן אַרומגעכאַפּט פלאַמען.

אַרום האָבן געפלאַקערט שׂריפות, שאָטנס פון אַנטרונענע פרויען, קינדער און זקנים האָבן זיך געשלייכט ביי די ווענט. דער אָפּשיין פון די שׂריפות איז געפאַלן אויף פינטשעס פּנים. זיינע פּיס האָבן זיך געהויבן איבער די צעגראָבענע לעכער אויף די טראָטואַרן. אַלץ וואָס איז געשען מיט אים פריִער איז געבליבן פאַרקריצט אין זיין זכּרון.

אין געפאַנגענשאַפט ביי די דייטשן האָט אַ דייטשישער וואַכמאַן געפונען דאָס ספרל פאַרשטעקט ביי אפרימען. ביידע — דער ייִד מיטן ספרל — האָט די ערד פאַרדעקט אָן אַ וועלכן ס'איז נאָמען.

אין וואַרשע איז שטיל געוואָרן. דער פראָנט האָט זיך דערוויי־טערט אויף מערב. פאַרשוווּנדן איז פינטשעס מידקייט. ער האָט ליב

געהאַט אַריינצי̇ען אין זיך די קילע לופט, וואָס איז געקומען פון דער זייט פון ווייסל. אים האָט געצויגן אָנקוקן דאָס אָרט ביים קלוי̇ס־טער אויף דער קראָקעווער גאַס, ווו ער איז געזעסן מיט דער מויל־האַרמאָשקע און געצויגן צו זיך מענטשלעכע רחמנות־געפילן. פּינ־טשען האָבן די איינזאַמע שפּאַצירן פאַרטראָגן אין ווייטע נאָכטיקע חלומות. זיינע מלחמה־יאָרן האָבן אים אויסגעזען ווי אַרויסגע־לייענט פון אַ בוך, אַזוי פאַנטאַסטיש אומגלייבלעך, און דאָך איז דאָס אַלץ מיט אים געשען: דער קלויסטער — דער זעלבער, דער גלאָקן־צי̇ער — דער זעלבער. אויך דער זעלבער גאַסן־קערער וואָס האָט אים געשענקט די ערשטע פּרוטה, מיטן ערשטן שטיקל ברויט פון זיין מיטגענומען עסן. אַלץ איז אויפן זעלבן אָרט. נאָר ער, פּינטשע, איז אַן אַנדערער. שוין אָן דעם באַוואָקסענעם קאָפּ מיט דער ברייי־טער קאַלטענעוואַטער באָרד, מיט אַן אַנדער פּנים, מיט אַן אַנדער געמיט, מיט אַן אַנדערער נשמה, מיט אַנדערע מחשבות. קיינער פון די וואָס האָבן אים אַלע טאָג געזען, דערקענען אים נישט. אויך ער אַליין דערקענט זיך נישט. אָפּגעטאָן האָט זיך פון אים זיין אַמאָל ליקער שמייכל, זיין גלויבן אין מענטש. אָנטוישט האָבן פּינטשען די מלחמה־יאָרן, ווען ער האָט מענטשן דערזען אין געשטאַלט פון ווילדע חיות.

*

געווען איז עס אין אַ פאַרנאַכט, סוף פון אַ זומערדיקן טאָג, די פולע לבנה וואָס איז נאָר וואָס אַרויסגעשווומען פון הינטער די ווייטע חרובע הייזער־סקעלעטן האָט דורך אַ זילבער־נעפּל אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד. אַ רגע האָט פּינטשע אין דער פאַר־נעפּלטער ליכט דערפילט ווי עס וואָלט אים אויסגעפּעלט אָטעם: עפּעס איז אין אים ווי פאַרגליווערט שטיין געבליבן. האָט זיין פאַר־גאַנגענהייט אים פאַר די אויגן אַ בליץ געטאָן? נאָר אָט האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. פּינטשע האָט דערהערט אַן אָפּהילך פון אַ מילדער ווייכער מענטשלעכער שטים. דאָס איז געווען אַ רוף צום לעבן...

דורך אַש און רויך

אויף פעלדער האַלב־פאַרוויסטע טרעפט מען אָן פאַרטריקנטע קוסטן מיט טונקעלע ריטלעך, שטעכיקע, מיט בלעטלעך פאַרדאַרטע. בלויז שטאַרקע ווינטן צעוויגן זיי. פעלד־חיהלעך מיידן זיי אויס, ווילן קיין שמעק נישט טאָן פון די טויטע דאָרן־ריטלעך. טרעפט, אַ פויגל, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, פאַרהאַלט זיך אויפן שפּיץ איבערן קוסט. זעט ער, נישטאָ דאָ וואָס צו זוכן און פליט ווייטער. אַפילו אַן אויסגעהונגערטער וואַנדערער, ווען ער גייט פאַרביי, רירט זיי נישט אָן. ער ווייסט אַז די גרין־געלע ווילדע פעלד־פּירות זענען סם וואָס ברענגט טויט.

דאָס דערמאָנט גזשעגאָרזשן אין יענע נע־ונד־טעג, ווען ער דערזעט אין וועג אַ קוסט אָדער דערהערט פון ערגעץ אַ שאָס־אָפּהילך. ער איז שוין איינגעלעבט מיט זיין גוייִשן נאָמען, אָבער אין דעם לאַנגן באַראַק ווו ער האָט זיין געלעגער, קאָן ער אָפט נישט איינשלאָפן. דאָס ליכט איז שוין פאַרלאָשן, אַלע שכנים שלאָפן. איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער. אין דרויסן — שוואַרץ־חושך, נאָר ער זעט אַלץ דעם רויטן אָפּשיין פון די געטאָ־שׂריפות. ער האָט אין זיין דמיון געזען די פלאַמען, דאָס פייער געטראָגן אין זיך. אויך געזען אין די נעכט פאַרוויסטע פעלדער, פאַרטריקנטע קוסטעס מיט שאַרפע שטעכיקע ריטלעך, מיט גרינע געוויקסן וואָס דערמאָנען דעם טויט.

געצל — גזשעגאָזש שטאַמט פון אַ בעל־מלאכה משפחה. שניי־דעריי האָט ער געלערנט ביי זיין טאַטן, געאַרבעט ביי אים ביז דער קריג איז אויסגעבראָכן. און שוין איז ער געווען אַ געפאַנ־גענער ביי די נאַציס.

צווישן די קליִענטן וואָס פלעגן קומען צו זיין טאַטן האָט זיך געפונען איינער, גוסטאַוו פּאַליושעק, אַ יונגער באַחנטער שייגעץ פון אַ שכנותדיקן דאָרף. אין די מלחמה־יאָרן איז ער געווען אין דער סביבה צווישן די אָנפירער פון אַ־קאַ (אַרמיאַ קראַיאָווע). שוין אַ באַווייבטער, מיט קליינע קינדער. פאַרלאָזן האָט ער זיך דיקע צעוואַקסענע, אויף אַרויף פאַרריסענע וואָנצעס. ער, געצל, — אַ פאַרענדערטער, וואָס די נויט און דער עלנד האָבן פון אים אַרויס־געקוקט. דאָך האָבן זיךביידע דערקענט. ער האָט געצלען געלאָזט צו אים אין שטוב קומען אָבער אין די שפּעטע נאַכט־שעהען, קיי־נער זאָל נישט הערן און זען, אַז ער דערלאַנגט אַ ייִד הילף.

— ווייסט דאָך, אַז אונדזערע אַ־קאַ־מענטשן איז פאַרבאָטן צו העלפן אַ ייִד. דיין קומען דאַרף בלייבן אַ סוד.

געצל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט די סיבה פון אויסהיטן זיך, נאָר פון זיין מויל האָט זיך אַרויסבאַקומען אַ פראַגע:

— פאַר וואָס די אייביקע שינאה אַפילו צו אַ לעצטן ייִדן פון שטעטל?

פּאַליושעק האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צו דער וואַנט, וווּ ס'האָבן געהאָנגען די הייליקע בילדער מיט די צלמים:

— פרעג זיי...

ער האָט געוווּסט, געצל, וויפל איינגעבילדעטע שינאה פון קינדוויַיז אָן עס שטעקט אין די צוויי ווערטער. ער האָט נישט געפונען ביי זיך קיין מוט זיך אַריינצולאָזן אין אַ וויכּוח, ווען ער האָט געוואַרט גוסטאַוו זאָל אים עפּעס דערלאַנגען אַ קיי צו טאָן.

— ענטפערסט נישט... שווייגסט... ווייסט דעם אמת...

— דער הונגער פייניקט, נעמט אַוועק דאָס לשון...

— ס'הייסט, ווילסט צו ערשט אַ פרעס טאָן.

גוסטאַוו האָט זיך פויל אויפגעהויבן פון נידעריקן בענקעלע, גענומען זיך אַרומקוקן, וואָס זאָל ער דעם ייִד דערלאַנגען. ער איז געווען גוט געשטימט. אין דעם טאָג האָבן זיינע צוויי קי זיך

געקעלבט, און די חזרטע האָט אויסגעפּילט דאָס שטעלכל מיט קליינע חזרימלעך. האָט אים פאַרגלוסט טרייבן אַ ביסל שפּאַס פון דערשלאָגענעם ייִד.

— היינט מעגסטו עסן וואָס ייִדן האָבן אין די גוטע צייטן געהאַלטן פאַר טריף? אויך אָן אַ היטל אויפן קאָפּ? איר ייִדן, אייער פאַלשער גלויבן האָט אייך דערפירט צום אונטערגאַנג.

צו געצלס הונגער האָט גוסטאַוו נאָך צוגעוואָרפן זיינע שטעכּ־ווערטלעך. געצל האָט געוווּסט, אַז גוסטאַוו האָט אַ ווילדע הנאה פון זען ווי דער ייִד חלשט עסן. ס'האָט אים אויך וויי געטאָן די פלעגמאַטישע באַוועגונגען, בעת יענער האָט געשניטן דאָס קאָרנ־ברויט, אויף וואָס געצל האָט געקוקט אַ פאַרצאַפּלטער. און דאָס טעפּל זויערמילך וואָס גוסטאַוו האָט פּאַמעלעך געשטעלט אויפן נידעריקן טישל. אוי, ווי דער זאַטער גוי ציט אים די עצמות. פּאַמעלעך געפינט ער עטלעכע פאַרבליבענע געקאָכטע קאַרטאָפל מיט שאָלעכץ, צוגעגרייטע פאַר די חזירים. געצל האָט זיי גיריק פאַרשלונגען.

— פרעס זיך אָן און געדענק, אַז אַ קריסט האָט אין זיך אַ מענטשלעך האַרץ, ווען ער לאָזט דיר די שוועל איבערטרעטן און וויל דיך אָנזעטיקן.

— גאָט וועט אייך פאַר דעם באַצאָלן.

— און אפשר גאַר שטראָפן פאַר העלפן אַ ייִד?

— איר מיינט עס אַוודאי נישט ערנסט.

— ווי גאָט איז מיר ליב איך מיין עס ערנסט, אָבער דו ביסט איצט צופיל ביי זיך געפאַלן, מ'זאָל קאָנען מיט דיר וועגן דעם רעדן.

— איך בין געפאַלן ווי אַ מענטש, ווייל מענטשן האָבן מיך דערנידעריקט. אַ ייִד וועל איך בלייבן כּל־זמן איך וועל לעבן.

— ייִדישער עשקנות, פאַר דעם ליידט איר.

— שלעכט טוען אונדז גאָטלאָזע.

— רעדסט נאַרישקייטן, די גאָטלאָזע קומען אום. נעם אַ פּאַקט פון דיינע ייִדן...

— די דייטשן האָבן אונדז געמאָרדעט, ווייל דעם נאָמען גאָט טראָגן זיי נישט אין האַרצן, נאָר אויפן זעלנערישן רימען...

גוסטאַוו האָט זיך צעלאַכט. געצלס ענטפער איז אים שטאַרק געפעלן...

✶

נאָך עטלעכע נעכט אַריינקומען, האָט גוסטאַוו געצעלן אויפ־גענומען מער היימישער, אים גיכער דערלאַנגט דאָס עסן, און גלייך אים צו וויסן געטאָן, אַז ער האָט פאַר אים אַ גוטן פּלאַן, ממש אַ רעטונג. געצל האָט אָנגעשטעלט אַ נייגעריק פּנים. גוסטאַוו האָט אָנגעצונדן אַ לאַמטערן, גערופן געצלען מיט זיך. ביידע זענען אַריין אין אַ שטעלכל, ווו עס זענען געשטאַנען אָנגעשטאָפּטע זעק, נישט קיין פאַרבונדענע. פון איין זאַק האָט אַרויסגעשטעקט אַן אַרבל פון אַ מלבוש. פון אַ צווייטן — אַ קאָלנער, אַן עק פון אַ פּאָלע. געצלען האָט אַ שוידער אַרומגענומען. ער האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס זענען אָנגעראַבעוועטע יידישע מלבושים פון פאַרטיליקטן געטאָ.

גוסטאַוו האָט זיך נישט גערעכנט מיט געצלס געפילן. גערעדט וועגן דעם מיט זיין לאָגיק, אַז ער האָט געטאָן אַ גלייכע זאַך. איידער די מלבושים זאָלן צעכאַפּט ווערן פון אַנדערע, איז בעסער, אַז זיי געפינען זיך ביי אים. ער האָט געצלען אָנגעוויזן אויך אויף פּעק, פאַרקניפּטע אין ווייסע ליילעכער, אָנגעלייגט איינס אויפן צווייטן. זיין פאַרלאַנג איז געווען, אַז די בעסערע בגדים זאָל ער, ווי אַ גוטער שניידער, צופּאַסן צו זיין, גוסטאַווס, מאָס, און די פרויען־מלבושים — פאַר זיין ווייבס פיגור. ביידע ווילן זיי זיך פאַרסטראָיען אין די זונטיקס צום קאָשטשאָל גיין, און זאָלן זיינע שכנים אים מקנא זיין. ווער ס'האָט נישט געהאַט קיין שׂכל זיך אַריינצוגנבענען אין געטאָ צו דער צייט דאָס צו טאָן, זאָלן פּלאַצן פון פאַרדראָס. צו אַלץ, האָט ער זיך גערימט, דאַרף מען האָבן אַ קאָפּ. ווער ס'האָט נישט געהאַט קיין שׂכל אויסצוניצן די געלעגנ־הייט זיך אַריינצובאַקומען אין דער אויסגעליידיקטער געטאָ, מעג זונטיק אַרומגיין אין הויזן פון היימישן לייוונט.

מיט איינגעצויגענע פּלייצעס, געבויגן, דאָס האָלדזביינדל האָט זיך באַוועגט פון די שטיקנדיקע טרערן אין האַלדז, איז געצל גע־שטאַנען פאַרשטומט, נישט געקוקט צו גוסטאַוון, נאָר אויף די זעק וואָס האָבן אויסגעזען ווי פאַרשטייפטע מתים...

— דו נאַרישער זשידעק! — האָסט נישט קיין שׂכל צו פאַר־שטיין. איך שטעל איין מיין קאָפּ וואָס איך לאָז דיך אַריין צו מיר אין שטוב, און דו שטייסט אַנטקעגן די שמאַטעס ווי אַ גולם. ביסט דאָך נישט קיין נאַר, געצאַ, קלער זיך אַריין, וועסטו פאַר־שטיין דיין לאַגע און מיינע רייד...

אַנקוקנדיק געצלס פאַרענדערט פּנים, האָט גוסטאַוו פאַרשטאַ־נען אַז ער וועט זיך מיט אים אין דעם מאָמענט נישט צונויפרעדן, האָט ער עס אָפּגעלייגט אויף מאָרגן. גוסטאַוו האָט געהאַט געדולד און געוווסט, אַז דער ייִד איז אָנגעוויזן אויף זיין הילף. ביידע זע־נען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין שטילשווייגן. געצל האָט קוים דערהערט דעם גויס נאָכרוף — מאָרגן...

די נאַכט איז געצל איבערגעקומען אין אַ גרוב צווישן קרויט־בלעטער. יעדן טאָג אויף אַן אַנדער אָרט. אַלע האָבן געקוקט אויף אים מיט חשד, פאַרטריבן פון זייערע טירן, און גוסטאַוו וויל אים אַריינבעמען צו זיך. נאָר די קליידער, די ייִדישע קליידער, זיי שטייען אים פאַר די אויגן... נאָך טעג און נעכט זיך אַרומוואַלגערן איז ער געקומען צו גוסטאַוון.

— איך האָב געוווסט, וועסט קיין ברירה נישט האָבן און ווי־דער זיך בעטן, איך זאָל פאַר דיר עפענען די טיר.

דער ווילן צום לעבן האָט דעם עלנדן ייִד נישט איבערגעלאָזט קיין ברירה, ווי זיך אַוועקזעצן ביים באַרג קליידער אין דעם שטע־לעכל מיט די ברייטע שפּאַרעס צווישן די ווענט, ביים קליינעם שמאָלן פענצטערל, דורך וועלכן ס'איז אַריינגעדרונגען אַ ביסל טאָגליכט. געצל האָט זיך איינגעקוקט אויף די בייטעלעך, אויף די פושקעלעך שניידער־צודאַטן, די זעלבע וועלכע ער פלעגט ניצן ביי שניידעריי אין שטעטל. אפשר איז טאַקע גוסטאַוו געווען אין

זיין שטוב, ווו ער האָט געקענט יעדער ווינקעלע? שטילע זיפצן האָבן זיך פון אים אַרויסגעריסן, שטיל, קיינער זאָל זיי נישט דער־הערן...

וויביידע, ער און גוסטאַוו, זענען געווען געהיט, איז אָבער שווער געווען פאַרמיידן אומגעריכטע צופאַלן, ווי דער ווינט וואָלט זיי אָנגעטראָגן.

אין איינעם אַ טאָג איז גוסטאַווס אַ שכן אַריין אים זאָגן, אַז אין דאָרף זענען אין דער נאַכט געווען אַ סך גניבות. מ׳האָט אַרויס־געשלעפּט פון פאַרשלאָסענע שטאַלן קי, פערד, שעפּסן. פּוסטריט האָבן דערפירט צום וואַלד. דאָרטן ביים טייך זענען זיי פאַרלוירן געגאַנגען. אויף עטלעכע שכנים איז געפאַלן אַ חשד, ווי באַטיי־ליקטע אין דער גניבה. דער סאָלטיס גייט אַרום מיט פּאָליציי זוכן. גוסטאַוו האָט פון דעם זיך נישט איבערגענומען. פאַר אים איז עס קיין נייעס נישט געווען. געוווּסט האָט ער, אַז צו אים קומט מען נישט זוכן. נישט ער גנבעט און נישט ער האָט אַ מאָל געהאַט וועלכע ס׳איז שייכות צו אַ גנבה. דאָרטן, אויף יענעם עק ווינען די גנבים וואָס זענען שוין נישט איין מאָל געמישפּט געוואָרן. נאָר דאָס מאָל האָט זיך גוסטאַוו גענאַרט מיט זיין אויסרעכענונג. זיין פּאָלוואַרק איז געווען פון די ערשטע ווו פּאָליציי איז געקומען זוכן.

אומזיסט איז געווען גוסטאַווס שרעק ביים עפענען דאָס שטע־לעכל. געצל האָט שוין געהאַט אָפּגעשפּאַרט אַ ברעט פון ווענטל, זיך אַרויסגעקוועטשט פון דער עפענונג און אַוועק צו די פעלדער, ווו קי און פערד האָבן זיך געפּאַשעט. קיינער האָט נישט געזען ווו ער האָט זיין קאָפּ פאַרשטעקט.

*

פאַר נאַכט אויפן פעלד איז געצל געלעגן און געקוקט צום הימל, וואָס ווערט וואָס אַ מאָל טונקעלער. ער הערט דעם ווינט בלאָזן איבער דעם שטיק פּאַשעפעלד אין טאָל. ער פילט די ריחות

פון בהמישע און פערדישע מיסטן, וואָס דער ווינט יאָגט צו אים אָן. אים דאַכט זיך, אַז פון די יידישע קליידער זענען אַרויס לע־בעדיקע יידן און זייערע שאָטנס וואָגלען אַרום, זוכן אַ מלבוש וואָס זאָל פּאַסן פאַר גוסטאַוון. געצל דערקענט זיי, די שאָטנס פון זיינע שטעטלשע יידן, וואָס קריכן אַרויס פון יעדן מלבוש וועלכן ער נעמט אין האַנט אַריין, שרייען און וואָרענען אים, דעם ייד, ער זאָל זיי נישט אָנטאָן אויף דעם רויבערס אַקסלען, נאָר לאָזן זיי ליגן אין די זעק, ווי די יידן אין די מאַסן־קברים.

פון די אַלע שאָטנס דאַכט זיך געצלען, אַז עס שיילט זיך אויס דער שאָטן פונעם רב מיט דער לאַנגער צוויי־שפּיציקער גראָער באָרד. ער שפּרייזט אַרום און צעשטורעמט געצלס יידיש הארץ. זיי שאָקלען זיך, די שאָטנס, אַזוי טרויעריק און יאָגן אָן אויף אים שרעק, האַקן אים אין די שלייפן, שרייען און פרעגן: „האָסטו גע־זען ווי מ׳האָט אונדז געמאָרדעט? געוואָרפן אונדז אין די גריבער נאָך לעבעדיקע, אויך קינדער ביי די מאַמעס אין די הענט! דו ביסט אַנטלאָפן פון גיהנום און האָסט עס נישט געזען. נעם נישט די מלבושים מער אין דיינע הענט״...

געצל האָט געוווסט אַז ער האָט נישט ווו אַנדערש צו גיין. אַלע וועגן זענען פאַר אים פאַרשטעלט און גוסטאַוו וואַרט אויף אים. דעם גוי לאָקן די מלבושים וואָס דער יידישער שניידער דאַרף זיי אויף אים אויספּאַסן. ער זאָל מיט די קליידער קאָנען פּאַראַדירן בעת גיין אין קאַשטשאָל. זאָל ער, דער רויבער, זיך וואַרגן מיט די זאַכן! געצל האָט באַשלאָסן נישט מער צו גיין צו גוסטאַוון. ער וועט בעסער אומקומען פון הונגער, איידער גוסטאַוון און זיין ווייב אָנטאָן אין די קליידער פון דערמאָרדעטע יידן. געצל האָט אַוועקגעוואַנדערט אין אַן אַנדער געגנט, אַ וואַלדיקערע, אַ מער באַוווינטע מיט אָרעמע פּויערים. ער האָט געמיינט, אַז וואָס אָרע־מער דער פּויער, מער וועט ער אַרויסווייזן מיטגעפיל פאַר אַ גע־פּאַלענעם מענטש און אפשר אויך פאַר אַזאַ ווי ער...

אין איינער אַ פינצטערער נאַכט איז געצל דערגאַנגען צו אַ

דאָרף. אין דרויסן איז געפאַלן אַ דינער רעגן. אַ דורכגענעצטער ביזן לייב איז געצל אַריין אין אַ פּאָדער הייזל, געלאָזט פון זיך אָפּרינען די טראָפּנס, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אַ גראָער קאָפּ פון אַן עלטערן פויער האָט זיך באַוויזן אין דער עפענונג:

— טראָג זיך אָפּ! אַ דייטש איז דאָ אין צווייטן הייזל!..

— שענקט אַ שטיקל ברויט און איך גיי אַוועק.

— גיי, איידער איך רוף דעם דייטש!

געצל איז אַרויס פון הייזל, געשטעלט זיך הינטער אַ וואַנט, געזען לעבן שכנותדיקן שטיבל אַ מיליטערישן וואָגן. דורכן גע־לעכערטן טוך מיט וועלכן דער פענצטער פון דער כאַטע איז גע־ווען פאַרהאַנגען, האָט ער געזען אַ דייטש מיט אַ גראָבער שיקסע זיך וואַלגערן אין אַ הילצערן בעט. אין געצלען האָט זיך צעוועקט אַ לעבנס איינשטעלערישע דרייסטקייט. ער האָט זיך שטיל צוגע־שאַרט צו דער טיר, זי לאַנגזאַם אָפּגעשפּאַרט. דיביידע פּאַרזונקענע אין תאווה האָבן נישט געפילט געצלס קריכן אויף אַלע פיר. ווי אַ פּאַרגנבעטע קאַץ האָט ער מיטגעשלעפּט מיט זיך דעם שינעל מיט דער ביקס... צוריק אין דרויסנדיקן חושך! זיגעריש האָט געצל אַרויסגענומען די קוילן פון פּאַסיק, דעם שינעל געלאָזן הענגען אויפן פּלויט. מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע און גיכע טריט איז ער אַרויס צו אַ זייטיק וועגל. דערגאַנגען צו אַ הייזל. דאָ האָט מען אים אָנגענומען פאַר אַ באַוואָפנטן פּאַרטיזאַן און מיט אַן אָנ־געפילטער טאָרבע שפּייז איז געצל אַרויס פון דאָרף, זיך דערשלאָגן צו אַ וואַלד. די אָנגעלאָדענע ביקס האָט אים צוגעגעבן מוט. שוין נישט געפילט זיך הילפלאָז. ער האָט געוואָלט אָנטרעפן אַ לעבע־דיקן מענטש, אַ פּאַרטיזאַן מיט געווער אין דער האַנט. אַנשטאָט אַ מענטש איז אים אַנטקעגן געקומען אַ ווילדער חזיר, האָט ער אויסגעשאָסן אין אים. דער חזיר איז געבליבן ליגן און ווילד גע־שריִען, אַ פּאַרוווּנדעטער. מיט נאָך אַ קויל האָט געצל אים איינ־געשטילט.

פון אַן אָבסערוואַציע־פּונקט האָט מען אויפגעכאַפּט געצלס

טריט צווישן דיביימער. באַלד איז ער געוואָרן אַרומגערינגלט פון באַוואָפנטע לייט. געצל האָט אויפגעהויבן די הענט. איינער פון די פּאַרטיזאַנער האָט זיך אַרויסגערוקט:

— ווער ביסטו?

— איך בין אַן אַנטלאָפענער פּאָליאַק פון אַ אונטערגעצונדע־נעם דאָרף דורך די גערמאַנצעס פאַר פּאַרטיזאַנסקע אַנגריפן.

— פון וועלכן דאָרף?

— אויף דער צווייטער זייט בוג.

— ביסט אויך אַ פּאַרטיזאַנער?

— אָט איז די ביקס פון אַ דערהרגעטן דייטש.

— קום מיט אונדז!

געצל איז געגאַנגען לעבן דעם אָנפירער פון דער גרופּע. זיי זענען אַריין אין אַ געדיכטעניש פון ביימער צו אַ מחנה באַוואָפנטע ציוויל־געקליידטע יינגערע און מיטלאַריקע מענער, פּאַרטאָענע אין קאָרטן־שפּיל. אַנדערע זענען געלעגן אויסגעצויגן אויפן מאָך מיט די ביקסן צוקאָפּנס. אין אַ זייט האָט געברענט אַ פייער. אַ צעפּאַ־רעטער גרויסער קעסל האָט פאַרשפּרייט אַ ריח פון געקאָכטע מאכלים. דער אָנפירער פון דער גרופּע האָט זיך אויסגעצויגן, סאַ־לוטירט צו דעם קאָמאַנדיר וואָס איז אים אַנטקעגן געקומען.

— דאָס איז דער וואָס האָט געשאָסן? — האָט געפרעגט דער קאָמאַנדיר.

— יאָ.

— ווער איז ער?

— אַ געקומענער פון דער אַנדערער זייט בוג.

— צו וועמען האָט ער געשאָסן?

— צו אַ ווילדן חזיר.

אָפּגענומען דעם ערשטן ראַפּאָרט האָט דער קאָמאַנדיר זיך גע־וואַנדן צו געצלען:

— ווי הייסטו?

— גזשעגאָזש גורסקי.

— קענסט זיך לעגיטימירן? מיר דאַרפן וויסן וועגן יעדן איי־נעם וואָס וויל מיט אונדז זיך פאַראייניקן. מיר היטן זיך פאַר שפּיאָנען און פאַר יידן.

— איך בין גרייט אויסצופירן יעדע אויפגאַבע, אַ ייד ווילט איר חושד זיין אין דינען די נאַציס?

געצל איז געבליבן שטיין באַוואַכט פון באַוואָפנטע לייט. דער קאָמאַנדיר איז אַוועק אויף אַ באַראַטונג. געצלען איז געוואָרן אומ־היימלעך פון דעם וואָס מען איז אים חושד. און וואָס מיינט ער, דער יונגער הויכער בלאָנדער מיטן סטודענטסקן היטל?

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען, דער קאָמאַנדיר איז צוריקגעקומען און מיט אַן אָנגעשפּיצטן בליק גלייך צו אים, צו געצלען:

— האָסט מזל, דיין ביקס האָט דיך אויסגעלייזט. מיט אַ ייד אָן געווער וואָלטן מיר געמאַכט אַן אַנדער חשבון. זיי וויסן, אַז דיין ביקס בלייבט ביי אונדז און דו דאַרפסט פאַרלאָזן דעם וואַלד. דאָ איז נישט קיין באַהעלטעניש פאַר יידן. דיין טאָרבע מיט עסן מעגסטו נעמען מיט זיך. דאָס איז דער לוין פאַר דער ביקס. דער ענין מיט דיר איז פאַרענדיקט!

געצלען איז פאַרגעקומען, אַז די ערד עפנט זיך אונטער אים און וויל אים איינשלינגען. ער האָט אויסגערופן:

— גלייכער שיסט מיך! איך וועל די חרפּה נישט איבערטראָגן! איר קעמפט קעגן די אָקופּאַנטן פון פּוילן? איך וויל קעמפן קעגן די רוצחים פון מיין פאָלק! גיט מיר צוריק מיין ביקס!

דער קאָמאַנדיר און די אַנדערע האָבן שמייכלענדיק געשוויגן, געלאָזט דעם ייד אויסרעדן, און באַלד איז געקומען אַ באַפעל:

— פירט אים אַרויס פון וואַלד! דער וואַלד איז נישט פאַר יידן!

געצלען האָט מען געטריבן צום אַרויסגאַנג פון וואַלד. „דער וואַלד איז נישט פאַר יידן״! די אַ ווערטער זענען אים נאָכגעגאַנ־גען ביז אַ שטיק נאָכן וואַלד. פון ווערן אַזוי דערנידעריקט האָט אין געצלען געברענט אַ פייער, ער איז געוואָרן קליין און נישטיק אין די אייגענע אויגן. ער וואָלט זיך צעוויינט, געריסן די האָר פון

קאָפּ. טונקל איז אים געוואָרן אין די אויגן. פאַרלאָרן דעם מוט צו קעמפן, מקריב צו זיין דאָס לעבן פאַר איין מינוט נקמה אין אַ דייטש...

אונטער אַ בוים אין פעלד האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט, ער האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. דאָס פּלוצעמדיקע אַוועקפאַלן אונטערן בוים מיט שטייפע קני, די האַנטפלאַכן איבערן פּנים. פון דעסטוועגן האָט ער נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן צו זיינע שוואַכקייטן. דער כּוח זיך אַנצוהאַלטן אין עקשנותדיקן ווילן צו לעבן און קעמפן האָט ווידער צעוועקט אין אים זיין גבורה, אַוועקגענומען די ציטערנישן פון האַרץ. זיין ביז איצטיקע ראַנגלענישן האָבן אים נישט געלאָזט פאַלן ביי זיך. ער מוז דעם קאָפּ אויפהייבן, מחמת אָן מוט איז ווי פאַרלירן דעם ווילן צו לעבן.

*

ווידער איז געצל אויף די וועגן. דאָס מאָל מיט אַ לאָמען פוס. די אַנגעריבענע ווונד פון אַרומשלעפּן זיך האָט געבלוטיקט, נישט געווען מיט וואָס זי צו פאַרבינדן. דאָס איינציקע וואָס האָט אים געהיילט איז די וואַרעמע לופט, די זון. אין דער נאָענט האָט זיך געשאָטנט אַ וועלדל. נישט געקוקט אויף זיין פריִערדיקער איבערלעבונג האָט אים דער קילער שאָטן אַהין געצויגן. געצל איז אַוועקגעפאַלן אונטער אַ בוים באַלד ביים אַריינגאַנג אין וואַלד.

געצל האָט שוין נישט איין מאָל איבערגעלעבט אַזאַ אַוועקפאַלן. נאָר דאָס מאָל האָט ער געפילט, אַז ער איז קראַנק. ער פיבערט. ער קוקט אַרויס פון צווישן דיביימער און זעט ווען די זון גייט אויף אין רויטע פלאַמען, ווען זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער צווייטער זייט וואַלד. באַגינען פאַלט אויף אים אַ טוי, אַ נעפּל פאַרשטעלט פאַר די אויגן די נאַקעטע פעלדער. גוט וואָס ס׳איז זומערצייט, קאָן ער ליגן אויף דער אייבערפלאַך, זיך אַרומוויקלען מיטן אייבערשטן בגד. אויף די ביימער שפּרינגען אַרום קליינע

געלע חיהלעך מיט האַריקע פאַרבויגענע אויף אַרויף לאַנגע עקן. אַנדערע וואַלד־באַשעפענישן לויפן דורך, דערשרעקן זיך פאַר זיין אויסגעצויגענעם גוף. ער אַליין האָט פאַרלוירן דאָס שרעקגעפיל. נאָר דער מוח דינט אים אַ רגע און ער טראַכט: איז עס שוין זיין סוף?

ס'איז געוועזן אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהען. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטערן וואַלד. ס'האָט אָנגעהויבן אַראָפּנידערן אַ פאַרנאַכטיק גראָער טונקל. געצל איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, בלויז זיין געהער איז געווען וואַך און אויפגעכאַפּט דעם מינדסטן שאָרך.

אַן עלטערער לאָמער פויער האָט געטריבן אַ קו צום אַרויס־גאַנג פון וואַלד. די קו האָט זיך דערשראָקן פון געצלס אויפגעהוי־בענעם קאָפּ, אַ ריס געטאָן זיך פון פויערס הענט. צוגעבונדן די קו צו אַ בוים, האָט דער פויער צוגעהינקט צום אויסגעצויגענעם אויף דער ערד, זיך אָנגעבויגן און געפרעגט:

— וואָס איז דיר געשען מענטש? ביסטו אַ פרעמדער? אַ היגער?

— אַ קראַנקער און נישט קיין היגער. איך האָב אַ ווונד אויפן פוס און קען קיין טראָט נישט שטעלן.

דער פויער האָט זיך איינגעקוקט אויף דער ווונד, באַדויערט דעם קראַנקן, אים גוט באַטראַכט און זיך אומגעקערט צו דער קו.

אין וואַלד איז שוין געווען גוט טונקל. די נאָר וואָס פאַר־שווונדענע טאָגליכט האָט די ביימער, די ערד, דעם הימל צונויפ־געמישט אין איין שוואַרצקייט. שווער געווען אויסצומיידן אַ בוים, מ'זאָל זיך אין אים נישט אָנשטויסן. דער פויער, ווי מיט אַ פּאָר קעצישע אויגן, האָט אָבער אויסגעפונען דאָס אָרט פון צונויפגע־קאָרטשעטן מענטש מיטן קראַנקן פוס, ווייל פון אים האָט זיך געהערט דאָס שווערע אָטעמען, ווי פון אַ פאַרמאַטערטן נאָך אַ לאַנגן לויף. דער פויער האָט זיך געשטעלט אויף די קני, אַ טרייסל געטאָן געצלען, געוואָלט פון אים זיך דערוויסן, ווער ער איז און

פֿון וואַנען ער קומט. געצל האָט געהאַט אויף אַזעלכע פֿראַגן זיינע איינגעחזרטע ענטפֿערס. דער פֿויער האָט געהאָלפֿן געצלען אויפֿ־שטעלן זיך, פֿאַרוואָרפֿן דעם קראַנקנס האַנט איבער זיינע אַקסלען, און ביידע זענען זיי דערגאַנגען צו אַ שייער און געהאָלפֿן געצלען אַרויפֿקריכן אויף אַ בוידעם מיט שטרוי.

ווער איז דער פֿויער וואָס האָט זיך פֿאַר אים באַוויזן ווי אַ מענטש? זענען דאָ נאָך אַזעלכע אין דעם לאַנד? פֿאַרשטייט ער נישט, אַז אין אַזאַ צושטאַנד קען מען געפֿינען נאָר אַ פֿאַרוואָגלטן ייִד? געצלען איז שווער געווען צו גלייבן, אַז דאָס געשעט טאַקע מיט אים, און אַט דערפֿילט ער דעם פֿויער לעבן זיך מיט אַ טאָפּ וואַרעם וואַסער און ער הייסט אים וויקן דעם פֿוס. געצל האָט אַרומגעוואַשן די ווונד, פֿאַרבונדן מיט אַ שטיק אַרבל פֿון אַ צע־ריסן העמד. אַ שיסל מיט געקאָכט עסן האָט געצלען געשטאַרקט. אַ זאַטער, מיטן אַרומגעבונדענעם פֿוס, האָט אים דער פֿויער אַריינגערעדט אין פּנים:

— איך פֿאַרשטיי, ביסט אַ ייִד... אַן אונדזעריקער וואָלט נישט געלעגן אַזוי אויף הפקר, ווי אַ היימלאָזער הונט, אָבער פֿאַר מיר ביסטו אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס מ׳טאָר נישט לאָזן אויסגיין. אויך מיין ווייב איז מיט אַ גוט האַרץ. אַנדערע מענטשן זענען איצט שלעכט, קאַרג, און גרייט צו זינדיקן, צו מאָרדן. אָבער אַ גוטער מענטש בלייבט זיין גאַנץ לעבן גוט, אַזוי ווי איך מיט מיין ווייב. ווי גאָט איז מיר ליב, קיין קינדער האָבן מיר נישט, קיין סך מאָרגעס פֿעלד אויך נישט, העלפֿן אַ געפּאַנגענעם מענטש — יאָ!

געצל האָט דערפֿילט לעבן זיך דעם אָטעם פֿון אַן ערלעכן מענטש. און נישט נאָר זיין אָטעם. אויך דאָס קלאַפּן פֿון אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ האָט ער דערפֿילט. געמיינט, אַז ער איז שוין אַ פֿאַרלוירענער, און פּלוצעם אַזאַ אומגעריכטע באַגעגעניש אין די שווערסטע טעג זיינע. יעדן מאָל ווען ער ווערט דורך עפּעס אַ נס געראַטעוועט פֿון טויט, הייבט ער אָן מער גלייבן אין ניסים און באַקומט אַ ווילן צו לעבן. ווי יעדן מאָל, ווען ער קומט אַרויס פֿון

אַ געפּאַר, האָט געצל אויך איצט זיך דערמאָנט אין זיין טאַטנס אַ ווערטל: „יעדער מענטש מיט זיין מזל". אין וואָס באַשטייט זיין, געצלס, מזל? געצל האָט זיין איינזאַמקייט אין די שלאָפלאָזע נעכט אויסגעפּילט מיט טראַכטענישן. האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין טאַטע האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קמיע, אַ געדעכעניש פון זיין אָנטייל אין דער באָלשעוויסטישער מלחמה. די קמיע האָט ער געפונען ערגעץ אין אַ פאַרלאָזן שטעטל און מיטגעטראָגן מיט זיך אין אַלע קאַמפן. ווי נאָר זיין לעבן איז געווען אין סכנה האָט ער מיט די פינגערשפּיצן באַרירט דאָס קיילעכדיקע שטיקל מעש מיט אַ לעכל אָנצוהענגען. ווער ס׳האָט דאָס געטראָגן, וועמען די קמיע האָט געהערט, איז קיין סימן נישט געווען, נאָר געוווּסט האָט זיין טאַטע, אַז דאָס האָט זיך געפונען אין ייִדישע הענט, ווייל ייִדן גלייבן אין סגולות פון אַ קמיע.

אויפן בוידעם, ליגנדיק אינעם שטרוי, אין מינוטן פון אָפּגע־לאָזטער שפּאַנונג האָט געצל זיך דערטראַכט, אַז אויך ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ קמיע. נישט אין וועסטל־קעשענע, ווי זיין טאַטע, נאָר זי גייט אים נאָך אין געשטאַלט פון אַ ייִדישן אות — אַ גימל. דערמאָנענדיק זיך די נעמען פון זיינע אבות, ביז זיין זכרון האָט אים געדינט, האָבן זיי אַלע זיך אָנגעהויבן מיט אַ גימל: זיין טאַטע — גרשון, די מאַמע — גיטל, די באָבע — גאָלדע, דער זיידע — גדליהו, דער עלטער־זיידע — געצל וועמענס נאָמען ער טראָגט... אויך דער גוייִשקער נאָמען זיינער, וואָס ער האָט זיך פאַראייגנט — גזשעגאָזש גורסקי, נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם גוייִשקן שכן אין שטעטל גריצע, ווייזט דעם גימל. איז עס אַ צופאַל? האָט עס נישט צו טאָן מיט באַשערטקייט? געצל האָט שוין געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן, און אויף וואָס צו האָפן...

ס׳איז צו אים אַרויפגעקומען דער פויער. געצל האָט שוין געוווּסט אַז מ׳רופט אים קרול, אַן אינוואַליד פון געבוירן מיט אַ קרומען פוס, שפּעט חתונה געהאַט מיט אַן אַלטער פאַרזעסענער אַרעמער מויד. פירט אַ שטיל אָרעם לעבן אין זיין כאַטקע מיטן

שטרויענעם דאַך. אין דאָרף קוקט זיך קיינער אויף אים נישט אום, מיט קיינעם רעדט ער נישט. מיט קיינעם האָט ער נישט קיין קאָנ־טאַקט, אַחוץ מיט זיין פֿאַרעלטערט ווייב ביים ליימענעם קיכל. אויך ווען ער גייט זונטיק אין קאַשטשאָל איז ווי קיינער וואָלט אים נישט געזען. ציט ער נישט פֿאַר קיינעם דאָס היטל אַחוץ פֿאַר דעם היוכן, אויף שוואַרץ געפֿאַרבטן צלם מיטן גלאַנציקן יעזוס־בילדל, גאָר הויך דאָרטן ווו די צוויי עקן מיט די באַזיל־בערטע שפּיצן אין דער ברייט ווי צענומענע הענט.

קרול האָט געצלען גערופֿן מיט זיין גוייִשקן נאָמען, וואָס איז אים, דעם פֿויער, לייכטער און ליב געווען אַרויסצוזאָגן. ס׳זענען אַריבער טעג און דער פֿויער האָט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן צוועק פֿון זיין ליגן אויפֿן בוידעם. ער האָט דעם ייִד באַזאָרגט מיט עסן, נישט באַקומענדיק קיין פּרוטה און נישט געשטערט יע־נעמס רו.

אויפֿן בוידעם האָט געצלען אָפּט געצויגן צו די שפּאַרעס צווישן די ברעטער. פֿון דאָרטן פֿלעגט ער אָפּט זען ווי קעץ און הינט לויפֿן פֿריי אַרום, געזען קרולן ביי דער אַרבעט און אים מקנא געווען זיין רויִקן, געמיטלעכן גאַנג אַלע טאָג אויף זיינע אויסגעטראָטענע שטעגן. ווען דער פֿויער האָט איינגעשפּאַנט דאָס פֿערד אין וואָגן, האָט עס געצלען דערמאָנט אין דעם ייִדישן בעל־עגלה מיט דער צעפֿאַטלטער באָרד, וואָס פֿלעגט אים מיט זיין טאַטן פֿירן אין דער אָנגעשטאָפּטער בויד מיט ווינטערדיקע בורקעס און לייכטע אָנצוגער אויף ירידן, אויף מערק. אַרויסגעפֿאָרן אין די פֿאַרטאָגן און צוריקגעקומען אין נאַכטיקן טונקל איבער שטיינערנע און ערדענע וועגן. זיי זענען געפֿאָרן אויף סקריפּנדיקע וועגענער, געשלעפּט פֿון אויסגעדאַרטע פֿערדלעך. ס׳זענען זיי נאָכגעפֿאָרן זייערע שטעטלשע שכנים — די היטלמאַכערס מיט שטויסן גראַנאַ־טענע היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס, פֿאַרפּאַקטע אין קאַסטנס, די שוסטערס מיט נייע גלאַנציקע שטיוול, פֿאַרווייז צעשטעלטע, און דער ריח פֿון פֿרישן לעדער האָט דערמאָנט אין די ענגע

אָרעמע שטיבלעך, אין קעלערן און בוידעם־שטיבלעך, ווו ביי פּאַר־קאַפּטשעטע נאַפט־לעמפּעלעך האָט מען זיי אויסגעפּאַרטיקט. פון דעם אַלץ איז געצלען געבליבן זיך צו דערמאָנען. איצט ליגט ער אויפן בוידעם, אָנגעשפּאַנט צו יעדן שאָרך.

קרול האָט זיך באַוויזן אויפן בוידעם מיט ליידיקע הענט. געצל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אים עפּעס איבערגעבן. די נייגע־ריקייט האָט געצלען געשראָקן. געוואָלט אָפּלייענען עפּעס פון פויערס פּנים. אין אַ שטילן שמועס האָט זיך געצל דערוווּסט, אַז קרול האָט פאַר אים געשאַפן אַ וועג צו די פּאַרטיזאַנער.

— רוסישע אָדער פּוילישע ?

— וואָס מיינסטו מיט דיין פראַגע ? יעדער וואָס נעמט נקמה אין די גערמאַנצעס איז אַ פּאַרטיזאַן.

געצל האָט דעם פויער דערציילט די געשיכטע מיט זיין ביקס און דעם ערשטן צונויפטרעף מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער. ביי קרולן האָט די מעשה אַרויסגערופן בייז בלוט :

— נישט קיין פּאַרטיזאַנער, נישט קיין פּוילישע פּאַטריאָטן זענען זיי, נאָר קורוועסינעס, רויבער. ביי אונדז געפינען זיך די פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין די דערפער, אין די כאַטעס, ביי טאָג מיטן אַקער־אייזן אין פעלד, ביי נאַכט מיט דער ביקס אין וואַלד.

קרול האָט גערעדט וועגן רוסישע פּאַרטיזאַנער, אַנטלאָפענע פון דייטשישער געפאַנגענשאַפט, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ גרויסער מחנה אין וואַלד. פון נאַכט־אָנפאַלן האָבן זיי דער־אָבערט די ערשטע ביקסן. געהיימע סאָוויעטישע עראָפּלאַנען האָבן זיי באַזאָרגט מיט נאָך געווער. איצט זענען זיי אַ גרויסע קעמ־פערישע מחנה, וואָס פאַרשאַפט די דייטשן אַ סך צרות. ער, קרול, איז מיט זיי אין קאָנטאַקט, ברענגט זיי אינפאָרמאַציעס. האָט ער געצלען פאַרזיכערט, אַז ער וועט אים פאַר זיי פאַרשטעלן ווי אַ פּאָליאַק, וועלן די רוסן צו אים האָבן צוטרוי, ער זאָל זיי נישט דערציילן די מעשה מיט דער ביקס, אַנישט וועלן זיי קוקן אויף אים ווי אַ פּחדן און נישט וועלן מיט אים רעדן.

— אַרומגערינגלט פֿון אַזוי פֿיל שונאים, וואָס האָב איך גע־קאָנט טאָן ?

— אַ פּאַרטיזאַן הייבט נישט אויף די הענט, ער קעמפֿט ביז ער פֿאַלט. אַזוי פֿאַרשטייען די מענטשן פֿון וואַלד.

געצל האָט זיך פֿאַרטראַכט און געבעטן קרולן נאָך איין נאַכט אים לאָזן אויפֿן בוידעם. קרול האָט איינגעשטימט און רוּיִק זיך אַראָפּ־געשאַרט פֿון בוידעם. געצלס מחשבות זענען שוין געווען ווייט פֿאַרלאָפֿן. ער וועט מיט ליידיקע הענט נישט גיין צו די פּאַרטי־זאַנער. ער מוז באַווייזן זיין קאָמפּס־פֿעיִקייט.

ביי נאַכט האָט זיך געצל אַריינבאַקומען אין דער קוזניע פֿון דאָרפֿישן שמיד, וואָס ער האָט דורך די שפּאַרעס אויסגעקוקט, גע־זען ווי דער שמיד לאָזט אויף דער נאַכט די קוזניע־טיר בלויז מיט אַ פֿאַרבויגן שטיקל דראָט. געצל האָט ביי נאַכט אויסגעטאַפּט אין דער קוזניע אַ גרויסן שליסל, מיט דעם אַוועק צו די באַנליניעס, זיך איינגעגראָבן אין אַ באַהעלטעניש, אָבסערווירט דעם פֿינצטערן אַרום און אויפֿגעכאַפּט דעם מינדסטן גערויש, וואָס האָט זיך דער־טראָגן צו זיין אָנגעשפּיצטן געהער.

ליכטצייכנס האָבן זיך באַוויזן, געוואָרן בולטער, געלאָפֿן פֿאַרויס איבער די באַנליניעס. אַ גערויש פֿון לויפֿנדיקע רעדער האָט זיך צעטראָגן אין פֿינצטערן אַרום. אַ קליין לאָקאָמאָטיוול האָט אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן, מיטגענומען מיט זיך דעם שניידיק שאַרפֿן אָפּהילך, וואָס איז פֿאַרשוווּנדן אין פֿינצטערן חלל.

געצל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן איינציק וואַגאָנדל וואָס קאָנטראָלירט די ליניעס. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס קאָנ־טראָל־וואַגאָנדל דאַרף צוריקלויפֿן אָדער אַ צוג דאַרף אָנקומען. לאַנג האָט ער נישט געדאַרפֿט וואַרטן, און דאָס וואַגאָנדל איז טאַקע דורכגעלאָפֿן אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג. די אָנגעצויגענע גע־שפּאַנטקייט האָט געצלען אַ יאָג געטאָן. ווי אַ שלאַנג האָט ער זיך געשאַרט איבער זאַמדן און דערקראָכן צו די רעלסן. מיט אימפּעט האָט ער צעשרויפֿט און פֿונאַנדערגערוקט די רעלסן, און שטיל

פאַרשוווּנדן. די נאַכט האָט אים געשיצט פון בייזע אויגן. ער האָט געדריקט צו זיך דעם לאַנגן שליסל, דעם איינציקן באַגלייטער און מיטהעלפער ביי זיין דרייסטן אויפטו. שוין דאָס צווייטע מאָל — צו ערשט ביים דעראָבערן די ביקס, און דאָס צווייטע מאָל, איצט, אין זיין מוטיקן דורכפירן דעם סאַבאָטאַזש, וואָס ער האָט אַליין, אָן ווערמענס באַפעל דורכגעפירט. אים האָט געמוטיקט דער געדאַנק, אַז ער וועט איצט גיין צו די פּאַרטיזאַנער נישט מיט קיין ליידיקע הענט. דער שליסל און די צעקאַליעטשעטע הענט וועלן פאַר אים גוט זאָגן.

ווען אין דאָרף האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אין דער נאַכט איז אַ לאַנגער צוג מיט אַמוניציע און מיט אַ סך סאָלדאַטן אַראָפּ פון די באַנרעלסן און גורם געווען געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע, איז קרול געווען דער ערשטער וועמען געצל האָט דערציילט, אַז ס'איז זיין אַרבעט. דער שטאַרקער אויפרייס וואָס האָט אַ טרייסל געטאָן דאָס גאַנצע דאָרף, איז פון זיין סאַבאָטאַזש, וואָס ער האָט באַוויזן אין דער נאַכט דורכצופירן. קרולן האָט געצלס דערציילן אויסגעזען פאַנטאַסטיש, צוגעטראַכט ערב זיין אַוועקגיין. נאָר זיין געבוי דערציילן, די סימנים אויפן שליסל פון זיין שכן, דעם שמיד, די צעקאַליעטשעטע פינגער האָבן דעם פויער איבערצייגט:

— גזשעגאָזש, וועסט זיין אַ גוטער און דרייסטער פּאַרטיזאַן! שווער מיר צו גלייבן, אַז עס רעדט צו מיר יענער אַוועקגעפאַלענער מיט די צעשראָקענע אויגן, שווער, שווער צו גלייבן...

דריקנדיק דעם פויערס האַנט האָט געצל מיט שטאָלץ געזאָגט:

— אויב מיין לעבן וועט מיך דערפירן צו גרויסע אויפטוען קעגן אונדזערע דייטשישע פיינד, וועט עס פאַר מיר באַדייטן ווי איר, גוטער מענטש, נעמט אָנטייל אין דעם. איצט בין איך גרייט מיט אייך גיין צו די פּאַרטיזאַנער.

✶

אין דעם פרימאָרגן האָט קרול ווייניק זיך אָפּגעגעבן מיט זיין פּאָלוואַרק, ער האָט נאָר באַזאָרגט מיט עסן די קו, דאָס פערד, דעם חזיר. אים איז נישט אַרויס פון קאָפּ געצלס אָפּגעטאָן „שטיקל אַרבעט", וואָס נאָך דעם וועלן זיכער קומען נקמה־אַקטן, די דייטשן זענען נישט מוותּר. קרול האָט צוגעאיילט געצלס אַוועקגיין. נאָך אין די פריִע שעהען פון זעלבן טאָג האָט געצל פאַרלאָזט דעם בוידעם, ער איז אַוועק צום וואַלד, צונויפגעטראָפן זיך מיט קרולן אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט. ביידע זענען דערגאַנגען צו דער באַזע פון די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן קרולן אויפגענומען ווי זייערס אַ מענטש. די פּאַרטיזאַנער האָבן נאָך נישט געוווּסט וועגן דער באַן־קאַטאַסטראָפע. זיי האָבן בלויז געהערט דעם אויפרייס.

ווען קרול האָט פאַר די פּאַרטיזאַנער פאַרגעשעלט דעם שמאָל־פּלייציקן „פּאָליאַק" מיט נאַיִווע אויגן אויפן בלאַסן פּנים, האָבן זיי זיך פאַרחידושט איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן אויפן ווונק זיך איבערגעפרעגט: „אָט דאָס דראָבנע מענטשל?" אָבער קרולס אינ־פאָרמאַציעס האָבן זיך שטענדיק אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיקע און פּינקטלעכע. אויך דער שליסל מיט געצלס צעדראָפּעטע הענט האָבן פאַר דעם עדות געזאָגט.

ס'איז אַוועק אַ סעריע מיט פּראָגעס, ווער און פון וואַנעט ער קומט. וואָס האָט אים געצוווּנגען פאַרלאָזן זיין שטענדיק וווינאָרט. דער קאָמענדאַנט, אַ מיטל־יאָריקער רוס, אַ געוועזענער אָפיציר, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט ווי אַ פּשוטער סאָלדאַט און דערמיט זיין לעבן געראַטעוועט, האָט זיך שווערלעך צונויפגערעדט מיט געצלען און מיט קרולן. שוין ווי אַן אויסגעפּרוּווטער סאָלדאַט האָט ער געזען אין געצלען אַן ערנסטן קעמ־פער. ער האָט איינגעשטימט אים אַריינעמען צו די פּאַרטיזאַנער, וואָס באַטייליקן זיך אין די געפערלעכסטע אויפגאַבעס. געצל מיט קרולן האָבן זיך פריינדלעך און מענעריש געזעגנט.

נאָך אין זעלבן טאָג זענען די דערפער נאָענט צום אָרט ווו ס'איז פאָרגעקומען די באַן־קאַטאַסטראָפע, באַפאַלן געוואָרן פון

דייטשישע שטראָף־עקספּעדיציעס. זייערע נקמה־אַקטן האָבן פאַר־שאַפט קרבנות, אַרעסטן און שרעק. געהיימע הענט האָבן פאַר־שפּרייט בלעטלעך און געוואָרנט די דייטשן, אַז פאַר רודפן און מאָרדן די באַפעלקערונג וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט די סאַבאָטאַזש־אַקטן, וועלן זיי טייער באַצאָלן. אַרעסטירטע פּויערים זענען פאַרשוווּנדן, אָן לאָזן נאָך זיך אַ לעבעדיקן צייכן.

אין די טעג זענען פאָרגעקומען אינטענסיווע באַראַטונגען אין וואַלד, פּוילישע ווידערשטענדלער זענען אָנגעפאַלן אויף די שאָסייען, די רוסישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך באַראַטן, ווי אַזוי ענטפערן אויף דעם דייטשישן טעראָר. געצל־גזשעגאָזש האָט זיך באַ־טייליקט אין אַזאַ באַראַטונג און פאָרגעלייגט אויפצורייסן דאָס הויז, ווו עס זיצט דער שטאַב וואָס פירט אָן מיטן פּאָגראָם אין די דער־פער. געצלס פאָרשלאָג האָט אויסגעזען צו זיין אַ גוטער אָבער שווער דורכצופירן. אין שטאָט איז יעדע באַוועגונג אונטער אַ קאָנטראָל. אַלע פאָרשלאָגן האָבן אויסגעזען ווי אַ זעלבסטמאָרד־פּרוּוו, אויך דערביי האָט געצל איבערראַשט מיט אַ גוטן איינפאַל — דער אויס־פירער פון פּלאַן זאָל זיך איבערטאָן ווי אַ קוימען־קערער, כּלומרשט וועט ער קומען רייניקן די סאַזשע פון די קוימענס אויפן דאַך און פון דאָרטן אַראָפּלאָזן אַ הענגענדיקע אויפרייס־באָמבע.

געצלס פאָרשלאָג האָט אויסגעזען צו זיין דער בעסטער — מיט ווייניקער געפאַרן און מיט גרעסערע האָפענונגען אים דורכ־צופירן. מ׳האָט נאָר געדאַרפט אויסזען ווי אַ ריכטיקער קוימען־קערער. אויך קרול איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין געצלס פּלאַן. ער האָט פאַרשאַפט די קליידער מיטן לאַנגן שטריק. קיילעכדיקע שטיינער זענען באַצויגן געוואָרן מיט לאַנג־האָריקע שטיקלעך פעל מיט אַן אויסזען פון די קיילעכדיקע בעזעמער. דער אויספירער פון פּלאַן איז באַשטימט געוואָרן גזשעגאָזש, וואָס האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער אַקציע.

אין איינעם אַ טאָג איז דער „קוימען־קערער״ געקראָכן איבער די דעכער אין שטעטל, ביז ער איז דערגאַנגען צום הויז פון דער

„ווערמאַכט" און געפרעגט ביי דער וואַך, צי ס'איז נייטיק אויך ביי זיי קוימענס צו רייניקן. דער זעלבער איז אַריין פרעגן און צוריק געקומען מיט אַן אָפיציר, וואָס האָט אָנגעקוקט דעם קוימען־קערער. דער וואַכמאַן האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן דעם לייטער. געצל האָט זיך רירעוודיק אַרויפגעדראַפּעט אויפן דאַך צום קוימען. אין דער שוואַרץ־פאַררייכערטער עפענונג האָט ער געהויבן און אַראָפּגעלאָזט דעם שטריק אין דער עפענונג. געענדיקט „רייניקן", איז געצל אַראָפּ מיט איין באַרשט ווייניקער...

ביים טייכל הינטערן שטאָט, האָט געצל אָפּגערייניקט פון זיך דעם „גרים", איז אין וואַלד צוריק אַריין ווי „גשזעגאָזש דער פּאַר־טיזאַן", וואָס האָט דעם קאָמאַנדיר ראַפּאָרטירט וועגן דערפאָלג פון זיין שליחות. דער קאָמענדאַנט האָט אים געלויבט פאַר זיין מוט, קאַמפּס־פעיִקייט, אים דערנענטערט צו זיך, מיט אים זיך באַראַטן וועגן ווייטערדיקע פּלענער. דער יִדישער קאָפּ, האָט געטראַכט דער קאָמאַנדיר, וועט אים נוצן ברענגען און האָט זיך נישט גענאַרט. געצל האָט פאַרטראַכט סאַבאָטאַזש־פּלענער און מיט דעם דערפירט די מחנה פּאַרטיזאַנער צו גרויסע דערפאָלגן. דאָס האָט געהויבן אָנזען ביי דער ציווילער באַפעלקערונג און אַרויסגערופן אומרו ביי די דייטשן. געצלס אָנערקענטע פּאַרדינסטן האָבן זיך געצויגן פון אויפרייסן דעם שטאַב־בנין, ווו ס'זענען אומגעקומען די פלאַנירער און באַפעל־געבער פון די שחיטות אין די אַרומיקע דערפער.

די קריגס־געשעענישן האָבן אָנגענומען אַן איבערראַשנדיקן פאַרלויף. דער אָנגעקומענער ווינטער, די סיבירער אַרמייען האָבן אָוועקגענומען פון די דייטשן זייער ביז איצטיקע מיליטערישע אי־ניציאַטיוו. די געהיימע ראַדיאָ־ידיעות האָבן איבערגעגעבן וועגן טיפע דורכברוכן אין דייטשישן פראָנט אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, וועגן פּאַרטיזאַנער־איינהייטן וואָס פאַראייניקן זיך מיט דער פאָרויסגייענדיקער רויטער אַרמיי, וועגן בהלהדיקן צוריקצוג אויף מערב פון די געשלאָגענע דייטשישע חילות. אין די פּוילישע

געביטן זענען די פּאַרטיזאַנער נאָך געווען אין מיטן פון זייערע קאַמפּן.

אויך ווו געצל האָט זיך געפונען זענען די קאַמפּן געווען אין פולן ברען. ערשט ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט און אין וואַלד האָבן אָפּגעהילכט די אויפרייסן און די שאָסן פון סאָוועטישע האַרמאַטן, האָבן די דייטשן זיך צוריקגעצויגן, לאָזנדיק נאָך זיך פאַרברענטע דערפער, חרובע שטעט, זענען די פּאַרטיזאַנער אַרויס פון די וועלדער און זיך פאַראייניקט מיט די פאַראויסגייענדיקע סאָוועטישע אַרמיי־טיילן. געצלען האָט דער מלחמה־שטורעם פאַר־טראָגן ביז וואַרשע. צוויי מאָל איז ער לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן און ווייטער געקעמפט. ביי דער ווייסל האָט דער סאָוועטישער אָנגריף זיך צייטווייליק פאַרהאַלטן.

פון ביידע זייטן ווייסל איז געווען שטיל, געצלס אויגן האָבן זיך איינגעגעסן צו דער צווייטער זייט, צו דער פּאַרשטאָט פּראַגע. וואַרשע האָט געברענט! זיין יוגנט־שטאָט שטייט אין פלאַמען! ביי טאָג וויקלען זיך גערדיכטע וואָלקנס רויך. רויטע פייערצונגען ציִען זיך צום הימל ווי פון ווולקאַן־אויפרייסן. ווינטן צעיאָגן די שריפות אָזש איבערן ווייסל. ס׳האָט אויסגעזען ווי דער טייך וואָלט געברענט. ס׳רייטלען זיך די פּנימער ביים קוקן אויף די ברענענדיקע הייזער. געצלס האַרץ קלעמט פון עגמת־נפש אָנקוקנ־דיק די אויסגייענדיקע וואַרשע. ער פרישט אָפּ זיין פּנים מיט אַ ביסל וואַסער פון טייך. די פאַרטונקלטע אויגן קוקן אַריין אין וואַסער. ער דערזעט דאָס באַוואָקסענע פּנים זיינס און אים איז פאַרגעקומען, אַז דאָס איז נישט ער, נאָר אַ פרעמדער, אַן אומ־באַקאַנטער. ער האָט אויף דעם פרעמדן באַקומען רחמנות: דער פריִערדיקער פאַרטיזאַן און איצטיקער סאָוועטישער סאָלדאַט האָט קיינעם נישט לעבן זיך פון זיינע פריִערדיקע קאַמפּס־חברים. אָבער אויך יענע וואָלטן נישט פאַרשטאַנען זיין באַזונדערן ווייטיק.

פלוצעם האָט געצל דערפילט לעבן זיך אַ מענטש, וואָס איז

צוגעקראָכן צו אים. דאָס איז געווען אַ סאָלדאַט מיט ברייטע אַקסלען, אין אַ לאַנגן שינעל.

— וואָס טראַכסטו, טאָוואַרישט, ביי דער ברענענדיקער וואַרשע ?

— ס'איז דאָ וואָס צו טראַכטן...

— אָ, ביסט נישט קיין רוסישער. אַ פּוילישער. רעד, רעד, איך פאַרשטיי דיין לשון. מיין טאַטע האָט געשטאַמט פון פּוילן. קיין רוסלאַנד געקומען מיט זיין פּוילישן לשון, דעריבער בין איך מיט מיין נאָמען סערגיי — אַ רוס, און מיט מיין פאַגאַזשעלסקי — אַ פּאָליאַק. איז עס נישט קאָמיש ?

— פאַר מיר — האָט געצל זיך אויפגעזעצט — קלינגט עס זייער שיין. זענען מיר דריי. איין רוס מיט צוויי פּוילישע...

ביידע האָבן אויפן קול געלאַכט און ביידע האָבן זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס לאַכן זייערס זעט אויס ווי אַ חוזק אַנטקעגן דער שׂריפה אויף דער צווייטער זייט ווייסל. זענען ביידע שטיל געבליבן, נאָר סערגיי האָט נישט פאַרטראָגן דאָס שווייגן :

— נו זאָג עפּעס, מ'קאָן דאָך דאָ משוגע ווערן. נישט רעדן, נישט שיסן, נישט לאַכן און נישט שלאָפן.

— מיר איז שווער צו רעדן, ווען איך זע ווי מיין יוגנט־שטאָט ברענט פון אַלע זייטן. פאַר וואָס, סערגיי, זענען מיר דאָ שטיין געבליבן ? אפשר פאַרשטייסטו בעסער ?

— הערסט דאָך די אויפרייסן דאָרטן. דיינע פּאָליאַקן זענען אויפגעשטאַנען, נו, זאָלן זיי אַרויסטרייבן די גערמאַנצעס פון שטאָט, אויסהענגען זייערע נאַציאָנאַלע פענער. זאָלן זיי ווייזן וואָס זיי קאָנען. דיינע פּוילישע העלדן וואָס האָבן נאָך היטלערס אריינמאַרש געקעמפט נאָר עטלעכע טעג און קאַפּיטולירט.

געצל האָט געשוויגן, געשמייכלט, און אַראָפּגעקוקט צום פליסנדיקן וואַסער.

— וואָס טראַכסטו איצט ? — האָט סערגיי מיט אַ לייכטן טאָן געפרעגט.

— איצט, ווען איך קוק אויף דער ווייסל, אויפן פליסנדיקן

וואַסער, טראַכט איך וועגן פרידן. ווען איך קוק אויף די שריפות נעמט מיך אָן אַ קאַלטער שוידער, אַ ווייטיק.

סערגיי איז געוואָרן ערנסטער, זיין טאָן קעמפערישער:

— אַז מיר וועלן אַריבער אויף דער צווייטער זייט ווייסל, וועלן אין וואַרשע פלאַטערן רויטע פענער און זי וועט שוין מער קיין מאָל נישט ברענען. וועסט געפינען דיין היים, דיינע אייגענע. דערווײַלע, ווי לאַנג דער קריג דויערט, וועסטו צו זיי בענקען.

געצל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— נאָך וועמען בענקען, אַז איך בין געבליבן אַליין. אָן אַ היים, אָן אַ משפּחה.

סערגיי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרחידושטע אויגן:

— אַ סאָלדאַט טאָר נישט זאָגן, אַז ער איז אַליין. קוק זיך אַרום ווו דו געפינסט זיך, צווישן אַזוי פיל סאָלדאַטן. ביסטו אַליין? אויך דיין פוילישע היים וועט באַפרייט ווערן. דערווײַלע קעמפן מיר אויף דער פוילישער ערד. ס'איז קריגסצייט, אָבער צו דיין היים דאַרפסטו בענקען. אויב האָסט נישט קיין היים, איז פאַר וועמען קעמפסטו, סאָלדאַט? פאַר אונדז איז די ערד פרעמד, פרעמד די ברענענדיקע שטאָט, אָבער דיר דאַרף אַלץ אַנדערש אויסזען.

מיט צונויפגעצויגענע ליפּן איז געצל געבליבן זיצן, געקוקט אויף דער ווייסל, זיך איינגעהערט אין שטילן גערויש פון וואַסער, ווי קיינער וואָלט לעבן אים זיך נישט געפונען.

פאַר סערגייען האָט דאָס אויסגעזען מאָדנע פרעמד און נישט ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָלדאַט. געצלס שווייגן האָט פאַר אים עפּעס באַדייט, נאָר סערגיי האָט עס נישט פאַרשטאַנען און דאָס האָט אים געמאַכט צודרינגלעך־נייגעריק:

— זאָג מיר, סאָלדאַט, וואָס באַהאַלטסטו אין זיך? אַ רוס איז אַן אָפענער מענטש, האָט אַן אָפן האַרץ. סאָלדאַטן וואָס טראָגן זיך אַרום מיט סודות, זענען פאַרדעכטיקע מענטשן. זיי אָפן, דערצייל וואָס קלעמט דיך, וועלן דיך מענטשן פאַרשטיין און האָבן צוטרוי.

געצל האָט זיך אומגעקוקט צו סערגייען:

— און אַז איך וועל פֿאַר דיר מיין האַרץ עפֿענען, וועסטו מיך פֿאַרשטיין?

סערגיי האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין דער ברוסט:

— יאָ! איך וועל דיך פֿאַרשטיין!

געצל האָט צוזאַמענגעצויגן דעם שטערן, זיך אַ ביסל פֿאַר־טראַכט, דער צווייפֿל איז פֿון אים אַוועק, און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע — פֿון זיין אַמאָליקער יִדישער היים וואָס איז חרוב ונחרב געוואָרן דורך די דייטשן. ער האָט אָנגעוויזן אויף די שׂריפֿות. די פֿייערן וועלן זיך אויסברענען, אָבער די מענטשן וועלן דאָס מאָל בלייבן. דאָס יִדישע געטאָ האָט אָבער געברענט מיט די מענטשן. מיט אונדז איז געשען דאָס ערגסטע.

— נו, איצט, סערגיי, וועסטו מיך פֿאַרשטיין?

סערגיי איז געזעסן שטאַר, געקוקט אויף געצלען און אים געענטפֿערט:

— ריכטיק, גזשעגאַזש, דאָס איז מיר שווער צו פֿאַרשטיין. איך וועל דיר אָנווייזן אויף אונדזער סאַניטאַר פֿון פֿעלד־שפּיטאָל, רעד זיך מיט אים צונויף, ער וועט דיך גוט פֿאַרשטיין, ער איז פֿון דיין פֿאָלק...

סערגיי איז אַוועק צו זיין אָרט, צו זיינע מענטשן, און געצל איז געבליבן מיט זיך...

שפּעטער איז צו געצלען צוגעקומען אַ סאָלדאַט מיט אַן אָפּ־צייכן פֿון „גיכער הילף". אַ ביסל אָפּגערוקט איז געזעסן סערגיי, וואָס האָט דעם סאַניטאַר אָנגעוויזן אויף געצלען. דער הויכער סאָל־דאַט האָט אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט מיט אַ זאָג, וואָס איז פֿריי אַרויס פֿון מויל:

— נאָך אַ ייִד צווישן אַזוי פֿיל גוייִם?

געצל האָט דורך די ליפּן דורכגעלאָזט אַ שטילן ש—ש—ש...

— שעמסט זיך מיט דיין ייִדישן אָפּשטאַם?

— איך שעם זיך נישט, איך האָב מורא...

— האָב „זיי" אין דער ערד!

געצל האָט נישט געפונען קיין מנוחה ביז דער סאַניטאַר האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ נידעריקער שטים. דער סאַניטאַר איז געווען נייגעריק אויסצוהערן געצלען און ער האָט זיך דערוווּסט אַ סך פאַקטן פון יידישן חורבן אין פּוילן, וועגן וואָס ער האָט פון קיינעם נישט געהערט. שוין לאַנג נישט גערעדט יידיש און מיט געצלען בעסער געקאָנט זיך צונויפרעדן. אַלץ אויסגעהערט מיט אַ פאַר־זאָרגט פּנים און געפּרוּווט געצלען באַרויִקן:

— דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן צוזאַמען מיטן קריג.

געצלס פּנים האָט אויסגעדריקט צווייפל:

— ווייל איז די, וואָס גלייבן אין דעם. דער קריג וועט זיך ענדיקן, אַ סך יידן וועלן אומקומען, נאָר די יידן־שׂינאה וועט בלייבן...

דער סאַניטאַר האָט געשוויגן, ער האָט אַזוי געוואָלט אַרומ־נעמען דעם יידישן סאָלדאַט מיטן צעבראָכענעם האַרץ, וואָס האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט און האָט עס אים דערציילט אויף יידיש.

פּלוצעם — אַ קול אויף רוסיש:

— אָ, דאָס איז דאָך דער סאַניטאַר פּיאָטראָוו... רעדסט מיטן סאָלדאַט פּאָ יעווריייסקי?

— איז וואָס? ס׳איז פאַרבאָטן? כ׳קען אויך אַנדערע שפּראַכן.

— אַ יידישער קאָפּ איז געלערנט...

— איז וואָס זשע ווילסטו פון מיר?

— מיר דאַרפן דיך פאַרהאַלטן און צושטעלן אין שטאַב. דאָ איז פאַרבאָטן צו שפּאַצירן. ס׳איז אַ קריגס־ליניע וואָס קאָן יעדע מינוט זיך צעפלאַקערן, נאָר ביסט אַ סאַניטאַר וואָס מ׳דאַרף צו דיר אָנקומען, איז גלייכער גיי צו דיין אָרט, האָסט מזל וואָס איך האַלט וואַך. אַנדערע וואָלטן דיר פאַרשאַפט צרות...

✶

פון דעם אַלעם וואָס געצל האָט אויסגעדערציילט פאַרן יידישן סאַניטאַר, האָט ער צערודערט אין זיך דעם „סוד" וואָס ער האָט

פֿאַר קיינעם דאָ נישט געוואָלט אַנטפּלעקן. געטאָן דאָס פֿאַר סערגייען, האָט דער רוס זיך פֿון אים דערווייטערט, אָנגעהויבן אויף אים קוקן קרום. ווי אַ פּאָליאַק, אַ גוי, איז ער געווען זיין נאָענטער קאַמפּס־חבר. ווי נאָר דערהערט אַז געצל איז אַ געראַטעוועטער ייִד, האָט ער אים מער נישט געוואָלט קענען. סערגיי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז אין פּוילן ווו די נאַציס האָבן געהערשט, איז שוין מער קיין ייִד נישט פֿאַרבליבן. איז פֿאַר אים געווען אַ ביטערע אַנטוישונג, ווען ער האָט אויף אַזאַ זיך אָנגעטראָפֿן. צום „יעווריייסקן" סאַניטאַר מוז ער אַ מאָל אָנקומען. אויף יענעם דערקענט מען נישט זיין ייִדישקייט. דער נאָמען פּיאָטראָוו, זיין רוסיש רעדן, זיין באַדינען אַ קראַנקן, אים קאָן נאָך סערגיי פֿאַרטראָגן. נאָר גזשעגאָזש, דער מאַסקירטער ייִד, איז סערגייען געוואָרן אָפּשטויסנדיק.

געצל האָט דאָס קלאָר געזען, אָפּגעפֿילט. האָט ער אויך דעם רוס אויסגעמיטן. זיך איבערגעטראָגן ווייטער, טיפֿער צווישן סאָלדאַטן, וואָס ער האָט זיי נישט געקענט, אָבער אָנגעהערט צום זעלבן באַטאַליאָן מאַשין־געווער־שיסער, וואָס זענען אויף דער ערשטער פֿראָנטליניע נאָכגעגאַנגען די אָנגרייפֿנדיקע טאַנקען און פּאַנצער־וואָגנס.

אַ טאָג, צוויי, האָט זיך געצל געפֿילט ווי אַן אייגענער צווישן אייגענע, וואָס האָבן אים געקענט פֿון דער אָפּטיילונג. נאָר פּלוצעם האָט ער באַמערקט ווי מ'קוקט אים נאָך, מ'ווייזט אויף אים אָן — „פּאָלסקי יעווריי"!

געצל איז געווען זיכער, אַז אין דעם שטעקט סערגייס ייִדן־שׂינאה. האָט ער מיט אַלע זיינע פֿאַרבאָרגענע ווייטיקן געטראָגן אין זיך אויך דעם דאָזיקן ווייטיק, און געהאָפֿט, אַז ווען די פֿראָנטליניע וועט זיך אַ ריר טאָן, וועט דאָס אַלץ פֿאַרשווינדן און בלייבן פֿאַר אים נאָך איין טרויעריקער עפּיזאָד.

געווען אין זיין שיסער־באַטאַליאָן אַ געמיש פֿון פֿנימער, וואָס מ'האָט אַ טייל פֿון זיי דערקענט, אַז זיי קומען פֿון די ווייטסטע

אַזיאַטישע געביטן: ברייטע נעז, שמאָלע אויגן־שפּאַלטן, געשטופּלטע פּנימער מיט אויגן שאַרפע, ווי אָנפּליִענדיקע ווילדע פייגל. אָן דעם ריח פון וואָדקאַ האָבן אַ סך פון זיי אויסגעזען ווי מיט שיכּורע פּנימער. אַזאַ טיפּ האָט נישט געוווּסט, וואָס באַדייט דאָס וואָרט „יעוורײ". האָט עס אין זייערע אויגן געקלונגען פרעמד, נישט גע־ווּוּסט דעם באַטייט פונעם וואָרט. איז עס אַ פּערזענלעכער נאָמען, אָדער עפּעס אַ שפּאָטיש וואָרט? האָט אַזעלכער געצלען נאָכגע־קוקט און נישט געזען, וואָס זאָל אים אונטערשיידן פון אַלע אַנ־דערע, אַחוץ מיט זיין שטאַמלדיקן רוסיש רעדן.

— זאָג מיר סאָלדאַט — האָט געצלען נאַיִוו געפרעגט אײנער מיט אַן אַזיאַטיש פּנים — וואָס מיינט דאָס וואָרט „יעוורײ"? איז עס דיין נאָמען, אָדער אַ חוזק־וואָרט דיך צו באַליידיקן? זעסט דאָך אויס ווי אַלע אונדזערע סאָלדאַטן.

געצל האָט אָנגעקוקט דעם נאַיִוון מענטש און געזאָגט:

— יעוורײ באַדייט, אַז איך געהער צו אַ פאָלק וואָס די גער־מאַנצעס זענען זייערע גרעסטע פיינד, הרגענען זיי אויס, ווי נאָר זיי פאַלן אַריין אין זייערע הענט.

— דאָס אין גאַנצן? זענען דאָך די גערמאַנצעס אויך אונ־דזערע פיינד?

— דערפאַר קעמף איך מיט אײך צוזאַמען.

דער סאָלדאַט איז אָוועקגעגאַנגען פון געצלען מיט אַ פאַר־חידושט פּנים, געצויגן מיט די אַקסלען. עפּעס איז אים יאָ און נישט געוווּען צו פאַרשטיין.

צו ביסלעך איז געצל געוואָרן מיט אַ סך פון זיין אײנהייט פאַרהיימישט. די ווערטער „פּאָלסקי יעוורײ" האָט מען זעלטן ווען געהערט. סערגייס העצעס, די בייזוויליקע מסירהלעך האָבן געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג, בפרט ווען געצל איז געוואָרן אַן אָפּטער באַ־זוכער ביים סאַניטאַר, וואָס אַלע האָבן אים סאַלוטירט, און וויי־ניקע האָבן געוווּסט, אַז אויך ער איז אַ „יעוורײ", ווי עס זאָגט זיין דאָקומענט.

אין איינער פֿון די פֿינצטערע נעכט האָט געצל זיך אָנגעשטויסן אין סערגייען, וואָס איז אַרויס אויף אים מיט זידלווערטער. ביידע האָבן זיך אַריינגעזאָגט מיטן זעלבן זעלנערישן לשון. ס'איז דערגאַנגען צו אַ קריגערייַ. סערגיי איז געוואָרן אַגרעסיוו, געכאַפּט זיך שלאָגן. געצל האָט מיט זיך געהאַט די ביקס און אָנגעהויבן מאַנעווירן ביים שלאָס. סערגיי האָט זיך אָפּגערוקט, מורא באַקומען פֿאַר דעם, וואָס אַ ייִד איז אַלץ מסוגל אָפּצוטאָן.

אין דער זעלבער נאַכט האָט מען געצלען גערופֿן צום דיזשורנעם אָפֿיציר אים אויסצופֿאָרשן וועגן זיין דראָען אַ רוסישן סאָלדאַט מיט דער ביקס. געצל האָט דעם אָפֿיציר דערציילט וועגן סערגייס פֿיינדלעכע באַציִונג צו אים פֿון דאַן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ ייִד. פֿון דעמאָלט פֿאַרפֿאָלגט ער אים, באַרעדט אים, טרייבט פֿון אים שפּאָס, בעת ער האָט מיט אים קיין שום קאָנפֿליקט נישט געהאַט.

סערגיי איז פֿאַרן אָפֿיציר געווען מער באַגלייביק. דעריבער האָט געצל באַקומען אַ שטרענגע וואָרענונג אויסצומיידן אַזעלכע אינצידענטן, אויב ער וויל נישט שווער באַשטראָפֿט ווערן...

אויך דאָ, אין זיין זעלנערשן מונדיר ? אויפֿן פֿראָנט ? די זעלבע ייִדן־שׂינאה ווי אין זיין אַמאָליק ייִדיש שטעטל : „זשיד", „יעווריי", סערגייס בייזע בליקן, דאָס אַלץ גייט אים נאָך...

פֿון וואָכן ליגן אין די דערפֿער און אין די דאָרפֿישע הייזלעך זעען אַלע אויס באַרויִקטע, אויסגערוטע, נאָר ער, געצל, ליגט מיט זיין אומענדלעכן טרויער, מיטן צער, וואָס רוט אויף זיין פּנים. ער באַטייליקט זיך אין אַלע אַפּעלן, אין אַלע איבונגען, אין אַלע קאַמפֿן, צייכנט זיך אויס מיט זיין קאַמפֿסמוט. און דאָך איז ער איינזאַם אין דער גרויסער מחנה סאָלדאַטן.

ס'זענען אָנגעקומען רעגנדיקע טעג — קילע פֿאַרכמאַרעטע, מיט גראָע שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן געגנידערט צו די טליִענדיקע חורבות פֿון וואַרשע. גאַנצע טעג האָבן אָנגעהאַלטן די רעגנס. דאָס וואַסער אין ווייסל איז געוואָרן העכער, דער שטראָם —

רעשיקער און שנעלער. דער ווינט האָט אָנגעטראָגן דאָס אַש פון די אויסגעברענטע הייזער. די רעגנס האָבן צעווייקט די פעלדער.

ביי נאַכט האָט זיך געצל צוגעשלעפּט צו אַ פענצטער, געשטאַנען מיטן פּנים צו די וואַרשעווער חורבות. די רעגנס האָבן פאַרלאָשן די לעצטע ברענענדיקע נעסטן, פון וואַנען ס'האָבן זיך נאָך געצויגן שמאָלע פאַסן רויך. אָן אימהדיקע רו האָט זיך געטראָגן פון דער אויסגעברענטער שטאָט, ווי פון אַ בית־הקברות.

לעבן פענצטער איז פאַרבייגעלאָפן אַ שאָטן, זיך פאַרהאַלטן ביי די איינגעדרעמלטע הייזלעך. געלאָפן לענגויס דעם דאָרף, עפּעס אַריינגערעדט אין אָן אָפּגעלענטער טיר און פאַרשוווּנדן ווי אַ שאָטן אין אַ לבנה־נאַכט. עטלעכע מינוטן שפּעטער זענען אַלע סאָלדאַטן שוין געשטאַנען אויף די פיס, קאַסקעס אויף די קעפּ, דאָס געווער אין די הענט — גרייט צום באַפעל. געצל האָט זיך אַרומגעקוקט — סערגיי מיט אים אין דער זעלבער ריי. ער וואָלט גערן געטוישט דאָס אָרט, אָבער עס וואָלט אַרויסגערופן בייז בלוט ביים רוס.

דער לייטענאַנט ברולאָוו איז דורכגעלאָפן, געכאַפּט אַ בליק אויף די רייען, אָנגעזאָגט אַז מען מאַרשירט צו דער ווייסל. אַלע האָבן פאַרשטאַנען אַז דער לאַנגער איבעררייס אויף דעם פראָנט־אָפּשניט האָט זיך געענדיקט. וואַרשעווער שריפות האָבן אויסגעברענט און איצט וועט דער פראָנט זיך צעפלאַקערן. איבער די רייען האָט זיך דורכגעטראָגן אַ באַפעל: פאָרויס! פאָרויס! שווערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אויף דער לאַנגער, מיט שטיינער אויסגעברוקירטער גאַס און זענען שטיל פאַרזונקען ביים איבערגיין אויף ווייכער ערד.

אין אַ נעפּלדיקן פאַרטאָג האָט מען איבער דער שטילער, פאַרוואָלקנטער ווייסל אַריבערגעטראַנספּאָרטירט גרויסע סאָוועטישע כּוחות אויף דער צווייטער זייט טייך. דאָס פאָרסירן דעם טייך אויף דער מערב־זייט איז צוגעגאַנגען אָן „דונערן און בליצן". די דייטשן זענען אָפּגעטראָטן, אַנישט האָט זיי געדראָט אָן אַרומרינגלונג.

די שטאָט איז באַהערשט געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי. געצל

האָט פון פּאַנצער־וואָגן אָנגעקוקט די צעהאַקטע גאַסן און נישט געוווּסט, אויף וועלכער זייט שטאָט ער געפינט זיך. פון ערגעץ אין דער שטאָט האָט מען שוין געהערט קלינגען טראַמווייען, אויף דעם וועג האָט געצל געזען נאָר איינגעפאַלענע ווענט פון צעשטערטע און פאַרברענטע בנינים. אויף די טראָטואַרן זענען געשטאַנען מענטשן — אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע, דערשלאָגענע. זיי זענען געקומען פון די פאַרבאַריקאַדירטע גאַסן, פון חורבות, פון בונקערס. אַ סך פון זיי האָבן אויסגעזען צו זיין קראַנק, פאַרוווּנדעט, אָפּגעשוואַכט. בלוטפלעקן אויף זייערע באַנדאַזשן. זיי האָבן אויפגענומען דעם אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי מיט אַ פאַרקלעמט שטילשווייגן. אין עטלעכע ערטער באַגריסט ווער די אַריינמאַרשירנדיקע, אָבער אָן פרייד, אָן התלהבות, מיט ערנסטע פּנימער, ווי אַנקוקנדיק אומגעבעטענע געסט...

געצל איז נאָר דורכגעפאָרן וואַרשע. זיין איינהייט האָט זיך געריסן ווייטער צו דער מערבדיקער גרענעץ פון פּוילן. געצל האָט נאָר באַוויזן צו כאַפּן אַ בליק אין דער זייט פון דער שטאָט. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס וואַרשע האָט אים דערמאָנט...

סאָוועטישע באָמבאַרדירער האָבן אַטאַקירט די וועגן מיט די פונקטן, ווו די דייטשן האָבן פּרובירט זיך גרייטן צו אַ ווידערשטאַנד. די דייטשן האָבן אָבער אויסגעזען דערשלאָגענע, מידע פון די פאַרלוירענע קאַמפן, פון ציִען זיך צוריק און פאַרלוירן דעם ווילן צו פטרן דאָס לעבן אין צוועקלאָזן קאַמף.

טיף אויף מערב־זייט פון וואַרשע האָבן שטעט און דערפער געציטערט פון הערמאַטן־געהילך. סאָוועטיש מיליטער האָט מיט גוואַלדיקע אָנגריפן זיך דערנענטערט צו דער דייטשישער גרענעץ. דאָ האָבן די סאָוועטן אָנגעטראָפן אויף שטאַרק באַוואָפנטע דייטשישע מיליטער־אָפּטיילן, פריש אָנגעקומענע צו פאַרטיידיקן זייערע אייגענע גרענעצן. זיי האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף מיט אַ פאַרביסענער עקשנות, נישט צו דערלאָזן דאָס אַריינדרינגען פון די ערשטע סאָוועטישע פּאַנצער־פּאַטרולן. זייער פאַרצווייפלטער ווידער־

שטאַנד איז צעריבן געוואָרן אונטער שטאָלענע קייטן. איבער דער דייטשישער טעריטאָריע האָבן פּאַנצער־קאָלאָנעס מיט רויטע אָפּ־צייכנס פאַרסירט טייכן און וועגן פאַר דער נאַכגייענדיקער אַרמיי, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער ברייטע דייטשישע שטחים. דער וועג קיין בערלין איז נאָך קלענערע אָדער גרעסערע שלאַכטן גע־וואָרן קירצער. שטעט און דערפער זענען פאַרנומען געוואָרן אָן קאַמף. דורך לאַרנעטן האָבן זיך שוין געזען די הויכע הייזער־שפּיצן פון בערלין, אַ סך פון זיי ברענענדיקע. אין גיכן איז אַ סוף געמאַכט געוואָרן צו די האַקנקרייץ־פענער איבער בערלין...

*

געצל האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן, בלוטיק־לאַנגן וועג איבער טייכן, וועלדער, שטעט און דערפער אויף רוסישער, פּוילישער און דייטשישער ערד, געקעמפט קעגן דער נאַצישער מגיפה, איבער־געקומען אומענדלעך פיל געפאַרן, ביז ער האָט דערלעבט צו זען דאָס פאַלן פון בערלין.

ער איז געלעגן ביי זיין איינגעשטילטער מאַשין־ביקס. דער הימל איבער בערלין איז גרוי־פאַרצויגן פון רויכן, ווי נידעריק שוועבנדיקע כמאַרעס פאַר אַ רעגן. ער ליגט מיט אויפגעריסענע אויגן. זיי טוען אים שוין וויי פון קוקן, אָבער ער וויל זיי נישט צומאַכן. ער וויל נישט מוותר זיין איין רגע נקמה־פרייד. ערגעץ ווייט איבער די שריפות הערט זיך אַ צעשפּילטער אָרקעסטער. די קלאַנגען פון אַ מאַרש האָבן אים אויפגעהויבן אויף די פיס. ס׳איז געווען אַ זיגערישער מאַרש איבערן באַזיגטן נאַצישן בערלין. האָט געצל געוואָלט זיין האַרץ זאָל מיטזינגען און שיקן פריידיקע גע־פילן צו די, וואָס האָבן אים דערפירט אויף דעם אָרט. אין ברענענ־דיקן בערלין האָט זיך פאַרענדיקט זיין וועג דורך אַש און רויך.

צווישן חלום און וואָר

ווען זי איז נאָך קליין געווען, האָט מען געקאָנט זאָגן אויף מילאַן, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין אַ ויידן העמדעלע. דער טאַטע — אַ מעדיצין־דאָקטער, די מאַמע — אַ לעקטאָרין פון מאַ־טעמאַטיק אין אַ הויכשול, האָבן נישט געקאַרגט פאַר דער טעכ־טערל צערטלעכקייט און באַקוועמלעכקייטן. ווען נישט דער צווייטער וועלט־קריג וואָס האָט זי געטראָפן אין עלטער פון צען יאָר, וואָלט מילאַס לעבן זיך אַזוי געצויגן נאָך יאָרן.

דער נאַצישער אַריינטריט אין איר געבוירן־שטאָט לעמבערג האָט געמאַכט אַ שוואַרצן שטריך איבער איר ביז איצטיק זאָרג־לאָזער קינדהייט. אַנשטאָט פריידיקע טעג און רויִקע נעכט זענען געקומען שרעק און אומרו. טאַטע־מאַמע זענען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרזאָרגטע פּנימער. די יונגיטשקע מילאַ האָט אָנגעהויבן פאַר־שטיין און פילן, אַז זי געהערט צו אַ לעבן וואָס איז געוואָרן הפקר.

אירע עלטערן האָבן אַלץ געטאָן, אַז זי זאָל וואָס ווייניקער פילן די דראַסטישע ענדערונגען אין דעם ביז איצטיקן לעבן, אָבער צוזאַמען דערמיט האָט זי געדאַרפט וויסן וועגן די סכנות וואָס באַדראָען די ייִדן.

אַזוי לאַנג ווי מילאַס בעטל איז געשטאַנען אין איר באַזונדער שלאָפצימער, האָט געטליִעט די האָפענונג, אַז מען וועט איבער־לעבן די מלחמה. מילאַ האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף די עלטערן, וואָס האָבן אויסגעדריקט האָפענונג און זעלבסטזיכערקייט. ס׳האָט זיך איר צו מאָל געדאַכט, אַז זי לעבט ווידער איר פריִערדיק לעבן, צוזאַמען מיט די פּוילישע שול־חברטעס, מיט די שפּאַצירן אין די שטאָטישע אַלעען. ווען בלוט האָט זיך גענומען גיסן אויף די ייִדישע גאַסן, און די עלטערן האָבן אַריינגענומען איר בעטל צו

זיך אין שלאָפֿצימער, האָבן מילאָן אָנגעהויבן פּאַרפּאָלגן שלעכטע חלומות.

אירע צרות האָבן זיך פֿאַרגרעסערט, ווען אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ געטאָ פֿאַר ייִדן. דאָס האָט געהייסן זיך איבערטראָגן פֿון דער גרויסער באַקוועמער וווינונג אין אַ ווינקל, דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

מילאָס פֿאָטער ד״ר רעדנער איז געווען געזיכערט מיט אַ צייג־געניש, אַז מיט זיינע מעדיצינישע קענטענישן דינט ער די „ווער־מאַכט״. דאָס האָט אים דערמעגלעכט אַ פֿרייע באַוועגונג איבער דער שטאָט, ווו ער איז געווען ברייט באַקאַנט ביי זיינע פּוילישע פּאַציענטן.

אין יענעם טאָג האָבן די דייטשן דורכגעפֿירט אַרעסטן צווישן דער לעמבערגער אינטעליגענץ. אויך מילאָס פֿאָטער, ד״ר רעדנער, איז אַוועקגענומען געוואָרן. מילאַ האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פֿאַר די פֿרעמדע לייט אין די שוואַרצע מונדירן, נאָר ווען זי האָט געזען ווי פֿיין און העפֿלעך זיי באַנעמען זיך מיט איר פֿאָטער, גייען מיט אים אַוועק שמייכלענדיקע, איז ביי איר קיין ספֿק נישט געווען, אַז עס וועט זיין אַזוי ווי די לייט האָבן די שטוביקע פֿאַרזיכערט: „בלויז אויף אַ קורצן פֿאַרהער״.

אַנדערש האָט עס פֿאַרשטאַנען מילאָס מוטער. געפֿינענדיק זיך אין די הענט פֿון געסטאַפּאָ באַדייט אַ טויט־סכּנה. זי, די מוטער, און איר מאַן, דעם פּאָפּולערן דאָקטער ביי דער פּוילישער באַפֿעל־קערונג, איז מיט אירע צוויי קליינע קינדער אויסגעשטעלט אויף אונטערגאַנג. צו מאָרגנס, ווי נאָר מילאַ האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן, האָט זיך איר בליק פֿאַרהאַלטן אויף איר פֿאָטערס בילד, וואָס איז געהאַנגען ביי דער זייט פֿון איר מוטערס פֿאָטאָגראַפֿיע. ביידע — שיין איינגערעמט אין גאָלדפֿאַרביקע רעמלעך. די מאַמע, זעט זי, שמייכלט צו איר, נאָר דעם טאַטוש זעט זי שוין נישט דעם צווייטן טאָג. די מאַמע טרייסט זי, אַז היינט אָדער מאָרגן וועט דער טאַטע צוריקקומען.

צי דען וועט די מוטער לאַנג קאָנען אָנהאַלטן אַזאַ טאָפּל־פּנים, פאַר זיך און פאַר די קינדער? מילאַ האָט געגלייבט אין דער מאַמעס רייד. זי איז געשטאַנען ביים פענצטער, נישט מיד געוואָרן אַרויסקוקן צו דערזען אָנקומען דעם טאַטן. וועט זי קענען דערפרייען די מאַמען מיט דער גוטער בשורה? אַז דער טאַטע האָט זיך נישט באַוויזן אינעם פענצטער, זענען מילאַס אויגן געווען אָנגעשטעלט צו דער טיר. ווען דער שלאָס וועט זיך אַ דריי טאָן, וועט עס זיין אַן אָנזאָג פון טאַטנס אָנקום. נאָר אַנשטאָט דעם האָט זיך אין דער טיר באַוויזן אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט איבערגעגעבן דער מוטער אַ בריוועלע מיט דעם פאָטערס האַנטשריפט: „איך קום אַהיים אין אָוונט. וועל אייך אַלץ דערציילן”...

אויף ד״ר רעדנערס בלאַסן פּנים מיט זיין ציטערדיקער שטים איז געווען צו דערקענען, אַז ער האָט דעם טאָג אַ סך איבערגע־לעבט. יענעם טאָג האָבן די דייטשן באַלאַגערט דעם יידישן שטאָ־טישן שפּיטאָל. פון חדר צו חדר געגאַנגען און דערשאָסן יעדן קראַנקן. אין דער זעלבער צייט זענען אויך אַלע דאָקטוירים און מיטן פון זייער דינסט, יעדערער אויף זיין אַרבעטפּלאַץ דערשאָסן געוואָרן. די לעצטע קרבנות זענען געווען די קראַנקן־שוועסטער און די סאַניטאַרן וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די זאַמל־פּונקטן ווו זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן. דאָס גרויסע הויז וואָס האָט באַדינט יידישע קראַנקע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שעכטהויז. די שחיטה איז פאַרגעקומען מיט דייטשישער פּינקט־לעכקייט: צו דער באַשטימטער צייט זיך אָנגעהויבן און צו דער צייט זיך פאַרענדיקט. אין דעם גרויסן שפּיטאָל־בנין מיט די העלע, ווייסע ווענט האָט געשטראָמט יידיש בלוט...

דאָקטער רעדנער האָט אויסגעדערציילט וואָס ער האָט געמוזט פון זיך אויסלאָדן. זיין פרוי בראָניאַ און זייערע צוויי קינדער זענען געזעסן צווייפגעדרענגטע, פריטשמעליעטע. ס׳האָט זיי גע־פרייט דער צוריקקער פון מאַן און פאָטער, אָבער אויפגעשוידערטע זענען זיי געווען פון דאָס געהערטע. זיי האָבן זיך געפרייט ווײ־

נענדיק. געפרייט זיך מיטן נס וואָס איז געשען מיט זייער טייערסטן. זיין גליק איז געווען, וואָס ער איז אַרויס פון שפּיטאָל מיט עט־לעכע מינוט פריִער...

דאָס איז געווען אין יענע טעג ווען די קריסטלעכע באַפעל־קערונג פון לעמבערג האָט באַקומען פרייע הענט אָנצופאַלן אויף ייִדן. אוקראַיִנער און פּוילישע אונטערוועלט־טיפּן האָבן געבושע־וועט אין ייִדישע גאַסן. דער פּאָגראָם האָט זיך פאַרענדיקט מיט רויב און מאָרד. צווישן די געפאַנגענע האָט זיך אויך געפונען ד״ר רעדנער. צוזאַמען מיט נאָך ייִדן איז ער אַריינגעפאַלן אין דער געטאָ־טורמע. פאַר וועלכע זינד? פאַר זיין איבערגעגעבענעם ווילן צו היילן קראַנקע מענטשן?

אין געטאָ האָט מען געוווּסט, אַז דער גראָער שטיינערנער בנין מיט די פאַרקראַטעוועטע פענצטער איז פון די דייטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טויט־אינדזל פאַר די אַרעסטירטע. זעלטן ווער ס׳איז פון דאָרטן אַרויס אַ לעבעדיקער. אין דער טורמע האָט מען גע־זאַמלט מענטשן צו פירן זיי אין די גאַזקאַמערן. ווען ס׳איז לויזער געוואָרן אין דער טורמע, איז פולער געוואָרן אין די גאַזקאַמערן. ווען די ייִדישע גאַסן זענען ליידיק געוואָרן פון מענטשן, איז די טורמע פולער געוואָרן. דער טויט־קאָנווייער האָט געאַרבעט...

ווי אַזוי קריגט מען זיך אַרויס פון אַזאַ געפענקעניש? צו דעם האָט מען געדאַרפט רעדן מיט דער שפּראַך פון פּראַטעקציע און איבערקויף. דער פּרייז אַ הויכער. ד״ר רעדנערן האָט צוגעדינט דאָס מזל, וואָס ער האָט געקענט זיך באַנוצן מיט ביידע מיטלען. מען האָט אים איבערגעטאָן אין אַ פּאָליציייִשן מונדיר מיט אַ גומי־שטעקן אין האַנט, איז ער אָן שטערונגען אַריבער אַלע קאָנטראָל־פּונקטן...

ד״ר רעדנער איז ווידער אַריין אין זיין אַרבעט. היילן קראַנקע איז געווען זיין פליכט. די שטוביקע זענען געווען גליקלעך. נאָר ער האָט געזען די סכנות פאַרן ייִדישן לעבן אונטער נאַצישער הערשאַפט. האָט ער זיך באַזאָרגט מיט „אַרישע״ פּאַפּירן און גע־

וואָרן אַ דאָקטער צווישן גויִים. אַריינגעצויגן אין געהיימע פּוילישע קרייזן, האָט ער באַדינט די אונטערערדישע קעמפּער...

מילאַ האָט נישט אויפגעהערט צו באַלעסטיקן די מוטער מיט דער פראַגע:

— פאַר וואָס איז דער טאַטוש נישטאָ אין דער היים?

— ווייסט דאָך, מיין קינד — האָט געענטפערט די מאַמע מיט אַ ווייך קול — דער טאַטע היילט קראַנקע. מלחמה־צייט ווערן אַ סך מענטשן קראַנק, ליגן אין די בעטן און וואַרטן אויף דיין טאַטן, דעם דאָקטער, ער זאָל זיי היילן. האָט ער קיין צייט נישט צו קומען אַהיים...

— איך פאַרשטיי, פאַרשטיי — האָט מילאַ אויפגענומען דער מאַמעס רייד — איך וויל אָבער נישט, ער זאָל נאָר טאָן פאַר די קראַנקע און אונדז לאָזן אַליין.

— גאָט באַהיט! דער טאַטוש וועט אונדז קיין מאָל נישט פאַר־געסן. ס'איז אַ שווערע צייט, דאַרף מען זיין געדולדיק און זיך שטאַרקן.

— אָבער — האָט מילאַ דערווידערט — אַז דער טאַטע איז נישטאָ, ווער איך קראַנק פון בענקשאַפט.

— ער וועט קומען, קומען. נישט היינט, איז מאָרגן. פאַרשטיי, אַז פון דאָרטן ווו ער געפינט זיך, קאָן ער בעסער פאַר אונדז זאָרגן. ווען נישט דעם טאַטנס הילף וואָלטן מיר אין געטאָ געהונגערט. אַז דער טאַטע וועט געפינען פאַר אונדז אַן אָרט אויף דער פּויליש־ער זייט, וועט אויך אונדזער לעבן זיין זיכערער.

צו מילאַס ביטער מזל איז אויסגעפאַלן, אַז די צוגעטיילטע דירה אין געטאָ זאָל אויסקומען פּונקט אַנטקעגן זייער פריִערדיקער וווינונג איבער דער צווייטער זייט פונעם געטאָ־צוים. איז מילאַ ביים פענצטער געשטאַנען, אַריבערגעקוקט צו די פרעמדע פּנימער וואָס דרייען זיך אַרום אין זייער רחבותדיקער דירה. וויפל ווייטיק האָט עס אין איר אַרויסגערופן! אָט קוקט אַרויס פון איר געוועזענעם שלאָפצימער אַ קאָפּ מיט בלאָנדע האָר. אַ מיידעלע רעדט

אַראָפּ צו די קינדער אונטן, שמייכלט, לאַכט צו זיי, איז היימיש מיט די קינדער פון הויז, און זי, מילאַ, איז פאַרשפּאַרט הינטער אַ צוים.

ביי אירע צוועלף יאָר האָט מילאַ שוין גוט פאַרשטאַנען וואָס צו זען, הערן, לייענען און לערנען זיך. ווי אַזוי אויסמיידן סכּנות און זיין אָנגעשפּיצט. ס׳איז גענוג געווען, זי זאָל דערהערן אַ הויך קול, שאַרפע טריט, דערזען אַ בלאָען מונדיר און שוין האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שוידער, וואָס האָט זי פאַריאָגט הינטערן פּירהאַנג. זי האָט געוואָלט וויסן פאַר וואָס די מוטער גיט נישט קיין שמייכל. און אַנשטאָט אַ שמייכל קומען טרערן, שטילע הייסע טרערן. און אויך איבער מילאַס באַקן האָבן זיך געגליטשט טרערן פון איבער־געלעבטער שרעק. זי האָט זיך געשעמט פאַר דער אייגענער מאַ־מען, וואָס גיט איר צו פאַרשטיין, אַז נישט פאַר יעדער זאַך דאַרף מען זיך שרעקן. דער טאַטע האָט אין זיך מוט, ער זאָרגט, אַז עס זאָל זיי קיין שלעכטס נישט געשען.

די מאַמע האָט פאַר מילאַן פאַרשאַפט אַ בוך, וואָס געפינט זיך נישט צווישן אירע אייגענע ביכער. אַליין אַ לערערין, האָט די מוטער פאַרשטאַנען, אַז דער אינהאַלט פונעם בוך וועט מיל־דערן מילאַס געשפּאַנטע שטימונג און די בענקשאַפט צום פאָטער.

מילאַ האָט פעסטגעשטעלט:

— אַ טשיקאַוו בוך. ענלעך צו אונדזער לאַגע...

די מוטער אַ צופרידענע:

— לייען, לייען טעכטערל, ביזן סוף, וועסטו זען, אַז אַ מענטש דאַרף לעבן מיט האָפענונג, אַז פון ערגעץ וועט קומען אַ רעטונג.

מילאַ איז געזעסן אויף איר בעטל מיטן בוך אין די הענט און געטראַכט וועגן דאָס איבערגעלייענטע ביזן לעצטן זייטל. ס׳איז געווען אַ שפּאַנענדיקע דערציילונג וועגן אַ פישער, וואָס די מער־סטע צייט פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט אויפן וואַסער. אין יענעם טאָג איז דער ים געווען אַ שטורעמדיקער. ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, און דער פישער איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען אַהיים.

די זאָרג פאַר זיין לעבן איז געווען גרויס. זיין געליבט טעכטערל האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן, ביז ער איז אין די מאָרגן־שעהען צוריק געקומען און דערציילט, ווי אַ שטאַרקע כוואַליע האָט אי־בערגעדרייט זיין שיפל. אין מיטן ים האָט ער זיך שווער געראַנגלט מיט די כוואַליעס, וואָס האָבן אים געשליידערט אָט אויפן שפּיץ פון די צעשוימטע וואַסערן און אָט ווידער אונטער אַ וואַסערבאַרג, ווי אַן ערד־ציטערניש וואָלט אים פאַרשלונגען. נאָר זיין שטאַרקער ווילן צו לעבן האָט אים אויפגעהאַלטן, ביז אַן אָנגעשוואָמענע שיף האָט אים געראַטעוועט.

מילאַן איז אויסגעקומען, אַז זי געפינט זיך אין דער זעלבער לאַגע, ווי דאָס מיידל פון פישער וואָס האָט געציטערט פאַר איר פאָטערס לעבן. דעם פּאָגראָם אויף די יידישע גאַסן האָט זי פאַר־גליכן צו יענעם צעשטורעמטן ים, וואָס האָט דעם פישער גע־שליידערט פון כוואַליע צו כוואַליע. דער טאַטוש קומט נישט אַהיים, ווייל ער ראַנגלט זיך דאָרטן ערגעץ צווישן בייזע מענטשן, וואָס ווילן אים דערטרינקען אין ים. האָט זי געוואָרט, ס׳זאָל טאַקע אויס־קומען אַזוי ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט נאָכן איבערלייענען דאָס בוך. געוואַרט, איר טאַטוש זאָל זיך באַווייזן.

מילאַ איז געזעסן אויפן בעטל מיטן פאַרמאַכטן בוך אין די הענט, געטראַכט וועגן פאָטער און אָנגעהויבן באַנעמען די סכנות, וואָס דראָען איצט די יידן. פאַר וואָס האָט זי דאָס אַלץ פריִער נישט פאַרשטאַנען? האָט מען פאַר איר אויסגעמיטן רעדן וועגן דעם? איצט דערמאָנט זי זיך די פאַלשע שטיקלעך פון אירע פּוילישע קאָלעזשאַנקעס אין דער שולע, די צוריקגעהאַלטענע באַ־ציִונג פון די לערערס צו איר. איז דאָס אַלץ געווען צוליב איר יידישן אָפּשטאַם? מילאַ האָט צווישן זיך און זיי נישט געזען קיין אונטערשייד: דער זעלבער בלאָנדער קאָפּ, ווי ביי אירע חברטעס, די זעלבע שפּראַך, צוזאַמען געשטיפט, געחברט זיך. אויך איר נאָ־מען איז פּאָרפּוילישט, און דאָך האָט זי געפילט דעם חילוק צווישן זיי און איר. אָבער ווייניק וואָס איז עס איר אָנגעגאַנגען. מילאַ

האָט פון דעם נישט געליטן. זי האָט געהאַט אַ ברייטערע סביבה, געקענט זיך אויסקלייבן מיט וועמען יאָ און מיט וועמען נישט זיך חברן. ערשט הינטער די געטאָדראָטן האָט זי דערפילט דעם אונ־טערשייד צווישן איר און די פוילישע חברטעס. יענע קינדער־יאָרן געזען ווי אַ ווייטן חלום. צי וועט יענץ לעבן זיך נאָך אומקערן? דער טאַטוש האָט איר פאַרזיכערט, אַז יאָ!

*

נאָכן דייטשישן פּאָגראָם אין יידישן שפּיטאָל און זיין ניסימדיק בלייבן לעבן, האָט ד״ר רעדנער נישט געוואָלט מער וויסן פון זיין אַקאַדעמישן טיטל. ער האָט ביי זיך געהאַט אַן ארבעטס־קאַרטע אַלס פאַליטורער. ביי אַן אַבלאַווע אויף דער גאַס האָט ער פאַר־געשטעלט זיין „ארבעטשיין״. נאָכן אָנקוקן זיינע הענט האָבן די כאַפּערס איינגעפונען, אַז דער דאָקומענט איז פאַלש און געשיקט דעם דאָקטער אין טורמע.

דאָס מאָל איז ד״ר רעדנער, שוין מיט אַן אַנדער נאָמען, אַריינגעפאַלן אין אַ פוילישער טורמע, צווישן שמוגלער, גנבים און סתם פאַרברעכער. קענענדיק די פּסיכאָלאָגיע פון אַזעלכע טיפּן, האָט ער זיך גיך מיט זיי פאַרהיימישט, זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ פוילישער פּאַטריאָט, און אַרעסטירט געוואָרן פאַר נאַציאָנאַלער טעטיקייט. ער איז שטאַרק געאַכטעט געוואָרן פון זיינע נייע שכנים. ער האָט זיך באַטייליקט אין זייער לעבנס־סדר: געשפּילט מיט זיי אין קאָרטן, געפירט שמועסן, זיי אויסגעלערנט נייע שפּי־לערייען צו פאַרטרייבן די צייט. ער האָט זיך געלאָזט דערקענען ווי אַ דאָקטער, געהאָלטן פאַר זיי לעקציעס, ווי אַזוי ביי נישט־היגיענישע באַדינגונגען אויסצומיידן קראַנקייטן. אָבער ווי נאָר ער בלייבט מיט זיך אַליין, הערט ער די שטימען פון זיינע קינדער, פון זיין פרוי, פון די אַלע וואָס וואַרטן אויף אים. די אייזערנע קראַטן דערמאָנען אים: ער איז אין קלעם פון טויט... נאָר ער,

ד״ר רעדנער, וואָס ער איז, דאָס וועט ער בלייבן! ער איז שוין דורכגעגאַנגען גיהנום־אויוונס און נישט צעשמאָלצן געוואָרן, גע־בליבן דאָס זעלבע מעטאַל. ער טראָגט שטאָלץ זיין קאָפּ, מיט נישט איינגעבראָכענעם גלויבן, אַז אויך די נאַצי־תּקופה וועט באַלד זיין געענדיקט און וועט אַריין אין דער געשיכטע, ווי אַלע שווער אי־בערגעלעבטע ייִדישע נסיונות.

זיין פרוי, בראַניאַ, האָט זיך ווידער פאַרמאָסטן אַרויסצובאַקו־מען איר מאַן פון טורמע. פלענער זענען אויפגעקומען אַ סך, נאָר וועלכן וועט מעגלעך זיין דורכצופירן? דער מינדסטער דורכפאַל באַטייט טויט! אין קאָן איז געשטאַנען דאָס לעבן פון איר מאַן.

גאַנצע טעג איז מילאַ אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקע. די מוטער האָט געוווּסט די סיבה דערפון. דער טאַטע איז שוין דאָס צווייטע מאָל אין טורמע! די פרעמדע מענטשן, וואָס קומען אַריין אויף אַ קורצער צייט, סודען זיך מיט דער מאַמען, היטן זיך קיין וואָרט זאָל נישט דערגיין צו מילאַס אויערן. דער מאַמעס אָפטע אַרויס־גענג און איר צוריקקומען מיט אַ פאַרזאָרגט פנים, איר בלייבן אַליין אין שטוב מיטן ייִנגערן ברודערל, וואָס אויך ער איז אָנ־געשטעקט מיט דער שטוביקער נערוועזער אַטמאָספער, האָט פאַר־טיפט מילאַס אומרו. זי האָט געוווּסט, אַז איר מוטערס אַרויסגיין פון שטוב האָט אַ שייכות מיטן טאַטנס אַרעסט, נאָר ווי עס האַלט דערמיט, ווען וועט ער אַרויס אויף דער פריי, איז נאָך אַלץ אַ סוד...

✶

אויפן טורמע־הויף האָבן געהיימע אויגן געזוכט דעם ד״ר רעד־נער און נישט געפונען בעת די טעגלעכע, שטאַרק באַוואַכטע שפּאַ־צירן פון די אַרעסטאַנטן. זיין אויספאָרשונג האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן, איז ער אַליין געבליבן אויף דער צייט אין צעל, ביז די איבעריקע זענען צוריקגעקומען פון שפּאַציר. פון דעם האָבן זיינע מיטאַרעסטאַנטן פאַרשטאַנען, אַז זייער נייער שכן מוז זיין

שטאַרק פאַרדעכטיק מיט זיינע זינד קעגן דער נאַצישער מאַכט. זיי האָבן געוווּסט אים איבערצוגעבן, ווער פון די וואַכלייט האָט געפרעגט אויף זיין נאָמען, געוואָלט וויסן אינפאָרמאַציעס וועגן אים. פאַר ד״ר רעדנער איז עס געווען אַן אָנזאָג, אַז אין דרויסן טוט מען עפּעס וועגן אים, און ער דאַרף זיך ריכטן אויף ווייטער־דיקע אַנטוויקלונגען.

מיט אַ טאָג שפּעטער איז ער צוגערופן געוואָרן פון אַ פּוילישן וועכטער, וואָס האָט אים איבערגעגעבן, ער זאָל נישט איבערראַשט ווערן פון דעם, וואָס אים איז צוגעגרייט דורכצופירן. מען זאָל אויף אים נישט דערקענען וועלכע נישט איז סימנים, וואָס קאָנען אַרויסרופן אַ חשד ביי די דייטשישע וואַכלייט. דאָס קאָן געשען היינט, אָדער גאָר באַלד...

דער קורצער געשפּרעך האָט ד״ר רעדנערן אָנגעדייט, אַז ער וועט דאַרפן שפּילן אַ ראָלע צו וואָס ער איז נישט צוגעגרייט. וויסנדיק אַז דאָס איז אַ שפּיל אויף לעבן און טויט, האָט ער מיט אומגעדולד אויסגעקוקט וואָס ווייטער וועט געשען. יעדע אָפּגע־לאָפענע מינוט, יעדע איבערגערוקטע שעה, האָבן אים אויסגעזויגן אַ קריכעניש אין פאַרגלייך צו זיינע יאָגנדיקע מחשבות. ער איז געלעגן אויף זיין שטרויזאַק מיט אַ וואַך געהער צו יעדער באַווע־גונג, צו יעדן ריר אין דער קאַמער. אויך די רייד פון די אַרעס־טאַנטן, אַז דער דאָקטער זעט היינט אויס אַנדערש ווי ביי זיין אָנקומען, האָט אים נאָך מער אָנגעשפּאַנט: וואָס וועט מיט אים זיין? וואָס דערוואַרט אים? דערווײַלע ליגט ער אַזוי שטיל, די אויגן פאַרמאַכט, וויל פאַרגעסן אַלץ, אַלץ...

ד״ר רעדנער האָט געקוקט אויף די אויסגעקריצטע נעמען אי־בער די ווענט. איז עס באמת אַ טויטן־קאַמער, ווו פאַרבליבן זע־נען בלויז נעמען, און די לעבנס זייערע זענען פאַרשוווּנדן ווי פייגל אין אַ שטורעמווינט? אויסגעשעפּט איז אַלץ אין אים. ער קאָן נישט מער. וויל שוין גאָרנישט בלויז זיין ווייט פון איצטיקן מצב, ווייט ווי דער הימל פון דער ערד. אָבער ער איז צו אַלץ

וואָך. אָנגעקוואָלן איז אין זיין נשמה אַזוינס, וואָס ברענט און קלאָגט אויף זיין יידישן גורל, וואָס איז אַ מאָל געווען לעבן. פרישער זון־אויפגאַנג, וואָרעמקייט פון אַ ניי־געבוירענעם טאָג, אַ באַזיניקטער מיט מעשׂים און אויפטוען פאַר די מענטשן. זענען געקומען אַנדערע טעג, אָנגעיאָגטע פון אַ מוראדיקן וויכער, פאַר־שטעלט די זון... ליגט ער אַ פאַרטראָגענער צווישן חלום און וואָר.

צי זענען די, וואָס זיצן מיט אים אין דער קאַמער אויך אויס־געשטעלט אויף אַזעלכע סכּנות ווי ער? אין זייערע פּנימער דער־קענט ער דאָס נישט. אויך אין זייער רעדן זעט ער נישט קיין סימן פון פּחד פאַר זייער גורל. איז עס נישט קיין קאַמער פאַר צום טויט־פאַרמישפּטע, טאָ וואָס שרעקט ער זיך ווי די אַלע וואָס זיצן מיט רויִקע פּנימער, רעדן נישט וועגן לעבן און טויט. נאָר ער, דער מאַסקירטער יידישער דאָקטער מיט זיין אַרישן נאָמען ווערט צעדריקט פון שרעק און פון טראַכטן: וואָס וועט מיט אים ווערן? וועלן די דייטשן אויפדעקן זיין אמתן אָפּשטאַם? וועט „יאַן פּאָפּלאַווסקי", זיין אַרישער נאָמען, נעמען אונטער זיין שוץ דעם יידישן דאָקטער רעדנער?

פון דער וואַנט שרייען אַראָפּ אַ סך יידישע נעמען. פאַר ווע־מען האָבן זיי געשריבן? פאַר די, וואָס זיצן מיט ד"ר רעדנער אויף זייערע שטרויזעק מיינען גאָרנישט די אויסגעקריצטע נעמען. פאַר אים, דעם יידיש־אַרישן דאָקטער, זענען עס לעצטע ווידוי־ווערטער פאַרן טויט. אים לאָזן די נעמען נישט רוען. ער זעט זיי אויך מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער זעט זיי אין דמיון אַ גאַנצן טאָג. אין שלאָף שטעלן זיי זיך אויס אַרום זיין שטרויזאַק, שווייגנדיקע. ווען ער עפנט די אויגן, פאַרשווינדן זיי און קומען ווידער אויף דער וואַנט. כאָטש איינעם פון זיי, וואָלט ער וועלן אָנקוקן אַ לעבן־געבליבענעם, וואָלטן די נעמען אויף די ווענט אים נישט פאַרגעקומען ווי מצבות אויף אַ בית־עולם...

אויף דעם שמאָלן דורכגאַנג לעבן שטרויזאַק האָט עמעצער אָנגעטרעטן אויף זיין פוס. ער האָט אויפגעריסן די אויגן. גלייך

נישט באַנומען ווי ער געפינט זיך. אין חלום איז ער פריִער גע־זעסן אַנטקעגן אַן אויספּאָרשער מיט בייזע בליקן, וואָס האָט גע־וואָלט פון אים דערגיין, ווער איז ער, דער כּלומרשטער פּאָליטורער מיט ריינע אויסגעאיידלטע הענט. אַ שפּיאָן? אַ מאַסקירטער ייִד? סתּם אַ שווינדלער? ד״ר רעדנער האָט אויף אַלע פראַגעס גע־ענטפערט גלאַטיק, צו דער זאַך. ס'איז ביי אים קיין ספק נישט געווען, אַז ער איז אַרויס אַן אַ חשד אויף זיך. נאָר אַז ער האָט ווידער דערזען די קאַמער מיט די פּנימער פון די אַרעסטאַנטן, האָט ער זיך געפילט ווי איינער פון זיי — אויס חלום, צוריק טרויע־ריקע וואָר.

שוין ווידער טראַכט ער וועגן טויט? און אפשר אַז מ'רעדט אין קאַמער וועגן טויט, מיינט עס גאָר נאָר אים אַליין? נעכטן האָט מען אַרויסגענומען איינעם פון די אַרעסטאַנטן. דער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. מ'האָט אים חושד געווען, אַז ער לעבט אויף פאַלשע דאָקומענטן. וועגן אים זענען אַלע אין קאַמער געווען זיכער, אַז ער איז באמת אַזאַ, אַ ייִד, כאָטש אין אויסזען — אַן עכטער פּאָליאַק. זיין גורל האָט קיינעם נישט געקימערט. די אַרעס־טאַנטן, האָבן וועגן אים גערעדט, ווי דעם שלעכט געשפּילטן קאַ־טאָליק מיטן צלמל... ביי נאַכט, אין חלום — אַ זשיד. אַזאַ שפּיל, האָבן זיי געזאָגט, געדויערט נישט מער ווי צוויי טעג.

✶

בראָניע זעט אויס מיד, זי זיצט אויף אַ סאָפע און בלעטערט אַ זשורנאַל. האָט זי געפונען אינטערעס צו די בילדער, אין וועלכע זי האָט זיך איינגעקוקט, אָדער איז עס סתּם צייטפאַרטרייב? בראָניע מישט די בלעטער, זעט אָבער נישט די בילדער וואָס שוועבן פאַרביי אירע אויגן. זי זעט די מענטשן מיט וועלכע זי האָט אָקערשט גערעדט, אויסגעהערט ווי עס גייט צו מיט דער געפּלאַנטער אַקציע צו באַפרייען דעם מאַן. נישט אַלע פּרטים האָט מען געוואָלט פאַר איר אַנטדעקן, כאָטש זי איז דער גורם פון

דער אַקציע. די מענטשן האָבן זי געטרייסט, אַז דער דערפאָלג איז זיכער...

מילאַ האָט אַנגעקוקט די מוטער מיט באַהאַלטענע בליקן, פאַר־שטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך ווידער וועגן טאַטן, וואָס געפינט זיך אין דער תפיסה. און ווידער געשעט אַלץ מיט אויסגעהיטנקייט פון איר, ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע, אַ זייטיקע. זי וואָלט אויס־גערעדט די מאַמען פאַרן אויסבאַהאַלטן פון איר דאָס, וואָס עס גייט איר אָן טאָג און נאַכט. די מאַמע ווישט די אויגן, פילט די ליידן פון איר קינד און געפינט נישט קיין וואָרט זי צו טרייסטן. מילאַ פאַלט צו צו דער מאַמען, קלאָגט מיט אַ ביטער געוויין אויפן גורל פון טאַטן. שוין דאָס צווייטע מאָל אין טורמע! די מאַמע גלעט זי צערטלעך. זיי שטייען אַזוי אַ ווײַלע, דערנאָך זעצן זיי זיך אַוועק איינע לעבן דער צווייטער. די מאַמע געפינט אַ טרייסט־וואָרט פאַר דער טאָכטער: דער טאַטע וועט זיך אומקערן אַהיים! און אַליין נעמט זי גלייבן — אפשר טאַקע וועט זיין אַזוי.

די מאַמע איז פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט. אַזוי האָט זי אויסגעזען ביים ערשטן מאָל אַרויסנעמען דעם פאָטער פון דער תפיסה אין געטאָ, איצט זיצט ער אין דער שטאָטישער תפיסה, ווי אַ פּאָליאַק, דער פּאָליאַק יאַן פּאָפּלאָווסקי... זי טראַכט וועגן דעם מענטש, וואָס איז נאָר וואָס דאָ געווען, גענומען די סומע געלט וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. עפּעס זעט איר אויס דער פּלאַן צו איינשטעלעריש. אַנשטאָט ראַטעווען קאָן געשען דאָס פאַרקערטע... זי טאָר אָבער קיין געלעגנהייט נישט אַדורכלאָזן. איר מאַנס לעבן איז אין גרעס־טער סכּנה. אירע געדאַנקען דרייען זיך, איר מוח רוט נישט, איר האַרץ לויפט האַסטיק, אַלץ אין איר שרייט: „טו, ראַטעווע, פאַר־ליר נישט קיין רגע, דאָס לעבן זיינס הענגט אויף אַ האָר!" אירע אויגן קוקן יעדע פאַר מינוט אויפן זייגער, ווי פּאַוואָליע די ווייזערס רוקן זיך, און ווי די ביידע קינדער קוקן אויף איר מיט שרעקעוודיקער דערוואַרטונג.

*

אין קאַמער איז שטיל. קיינער ווייסט נישט, צי ס'איז טאָג אָדער נאַכט. דאָס עלעקטרישע לעמפּעלע ברענט אָן אויפהער מיט דער זעלבער מאַטער שיין, קוקט פון סופיט אַראָפּ ווי אַ האַלב בלינד אויג. אין דעם קאַמער לעבט מען מיט די געשענקטע מינוטן, ווען מ'קען האַלטן די אויגן אָפן און פילן דאָס קלאַפּן פון האַרץ. אַלעמענס אָנגעשפּיצט געהער איז געווענדט צו דער פּאַרהאַקטער טיר, צו די שווערע טריט פון וואַכמאַן — וועמענס נאָמען וועט ער אויסרופן אין דער אָפּגעלענטער טיר. עס פאַלט דער לעצטער בליק אויפן פאַרמישפּטן. ער נעמט מיט זיך זיינע לעצטע מינוטן פון טויטן־קאַמער ביז צום ראַנד פון קבר...

ס'האָט זיך געהערט אַ דריי פונעם טירשלאָס .אינעם טונקעלן חלל פון קאַמער האָט אָפּגעהילכט ד״ר רעדנערס אַרישער נאָמען. האַסטיק האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיס. דער שטרענגער אויס־רוף האָט אָנגעוואָרפן אויף אים טויטשרעק. אים איז פאַרגעקומען, אַז נישט זיין נאָמען האָט ער געהערט, נאָר דעם אויסגערופענעם טויטאורטייל. איז דאָס דער לעצטער גאַנג זיינער? ער קוקט זיי־טיק אויף דעם שווייגנדיקן וואַכמאַן וואָס פירט אים איבער דעם לאַנגן קאַרידאָר. זיין שטרענג פּנים זאָגט נישט אָן קיין גוטס...

ביידע זענען אַריין אין אַ חדר. דער וואַכמאַן האָט גלייך גע־ענדערט זיין טאָן. פון אַ באַפעל־אויספירער — אַליין אַ באַפעל־געבער, האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ צעעפנט פּעקל קליידער. ד״ר רעדנער האָט געדאַרפט זיך איבערטאָן אין גלחישע מלבושים, איינחזרן דעם געלאָסענעם גאַנג ביז צום אַרויסגאַנג־טויער. דער וואַכמאַן, ווי אַ געניטער רעזשיסאָר, האָט מיט אים עס איינגע־רעפּעטירט.

אויף דעם אַרומגעצוימטן שטח אַרום דער טורמע, איז אַ באַ־וועגונג פון וועכטער, פּאָליציי־לייט, באַזוכער — אַלע איילן צו די דורכגענג, קאַרידאָרן, צו די קאַמערן, וווּ עס זיצן די פאַר־מישפּטע. צווישן די אַלע גייט אַ שלאַנקער, הויכוווקסיקער מאַן אין אַ לאַנגן שוואַרצן בגד, געקנעפּלט פון האַלדז ביז די פיס.

איבערן שוואַרצן ראָק — אַ ווייס קורץ זיידן העמדל. אויפן קאָפּ — אַ הויך גלחיש היטל. אין דער האַנט — אַ קליין ספּרל. ער שטעלט די פּיס טראַט נאָך טראַט, ווי אויף אַ לוויה. מען טרעט אָפּ אין אַ זייט, דער וועג זאָל אים פריי זיין. ער ענטפערט אָפּ מיט אַ צע־וויגטער האַנט ווי אַ בענטשונג פאַר די אַלע, וואָס האָבן אים מיט כבוד געגריסט, און מיט אַ לייכטן קאָפּבאַוועג אויף רעכטס און אויף לינקס פאַר די, וואָס ציִען פאַר אים פאַרכטיק די היטלען. זיין גאַנג האָט אויסגעזען צו זיין נאַטירלעך און זיכער. אַ באַזוך פון אַ גלח אין טורמע געשעט אָפט, ווען אַ שטערבלעך קראַנקער אָדער אַ צום טויט פאַראורטיילטער דריקט אויס זיין לעצטן פאַר־לאַנג, אַ גייסטלעכער זאָל אים אויסהערן אין די לעצטע מינוטן פון לעבן.

די וועכטער און די טורמע־מאַכט קענען שוין פון לאַנג דעם גלחישן גאַנג צום טורמע־בנין און צוריק צום אַרויסגאַנג. אויך דאָס מאָל האָט עס נישט אַרויסגערופן קיין חשד. ווי שטענדיק, האָבן אויך דאָס מאָל די וועכטער ביים טויער סאַלוטירט: די קעפּ גלייביק געבויגן פאַרן „גלח" און ברייט צעעפנט פאַר אים דעם אַרויסגאַנג.

אויף דער צווייטער זייט פון טויער האָט געוואַרט אַ דראָזשקע און אָפּגעפירט דעם דאָקטער צו מענטשן פון דער פּוילישער אונ־טערערד. זיי האָבן געוווּסט אַז דער דאָקטער יאַן פּאַפּלאַווסקי איז ווידער צו זייער דינסט, ס'האָט אָבער קיינער פון זיי נישט געוווּסט, אַז מיט דער אַקציע איז געראַטעוועט געוואָרן אַ ייִד.

✶

צו בראַניען איז דערגאַנגען אַ קליין צעטעלע: „ווידער לעב איך פאַר אייך"... די דאָזיקע עטלעכע ווערטער זענען פאַר דער פרוי מיט די צוויי קינדער געווען די פרייליכסטע בשׂורה. ווידער האָט פאַר זיי אַ שיין געטאָן אַ שטראַל פון האָפענונג! ד"ר רעדנער

האָט נישט געצווייפלט אַז די געטאָ איז פאַראורטיילט אונטערצו־גיין, האָט ער נישט גערוט, ביז ער האָט אין דעם ים פון ייִדן־שׂינאה געפונען אַ קליין אינדזעלע מיט עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געעפנט פאַר זיין משפּחה די טיר פון זייער אָרעם דאָרפי־שער כאַטע. צווישן פיר ענגע ווענטלעך וואָס האָט געדינט ווי אַ קעמערל פאַר אַלטע אָפּגענוצטע שטובזאַכן, איז בראָניאַ מיט די צוויי קינדער אַריין זיך אויסבאַהאַלטן. דאָס שטילע דאָרף, ווייט פון די געטאָ־דראָטן, האָט אויסגעזען, ווי דער האַקנקרייץ וואָלט אַהער נישט דערגרייכט. דורכן קליינעם פענצטערל האָט מען גע־קאָנט זיך איינקוקן אינעם שטילן דרויסן: גרינע לאָנקעס, צע־אַקערטע פעלדער, אַ טונקעלער וואַלדבערג. איבער די ברייטע שטחים האָבן זיך געפּאַשעט קי, פערד. איבער דעם פייסאַזש האָט זיך געצויגן אַן אייזנבאַן־ליניע. פון צייט צו צייט האָט אין דעם שטילן אַרום זיך אַרויסגעריסן דאָס גערויש פון באַנרעדער, וואָס האָבן דערמאָנט אין פרידלעכע טעג און נסיעות...

זינט מילאַ איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דעם קעמערל, איז דאָס פענצטערל געוואָרן דער איינציקער קאָנטאַקט מיטן לעבן. ווען זי האָט פון דער ווייטן דערהערט דעם אָנקומענדיקן רעדער־גערויש, האָט זי זיך אַ ריס געטאָן צום פענצטערל. דאָס קלאַפּן פון דער אָנקומענדיקער באַן האָט איר דערמאָנט דאָס שיינע, פרייע לעבן.

צוריק אויפן בענקעלע, אַ פאַרזונקענע אין זיך, ווי זי וואָלט געחלומט אַ שווערן חלום: דאָס קעמערל האָט זיך איינגעבראָכן און זי פאַרשאָטן. זי ראַנגלט זיך אַרויסצובאַקומען. זיך אויסגע־טשוכעט: צי איז טאַקע דער אונטערגאַנג נאָענט?

מילאַ האָט געלעבט מיט דער שרעק פאַר דעם וואָס געשעט אין דער וועלט, און וואָס די בייזע מענטשן טוען. דאָ, אין דעם באַהעלטעניש, זעט זי נישט קיין מענטש פאַר די אויגן, טרוימט זי, חלומט. און זי ווייסט שוין, אַז ווער ס׳איז אָפּגעריסן פון לעבן, דערגייט צו גאָרנישט, בלייבט ביי זיינע חלומות. און ווידער איז

זי די זעלבע מיט אירע האַפֿענונגען... זי טראַכט וועגן פֿאָטער, אַז ער איז אין אַ גרעסערער סכּנה ווי זי מיט איר מאַמען און ברודערל. קאָן זי במילא נישט רוען... און דורכן פֿענצטערל זעט זי באַוואָפֿנטע דייטשן אויף וואַגאַנטרעפּלעך. דאָס זענען צוגן מיט ייִדן. מילאַ ווייסט פֿון דער מוטער, אַז מען פֿירט זיי צום טויט — אין גאַזקאַמערן, קרעמאַטאָריעס. לעבט זי איבער פּחד און שרעקלעכע נאַכט־חלומות. זי איז מיטגעפֿאָרן אין דמיון מיט די לעצטע ייִדן פֿון לעמבערגער געטאָ אין אומקום אַריין...

✶

פֿאַר דעם געלט וואָס דער פֿויער האָט באַקומען האָט ער אָנגעהויבן באַרייכערן זיין אָרעמע ווירטשאַפֿט: אין שטאַל איז צוגעקומען אַ יונג קיעלע. דאָס אויסגעמאַטערט אַלט פֿערדל האָט ער פֿאַרביטן אויף אַ יונגערס, געזונטערס. אויך זיין כאַטע האָט ער פֿאַרשענערט. די פֿענצטער זענען באַהאָנגען געוואָרן מיט קאָלירטע פֿירהענגלעך. זונטיק אין קאָסטשאָל איז די גאַנצע משפּחה געווען לייטישער אָנגעטאָן. פֿון וואַנען נעמט עס אַלץ דער אָרעמער פֿויער? אין דאָרף האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז ער באַרייכערט זיך פֿון ייִדן, וואָס לאָזן זיך קאָסטן גרויסע סומעס געלט פֿאַר אַ באַהעלטעניש. ס׳האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען צו אים אַזעלכע, וואָס האָבן קיין מאָל זיין שוועל נישט איבערגעטראָטן. דער פֿויער האָט נישט געפֿילט, אין וואָס מ׳איז אים חושד. האָט דאָך קיינער נישט געזען דאָס קומען פֿון דער ייִדישער משפּחה אין דער נאַכטיקער פֿינצטערניש. אַלץ, דאַכט זיך אים, איז שטרענג געהיים, און דאָך פֿילט ער ווי בייזוויליקע אויגן קוקן אים נאָך און אַז ער איז אַריין אין די מיילער פֿון זיינע דאָרפֿישע שכנים. ווען מען דאַרף עס אָנגיין, אַז פֿון זיין קומען ציט זיך לענגער דער רויך, ווי ביז איצט? אַז פֿון זיין שטעלעכל הערט מען נאָך אַ יונג חזירל מרוקען? איז עס מעגלעך, אַז זיינע שכנים פֿאַרדריסט, וואָס אין

זיין אָרעם שטיבל האָט אָנגעהויבן לייכטן אַ גרעסער נאַפט-לעמפּל? זיינע קינדער גייען נישט מער אין צעריסענע שיכעלעך, און זיין ווייב האָט אַ ניי טוך אויף די אַקסלען. איז ער אַרומגעגאַנגען אַ בייזער, הלמאַי מען וויל אים נאָר זען אָן אָרעמען. און אפשר האָט ווער פֿון זיי דערשמעקט דעם ריח פֿון די אויסגעבאַהאַלטענע ייִדן?

בראַניאַ האָט אויסגעהערט דעם פּויער, אים פאַרזיכערט, אַז די רייד אין דאָרף זענען געקומען צוליב די זאַכן, וואָס ער האָט איינגעקויפט. חושד זיין קאָן מען, אָבער קיינער האָט נישט קיין באַווייז. עס גייט זיי נאָר אין קינאה. און האָט דעם פּויער געראָטן איינקויפן קליינע אָביעקטן, ווערטזאַכן וואָס זעען זיך נישט אָן...

— ריכטיק, ריכטיק — האָט דער פּויער איינגעשטימט — פאַרט אַ ייִדישער קאָפּ.

די שכנים האָבן זיך באַרויִקט, אויפגעהערט רעדן. די זאָרגן פֿון פּויער זענען אַריבער צו בראַניען. זי האָט מורא באַקומען פאַרן אַרומיקן שטילשווייגן. אפשר איז עס מיט אַ כוונה, בעסער צו קענען נאָכקוקן, וואָס עס טוט זיך ביים פּויער?

אין דער נאַכט האָט בראַניאַ געהאַט אַ שלעכטן חלום: זשאַנ־דאַרן זענען אָנגעפאָרן מיט אַ באַנדע פּויערים גלייך צו זייער באַ־העלטעניש. ווילדע געשרייען האָבן גערופן אַרויסגיין פֿון קעמערל. דורך אַ געהיימען אַרויסגאַנג איז זי אַוועק מיטביידע קינדער אויף די העגט. געלאָפן צו די פעלדער, און די באַפאַלער — נאָך זיי. אָט דערנענטערן זיך די רוציחם. זי הערט זייערע קולות און זי, מיט די קינדער אויף די העגט, לויפט ווי געטראָגן פֿון אַשטורעמ־ווינט, ביז זי האָט דערפילט אויף איר מויל אַ האַנטפלאַך... די האַנט פֿון מילאַן, וואָס האָט איבערגעהאַקט דער מאַמעס פאַרשטיקט געשריי...

בראַניען האָט דאָס אָרט געשראָקן. צו ווייניק פאַרבאָרגן פֿון פרעמדע אויגן. זי האָט דעם פּויער געבעטן, ער זאָל מאַכן אַ באַ־העלטעניש, ווו קיין זייטיק אויג זאָל נישט דערגרייכן. האָט ער זיין גרויסן שטוב-קעלער איבערגעצוימט מיט אַ ווענטל. בראַניע

מיט די קינדער זענען אַראָפּ אין צווייטן העלפט פונעם קעלער און אָנגעהויבן אָטעמען די פאַרדומפּטע לופט...

אין איינעם אַ טאָג איז פאַרפאָרן אין דאָרף אַ מיליטערישע שטראָף־עקספּעדיציע פאַר נישט צושטעלן צו דער צייט דעם תּבואה־קאָנטיגענט. מיליטערישע איינהייטן האָבן זיך צעשפּרייט איבערן דאָרף, געזוכט און גענישטערט אין די שפּייכלעס אויסגעבאַהאַל־טענע שפּייז־אַרטיקלען.

דאָס קעמערל, וואָס בראָניע האָט פאַרלאָזט, איז געווען דאָס ערשטע טירל וואָס זעלנער האָבן עס געעפנט. אַריינגעשטעקט די קעפּ און געפונען דאָרטן דעם היימלאָזן הונט, וואָס האָט זיך אַרומ־געשלעפּט איבערן דאָרף...

— סוף, סוף — האָט דער סאָלטיס, וואָס האָט באַגלייט די זעלנער, זיך אָנגערופן — האָט זיך געפונען, ווער זאָל רחמנות האָבן אויף אַן אַרומבלאָנדזשענדיקן באַשעפעניש.

איינער פון די דייטשן, וואָס האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס מ׳רעדט, איז אַריין אין קעמערל. דער הונט האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און צוריק געפאַלן. אַן איבערגענומענער פונעם הונטס מצב האָט ער זיך צעשריִען:

— דער הונט איז פאַרהונגערט! צווישן אַזוי פיל מענטשן דאַרף דער הונט אַזוי אויסזען?! אין דייטשלאַנד קען אַזאַ זאַך נישט פאַסירן. פאַר אַזאַ שווייַנעריי דאַרף מען באַשטראָפן.

פון דאַנען זענען זיי אַריין צום פויער אין שטוב. אַ שיין פון עלעקטרישע לעמפּלעך, אָנגעשטעלט צום געעפנטן קעלער, האָט אַ לייכט געטאָן אויף די אָנגעשיטע קאַרטאָפל, אויף דעם ווענטל וואָס האָט צעטיילט דעם קעלער.

— פאַר וואָס איז ביי דיר דער קעלער קלענער ווי ביי אַלע אין דאָרף? — האָט דער סאָלטיס זיך געוווּנדערט.

— מיינע עטלעכע מאָרגעס פעלד גיבן מיר נישט קיין גע־רעטעניש פאַר אַ גרעסערן קעלער, גענוג פאַר מיר דער. ווער ס׳האָט מער פעלד, דאַרף גרעסערע שטאַלן און געסערע קעלערן.

דער סאָלטיס איז געוואָרן נייגעריק, אַראָפּ אין קעלער, אויס־געטאַפּט אַלע ווענטלעך. אַריין אין קעלער איז ער מיט חשד, אַרויס פון דאָרטן מיט אַ פּאַרדראָס. אומזיסט חושד געווען...

ווען די זוכער זענען אַרויס פון דער כאַטע, האָט דער פויער זיך געשטעלט אויף די קני, געצלמט זיך פאַר דער „הייליקער מו־טער". זיין פאַרכטיקער בליק האָט אויסגעדריקט אַ דאַנק און אַ לויב פאַר באַשיצן אים און זיין משפחה און געבעטן אויף ווייטער די „געטלעכע שוץ"...

✶

אין איינעם אַ טאָג איז צום פויער געקומען זיינער אַ שטאָ־טישער קרוב, געשיקט פון ד"ר רעדנער זיך צו אינפאָרמירן וועגן זיין משפחה. דער שליח האָט מיטגעבערענגט אַ געהיים בלעטל וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן, וועגן די דייטשישע מפּלות. בראָניאַ האָט פאַרגעלייענט דאָס בלעטל פאַרן פויער, וואָס האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון די נייעסן. די מלחמה, האָט דער פויער געזאָגט, גייט אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. ער אַליין האָט נישט געקענט לייענען, נישט שרייבן. ס'האָט אים קיין מאָל נישט אינ־טערעסירט קיין פּאָליטיק. נאָר זינט די דייטשן זענען אַריין, האָט ער אָנגעהויבן וואַרטן אויף זייער מפּלה. ער האָט פאַרגליכן די דייטשן צו אַ פלעשל וודקע. איין שטאַרקן קלאַפּ, פאַרלירט עס דעם קאָפּ און עס לויפט צוריק.

בראָניאַ האָט געוווסט, אַז נאָך לאַנג וועט געדויערן, ביז זי מיט די קינדער וועט קענען אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. נאָר זינט איר מאַן האָט אָנגעהויבן שיקן די געהיימע ידיעות, האָט זיך אין איר געשטאַרקט דער גלויבן, אַז זי וועט איבערלעבן. די צוויי קינדער, וואָס ליידן צוזאַמען מיט איר, ווי יונג זיי זענען, דאָך פאַרשטייען זיי שוין אַזוי פיל און זענען געווען שותּפים צו אַלץ וואָס געשעט. מילאַ איז קוים דרייצן יאָר געוואָרן, שוין איבער דריי יאָר אין מלחמה־באַדינגונגען. זינט זי האָט איר גענומען דער־

ציילן די פּריילעכע נייעסן, איז דאָס מיידל גאָר אַנדערש געשטימט. זי האָט דאָס ערשטע מאָל פֿון מילאַן געהערט אונטערברומען אַ לידל, וואָס זי פֿלעגט זינגען אין די פֿרידלעכע טעג. און ביי נאַכט שלאָפֿט זי רויִקער.

בראַניאַ האָט באַקומען אַ בריוועלע פֿון מאַן, וואָס האָט זי נישט ווייניק צעטומלט. ס׳איז געווען אַן אָנזאָג פֿון נייע געשע־ענישן. זי האָט אָנגעהויבן צוגרייטן די קינדער, זיי זאָלן מיט איינ־געהאַלטנקייט אויפֿנעמען די קומענדיקע געשעענישן. מילאָס ניי־געריקייט איז געשטיגן, ביז נישט קאָנען איינליגן, די מוטער האָט זי געבעטן זיך באַהערשן, שאַנעווען די נערוון. זי אַליין האָט זיך געהיט, די קינדער זאָלן נישט באַמערקן די געשפּאַנטע שטימונג, צו וועלכער דאָס קליינע בריוועלע האָט זי געבראַכט, ביז די קלאַפּע האָט זיך צעעפֿנט און ד״ר רעדנער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער. אין דער פֿינצטערניש האָט ער דערפֿילט אויף זיך די אַרויפֿגעפֿאַלענע קינדער, דעם פֿאַרהאַקטן אָטעם פֿון זיין פֿרוי. ס׳זענען אַריבער די מינוטן פֿון פֿאַרלוירענעם לשון און ד״ר רעד־נער האָט געזאָגט: „דאָס זענען די לעצטע טעג פֿון אונדזער פֿאַר־באָרגן לעבן״.

✶

אַרום לעמבערג זענען אָנגעגאַנגען פֿאַרביסענע קאַמפֿן און זייער פֿאַרלויף האָט זיך אָפּגעפֿילט אין קעלער. דאָס וואָפּן וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן קעגן הימל, קעגן דער ערד, קעגן מענטש־לעכן לעבן, איז לסוף שטיל געוואָרן. נאָר דער רויך פֿון די שריפֿות האָט נאָך לאַנג געשטיקט, לאַנג נאָך דעם ווי ד״ר רעדנער מיט זיין פֿרוי און קינדער זענען אַרויס אויף דער פֿריי.

מילאַ איז געגאַנגען אַ פֿאַרגאַפֿטע. ס׳איז איר שווער געווען צו פֿאַרשטיין, צי איז איר גאַנג אויף די באַפֿרייטע גאַסן נאָך אַ המשך פֿון דעם חלום אין דער באַהעלטעניש, אָדער ס׳איז די וואָר, צו וועלכער זי האָט די גאַנצע צייט אין פֿאַרבאָרגעניש געחלומט...

אַ מענטשלעך קול אין מידבר

זי איז געקומען פון איר שווער אַרומשלעפּן זיך איבער די דערפער, מיטן קוישעלע, ווו ס׳איז געלעגן איר ביסל „סחורה״: אַ פּאָר בייטעלעך מיט נאָדלען פון פאַרשיידענע גרייסן, קנעפּלעך צו וועש, צו גראָבע בורקעס, צו גאַרניטערס. און אויב זי האָט אַ בגד צו פאַרקויפן, האָט זי דאָס געטראָגן אויף זיך, מ׳זאָל עס איר נישט אַוועקשלעפּן. צו די דערפער איז זי געגאַנגען מיט מער זיכערקייט ווי צוריקגייענדיק צום געטאָ. די צלמלעך, די קליינע קאַטוילישע געבעט־ביכלעך, די קאָלירטע קרעלן מיט די נאָכהענגענדיקע „מאַריאַ״־בילדלעך — מיט דעם האָט זי גאָר גענומען גלייבן, אַז זי איז טאַקע די פּאַריאָגטע פון די פּוילישע געביטן וואָס די דייטשן האָבן אַוועקגערויבט ביי די פּאָליאַקן און זיי פאַרטריבן אין די מיזרח־טיילן פון פּוילן. זי, פּראַדעלע, די פריִער צעפּיעש־טשעטע בת־יחידקע פון חסידישן טאַטן, דעם תּבואה־סוחר, און שפּעטערדיקע פּראַנקאַ, האָט זיך מער געשראָקן פאַר די געטאָ־דראָטן ווי פאַר די דערפער, וואָס יעדער גאַנג אַהין איז געווען מיט טויט־סכּנות. די פּויערים און פּויערטעס האָבן זיך שוין געהאָט צוגעוווינט צו איר אַריינקומען מיטן „זאָל זיין געלויבט״... און צו אירע שטילע אָבער דרייסטע רייד. זי האָט קיין ספק נישט גע־לאָזט, אַז זי איז באמת די היימלאָזע פאַרטריבענע פּראַניאַ פון די שלעזישע געביטן. אין נישט ווייניק דאָרפישע כאַטעס, ווו מען האָט יאָ אָדער נישט געקויפט, אָבער פון שטוב זי נישט געלאָזט אַרויסגיין מיט ליידיקן. עפּעס מיטגעגעבן פאַר אירע היימלאָזע שטוב־מענטשן וואָס זי האָט געלאָזט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף.

געווען פֿויערטעס וואָס האָבן חושד געווען אַז זי איז עפּעס נישט דאָס וואָס זי שטעלט מיט זיך פֿאָר... צו איידל ביים איינ־רעדן צו קויפֿן, שיין קלינגט איר שפּראַך. איז זי געלערנט, דאַרף זי זיך פֿאַרנעמען מיט אַ שענערער אַרבעט ווי פֿאַרקויפֿן קנעפּלעך און קרעלן. ס׳זענען געווען אַנדערע וואָס האָבן זי פֿאַרשטאַנען אַזוי ווי זי איז, צוליב די מלחמה באַדינגונגען. פֿראַנקאַס עכט אַרישער בלאָנדער קאָפּ, איר דרייסט רעדן, דער שטענדיק אָנגע־שטעלטער שמייכל האָט גערעדט פֿאַר איר...

איינע אַן איבערגעשפּיצטע פֿויערטע וואָס האָט זיך צו איר באַצויגן גוט, שטענדיק עפּעס געקויפֿט ביי איר און שיין פֿאַרגי־טיקט, האָט אָן בייזע כּוונות איר דערציילט, אַז פֿון אָנהייב האָט מען זי חושד געווען, אַז זי איז אַ ייִדישקע. נאָר שפּעטער האָט מען אויפֿגעהערט רעדן פֿון דעם.

— זאָג מיר, פֿראַנקאַ, — האָט זי געפֿרעגט, — ווייסט דאָך, פֿאַר מיר דאַרפֿסטו זיך נישט אויסהיטן, אַפֿילו ווען ס׳איז ריכטיק...

פֿראַנקאַ האָט אַ געשריי געטאָן:

— יעזוס־מאַריאַ! ווער דערוועגט זיך אויסלאַכן מיין פֿאַר־אָרעמט לעבן! דאָס קענען נאָר אַזעלכע, וועמען עס גייט נישט אָן וואָס די דייטשן טרעטן אויף אונדזער ערד! אַזעלכע קורוועס וואָס האָבן פֿון די שוואָבן נישט געליטן! איך וועל אייך דאַנקען, אויב איר וועט מיר אַזאַ איינע אָנווייזן...

— ניין! ניין! פֿראַנקאַ, נעם זיך נישט צום האַרצן. כ׳האָב נישט געוואָלט דיך באַליידיקן. אָט בעבעט אַ דאָרפֿישע כלאָפּקע און ווייסט נישט וואָס זי רעדט...

אַ צייט איז פֿראַנקאַ נישט געקומען אין דעם דאָרף. געגאַנגען צו אַנדערע פֿויערים וואָס האָבן זי גערן געזען, אָן צו זוכן ווער זי איז. פֿאַר זיי איז גענוג געווען איר ברענגען וואָס זיי באַשטעלן און שוין...

אַ דאַנק פֿראַנקאַן־פֿראַדעלען האָט איר משפּחה נישט געליטן קיין הונגער. אויך די ייִדישע שכנים פֿון זעלבן הויז האָבן גענאָסן

פון פראַדלס אַרויס און אַריין פון געטאָ. זי וואָלט פאַר דעם ביסל שפּייז וואָס זי האָט אומזיסט צעטיילט, געקאָנט באַקומען גוט באַצאָלט ביי פאַרמעגלעכע ייִדן אין געטאָ. נאָר פראַדעלע האָט דאָס געטאָן, ווי איר פרומער טאַטע האָט דאָס אָנגערופן, לשם מיצווה, אָדער אַזוי ווי זי האָט דאָס פאַרשטאַנען — העלפן מענטשן. פראַדעלע האָט געהאָלפן דעם אָרעמען זלמן, וואָס זיין געוועלבל מיט די שוסטער־צודאַטן איז געבליבן אויף דער „אַרישער" זייט און ער איז פון דאָרטן פאַרטריבן געוואָרן מיט די ברילן און דעם גראָען אַרבעט־כאַלאַט וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן. און אויך אַנדערע נויטבאַדערפטיקע האָט זי געהאָלפן.

פראַדלס גיין איבער די דערפער און איר בשלום צוריקקומען איז געוואָרן נישט נאָר די זאָרג און פרייד פון אירע נאָענטע, נאָר אויך פון מענטשן וואָס זענען איר ביז דער געטאָ נישט געווען באַקאַנט. איר קוישעלע מיט דער סחורה האָט זי געמוזט פאַרשטעקן ערגעץ אין אַ ווינקל, איר פרומער טאַטע, ר' חיים, זאָל צו דעם זיך נישט צורירן. די אַלע „ייִדישע" זאַכן וואָס זי האָט געהאַט צו פאַרקויפן, האָט דער טאַטע איר געהאָלפן קריגן אין געטאָ. אָבער די צלמלעך און געבעט־ביכלעך, וועלכע זי האָט איינגעקויפט אויף דער „אַרישער" זייט, צו דעם האָט דער טאַטע נישט געטאָרט זיך צורירן. ער האָט אויך נישט געטאָרט וויסן, אַז ווען זי גייט איבער די דערפער הענגט אַ צלמל אַרום איר האַלדז און אַ בייטשל קרעלן מיט אַ נאָכהענגענדיק „מאַריאַ בילדל". איר פרומער טאַטע וואָלט מוותר געווען אויף פראַדעלעס פולע טאָרבעס שפּייז, ער וואָלט גרייט געווען ליידן הונגער, איידער עסן ברויט פון פאַרקויפטער טומאה...

פראַנקאַ האָט ערגעץ ביי אַ כאַטע געפונען אַ דאָקומענט פון אַ שיקסל, בערך אין אירע יאָרן, ווי אַן אָנגעהעריקע צו אַ פּוילישער משפחה וואָס איז פאַריאָגט געוואָרן פון מערבדיקן פּוילן. אין געטאָ האָט שמוליק דער דרוקער דאָס איבערגעקאָפּירט, געענדערט דעם נאָמען אויף פראַנקאַ קאָנאָפּיצקאַ, אַזוי ווי פראַדעלע האָט

באַשלאָסן זיך רופן. דאָס געפונענע פּאַפּירל האָט זי צוריק אונטער־געוואָרפן אין זעלבן דאָרף.

זעלטן ווען איז פראַנקאָ אויסגעקומען זיך באַנוצן מיטן פּאַ־פּירל, אָבער האָט אים שטענדיק געהאַט מיט זיך. איין מאָל איז זי אַרויס פון געטאָ מיט איבערגעטאָענע בגדים און פאַרגעסן אַרויס־נעמען דאָס „דאָקומענטל" פון דעם פריערדיקן אַנטאָן. איז זי שטיין געבליבן, געקלערט צי גיין ווייטער. ס'האָט זי געצויגן אויף צוריק. אַז זי איז אַריין אין שטוב, איז דער פאָטער געשטאַנען אין טלית און תּפילין ביי שחרית. אויסגעהערט די סיבה פון פראַדעלעס אומ־קערן זיך, האָט ער זי בשום אופן נישט געלאָזט אַרויסגיין פון געטאָ. געזען אין איר צוריקקומען אַ באַשערטע זאַך פון הימל...

✶

אין געטאָ האָבן זיך געצויגן גרויע טעג, אָנגעזאַפּט מיט פּחד און אומרו. פון דעם יונגוואַרג איז אַ קליינער טייל פאַרבליבן. איר רוב איז פאַרשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. גערעדט האָט מען אַז זיי אַרבעטן שווער, אָבער זענען פריי פון כאַפּערייען ערגעץ פאַרשיקט צו ווערן. ר' חיים האָט געאַרבעט אין דער סאָ־ציאַלער הילף ביים יודנראַט, געדרייט זיך צווישן די שטאָטישע עסקנים, האָט ער געוווּסט נייעסן פון דער „ערשטער קוועלע"...

איין מאָל איז ער געקומען אַ פאַרזאָרגטער. ער האָט זיך דערוווּסט אַז אין דעם לאַגער כעלמנאָ ווו זיינע צוויי זין זאָל מען האָבן פאַרפירט, איז גאָר אַ פאַרניכטונג־לאַגער, מ'פאַרגאַזט דאָרטן יידן. אָבער זיין קראַנק ווייב און זיין בת־יחידה פראַדעלע האָט ער דאָס נישט דערציילט. אים איז שווער געווען צו גלייבן, אין וואָס מ'רעדט... סתּם הרגענען מענטשן? די שלעכטע מחשבות האָט ער פאַריאָגט ביי אַ בלאַט גמרא, ביי אַ פּרק משניות.

נאָר פראַדעלע, די אַרומקריכנדיקע איבער די דערפער, פראַנקאָ, זי האָט זיך אָנגעהערט אין די פּויערשע שטובן וואָס עס טוט זיך

אַפּ מיט ייִדן אין אַנדערע שטעט. פראַנקאַס האַרץ האָט אויפגע־ציטערט פון דעם וואָס זי הערט, און נאָך מער פון טאָן ביים רעדן וועגן די געשעענישן. מיט הנאה־שמייכלען זענען זיי געווען זיכער, אַז די פאַרניכטונג וועט נישט אויסמיידן אויך די ייִדן פון זייערע שכנותדיקע שטעטלעך.

ווען פראַנקאַ פלעגט בשלום צוריקקומען פון וועג, האָט איר פּנים געשמייכלט ביים אויסליידיקן די אָנגעפילטע טאָרבע מיט שפּייז. זי האָט זיך אויך אויסגעהיט מיט אַ וואָרט פון דעם וואָס די גויים שמועסן און אויף וואָס זיי האָפן...

פראַדל האָט זיך דערמאָנט אין איר שול־חברטע יאַנינאַ, אַ טאָכטער פון אַ רייכן קריסטלעכן הענדלער. זינט די גימנאַזיע איז צוליב דעם מלחמה־אויסברוך פאַרמאַכט געוואָרן, האָט זי פאַר־לוירן דעם קאָנטאַקט מיט איר. איצט, ווען זי קומט אויף דער „אַרישער" זייט, האָט פראַדל באַשלאָסן צו באַזוכן זי און זען איר באַציִונג, איז זי נאָך איר שול־חברטע ווי פריִער, אָדער זי וועט איר, די זשידוווקע, נישט וועלן מער אָנקוקן.

פראַנקאַ האָט יאַנינאַן נישט געוואָלט שטעלן אין אַן אומ־באַקוועמער לאַגע, איז זי צו איר אַוועק בעת אין דרויסן איז שוין געווען גאַנץ טונקל. דערקענען וועמען, אַן אַריינקוקן אין פּנים, איז נישט מעגלעך געווען. אַז פראַנקאַ איז צוגעקומען צו יאַנינאַס שטוב, האָט זי דורך אַ לאַדנשפּאַלט געזען יאַנינאַן זיצן אָנגעבויגן איבער אַ העפט מיט אַ פעדער אין האַנט. אַ לייכטער קלאַפּ האָט יאַנינאַן אויפגעוועקט פון איר רויִקער פּאַזע, זי האָט זיך אומגע־קוקט צום לאַדן און געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— דיינס אַ שול־חברטע.

— פאַר וואָס ביים פאַרמאַכטן פענצטער? קום צו דער טיר.

ביים ערשטן בליק האָט זיך יאַנינאַ דערשראָקן. זי האָט נאָך די האַנט געהאַלטן אויפן האַרץ, איידער זי האָט זיך אָנגעהויבן

באַרויִקן. אין דער פֿאַרנעפּלטער שיין פֿון דער צעעפֿנטער טיר האָט מען געקענט זען ביידע אַרומגענומען מיט פֿאַרטרערטע אויגן...

יאַנינאַ איז אַרויס פֿון שטוב. ביים אַריינגאַנג גערעדט, דער־מאָנט די צייט פֿון זייער צעשיידונג, די שוליאָרן, ווען ביידע זענען געזעסן אויף איין באַנק, נאָענט געווען נישט נאָר אין דער שולע, אויך אין זייערע טעגלעכע קאָנטאַקטן. יאַנינאַ פֿלעגט קומען צו פֿראַדלען אין שטוב, און פֿראַדעלע איז געווען אַן אָפֿטע איינגיי־ערין ביי יאַנינאַן אין דער שטוב. ביידע — די צוויי בעסטע שי־לערינס אין קלאַס. פֿראַדל האָט זיך אויסגעצייכנט אין מאַטעמאַטיק און יאַנינאַ אין געשיכטע. ביידע האָט מען גערופֿן — די צוויי „פֿלאַקסענע קעפּ". ביידע מיט לאַנגע, דיק געפֿלאָכטענע בלאָנדע צעפּ, פֿאַרוואָרפֿן אויף פֿאַרנט. ביידע די זעלבע גרייס, ענלעך צו אַ „צווילינג", נאָר דאָס וואָרט האָט דער מאַטעמאַטיק־לערער זאַגור־סקי, וואָס האָט שטאַרק געשעצט פֿראַדלען, נישט געוואָלט ברענגען פֿאַרן מויל, ווייל ער האָט געקענט פֿראַדלס פֿאָטער ווי אַ שטרענג רעליגיעזן ייִד. אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט ביידע אויפֿ־נעמען מיט דער זעלבער רעספּעקטפֿולער באַציִונג, און מיט די זעלבע מאָס שבחים פֿאַר זייערע קענטענישן.

שכנים פֿון הויז זענען דורכגעגאַנגען, יאַנינאַ האָט זיי געגריסט. כּמעט אַלע האָבן מיט אַ לייכטן אויסרייד געוואָלט וויסן, מיט וועמען די נאָך יונגע יאַנינאַ שטייט אין דער פֿינצטער. איינער האָט זיך אַ וויצל געטאָן: „געמיינט מיט אַ קאַוואַליר, איז עס גאָר אַ קאָלעזשאַנקע"...

פֿראַדל איז געווען צו יאַנינאַן אויפֿריכטיק, איר דערציילט, אַז זי גייט אַרויס פֿון געטאָ אָן דער „שאַנד־לענטע", קומט אין דערפֿער מיטן נאָמען פֿראַנקאַ, ווען נישט דאָס, וואָלטן אירע שטוביקע גע־ליטן גרויס בויט ווי אַנדערע ייִדן אין געטאָ. שטעלט זי אין סכּנה איר לעבן פֿאַר אירע אייגענע, און פֿאַר נאָך אַנדערע, וועמען זי דערטיילט הילף.

יאַנינאַ האָט זיך ערנסט צוגעהערט צו איר חברטעס רייד און

געפילט זיך נישט באַקוועם, וואָס זי לעבט פריי און איר ייִדישע חברטע איז פאַרמישפּט צו שמאַכטן הינטער דראָטן. די טראַדי־ציאָנעלע פּוילישע ייִדן־שׂינאה האָט זי אָפּגעוואָרפן. אויך אירע עלטערן, באַזונדערש דער פאָטער, אַ באַן־אַרבעטער מיט סאָציאַ־ליסטישע שטימונגען, האָט זי דערצויגן אָן ראַסן־שׂינאה און גע־לעבט מיט די ייִדן בשלום.

נאָכן אויסרעדן זיך מיט פראַנקאָן איז יאַנינאַ אַריין פרעגן די עלטערן צי זי מעג עפּעס מיטשיקן. דער פאָטער האָט אָפּגעשניטן אַ האַלבן ברויט, אַ טאַרבקע מעל, אַ קרויטל, אַ ביסל קאַרטאָפל. דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען אין אַ זעקל. פראַנקאַ האָט איר גע־דאַנקט, געדריקט צו זיך. יאַנינאַ האָט זי אַ שטיקל וועג באַגלייט, און ביידע האָבן זיך האַרציק געזעגנט. יאַנינאַ האָט געפרעגט, אויף ווי לאַנג? פראַנקאַ, אַ פאַרקלעמטע, האָט געצויגן מיט די אַקסלען...

ס׳זענען אַריבער וואָכן און יאַנינאַ האָט פראַנקאָן נישט געזען. זי האָט געהערט, אַז די דייטשן האָבן דערשאָסן עטלעכע געכאַפּטע ייִדן אויף די וועגן, צווישן זיי אַ מיידל. לויט אַלע סימנים, וואָס זי און איר פאָטער האָבן געהערט, זענען זיי געווען זיכער, אַז דאָס איז פראַנקאַ. יאַנינאַ האָט שטאַרק באַדויערט פראַנקאָס טויט, אַזוי טראַגיש פרלוירן איר יונג לעבן. יאַנינאַ האָט געשאָלטן די שוואַ־בעס, זיי אָנגערופן חיות פון דזשונגל. אויך אירע עלטערן האָבן טיף באַדויערט דעם טראַגישן פאַל און די טראַגעדיע פון די ייִדן.

*

אין געטאָ האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דייטשן פּלאַ־נירן זי צו פאַרקלענערן, אַ טייל פון די ייִדן אַרויספירן און דאָס איז אויסגעטייטשט ווי אומקום. פראַדלס אומרויִקע נאַטור האָט נישט גערוט, איר מוח האָט געטראַכט, זי געמאַטערט: וואָס זאָל מען איצט טאָן? מען מוז ערגעץ אַנטלויפן, אָבער וווּהין? אפשר צו יאַנינאַס עלטערן? דער טאַטע אירער וועט דערזען אויף אַמאָל

דריי ייִדן, וועט ער בייז ווערן און זיי פאַרטרייבן. ער איז אַ פאַר־שטענדלעכער נישט קיין שלעכטער מענטש, נאָר מ׳דאַרף אים נישט אַריינפירן אין אַ כּעס. פראַנקאַ האָט באַשלאָסן, זי אַליין וועט צוגיין צו יאַנינאַן, רעדן מיט איר פאָטער, אפשר וועט ער געפינען אַן אויסוועג? זי איז אַוועק צו איר חברטע. זי האָט נישט געוווּסט, אַז ביי יאַנינאַן און אירע עלטערן איז זי שוין אַ טויטע...

אַז יאַנינאַ האָט דערזען איר חברטע אין דער צעעפנטער טיר, זענען אירע עלטערן אַנגעלאָפן אויף יאַנינאַס קוויטש:

— פראַנקאַ, דו לעבסט?!

פראַנקאַ האָט נישט פאַרשטאַנען יאַנינאַס איבערצלמען זיך און געענטפערט פאַרחידושט:

— יאָ! איך לעב און וויל לעבן!

ווידער האָבן ביידע נאָך דעם לענגערן איבעררייס געהאַט פון וואָס צו שמועסן. אָבער פראַנקאַן זענען אַנגעגאַנגען גורלדיקע ענינים. זי האָט פאַרפירט אַ שמועס מיטן פאַן טאַדעאוש, אים דער־ציילט וועגן די נייע טויט־סכּנות פאַר אַלע ייִדן אין געטאָ. איז זי געקומען צו אים זוכן אַ רעטונג, אָדער אַ גוטע עצה, ווי צו ראַ־טעווען זיך מיט אירע עלטערן.

טאַדעאוש האָט נישט געפונען קיין שום מעגלעכקייט מיט וואָס איר צו העלפן. ער האָט נאָר געראַטן, זי זאָל ערגעץ אין אַ דאָרף אויסגעפינען אַן אָרט פאַר טאַטע־מאַמע ביי אַ פּויער, וואָס וועט פאַר געלט דאָס וועלן טאָן. זי אַליין, מיט איר אויסזען, וועט ווי נישט איז זיך אַן עצה געבן.

פראַדל האָט נישט פאַרטראָגן קיין קווענקלעעניש. באַשלאָסן: זי וועט די עלטערן זאָגן, אַז מאָרגן גייט זי אין דאָרף, וועט זי געפינען מיט וועמען צו רעדן. דער בלויזער געדאַנק האָט זי גע־טרייסט, אַ ביסל באַרויִקט. יאַנינאַ איז אַרויס באַגלייטן פראַנקאַן און געפילט דער חברטעס קלעמעניש. ס׳איז שוין געווען סוף טאָג, נאָענט צו דער פּאָליציי־שעה. אויפן וועג צום געטאָ האָבן מאַרשירט מיליטערישע אָפּטיילונגען ווי צום פראָנט. ביידע חברטעס האָט עס

אויסגעזען פֿאַרדעכטיק. יאַנינאַ האָט פֿראַנקאָן געצויגן אויף צוריק. פֿראַנקאַן איז באַפֿאַלן אַ שוידער. איר פֿאַרשטיקט געוויין האָט גע־קענט אַרויסרופֿן חשד ביי די פֿאַרבייגייער... אייניקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי די געטאָ־דראָטן און גערעדט צווישן זיך:

— ס'וועט שוין זיין פֿריילעך מיטן ביסל ייִדן...

פֿראַנקאַ איז אַ שטיק נאַכט נישט געשלאָפֿן. אירע מחשבות זענען געווען אין געטאָ, מיט טאַטע־מאַמע. מיט וואָס קען זי זיי איצט העלפֿן, ווען זי אַליין ליגט אַן אומבאַהאָלפֿענע און שטיקט זיך מיט אירע טרערן?.. אַרום איר איז נאַכט, אַ רויִקע נאַכט פֿאַר די שטוב־מענטשן. אויך יאַנינאַ שלאָפֿט געשמאַק. ביים לייגן זיך אין בעט האָט זי קיין קלער נישט געטאָן, אַז פֿראַנקאַ גייט זיך לייגן אַ צעבראָכענע. ווי אַזוי לעבט מען איבער אַזאַ נאַכט? זי האָט זיך אויפֿגעזעצט, געקוקט אין דער שוואַרצער געדיכטעניש, מיט ביידע הענט פֿאַרשטעלט דאָס מויל, אַ געשריי זאָל זיך פֿון אים נישט אַרויסרייסן. לאַנג איז זי אַזוי געזעסן. די נאַכטיקע שטילקייט האָט זי לסוף פֿאַרוויגט...

— פֿראַנקאַ, פֿראַניאַ, שטיי אויף! ס'איז דאָך שוין לאַנג טאָג!

פֿראַנקאַ האָט ראַפּטעם זיך אויפֿגעזעצט. דערזען יאַנינאַן אָנ־געבויגן צו איר.

קען זי דען דערציילן יאַנינאַן וואָס זי האָט איבערגעלעבט איידער זי איז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען איינגעשלאָפֿן? וועט זי דאָס אַלץ פֿאַרשטיין, פֿילן? כאָטש יאַנינאַ איז פֿון די אויס־דערוויילטע אינעם רוצחישן דזשונגל אויף דער פּוילישער ערד.

פֿראַנקאַ האָט נישט אויפֿגעהערט קלערן וועגן דער מיליטע־רישער באַלאַגערונג אַרום געטאָ. געפֿילט די טויט־סכּנה אויף די ייִדן, נאָר כּל־זמן פֿון דער זייט פֿון געטאָ איז שטיל, האָט זי זיך געוואָלט איינרעדן, אַז אפֿשר טרייבט זי איבער מיט אירע שלעכטע אַנונגען. מיט אַמאָל איז די לופֿט אויפֿגעציטערט געוואָרן פֿון אַ געדיכט שיסעריי.

פֿראַנקאַ איז געזעסן מיט אַ טויט־בלאַס פּנים, געציטערט, גע־

בראָכן די פינגער. די שאָסן האָבן געלעכערט איר מוח. דער אונ־טערגאַנג פון דער געטאָ איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן. אַ קנויל האָט געשטיקט איר האַלדז. די שטוביקע האָבן איר מיטגעפּילט. פאַרמאַכט דאָס פענצטער, די טיר.

אַ סך זענען געלאָפן צו דער געטאָ. די דייטשן האָבן נישט געשטערט די פּאָליאַקן זיך דערנענטערן צו די דראָטן, זיך איינקוקן צום בלוטיקן פּאָגראָם. אַ טייל איז שוין געגאַנגען אויף צוריק. נישט געוועזן וואָס צו זען מער. ווי דאָס ווי די יידן, צום טויט פאַרמישפּטע, ווערן פון די הייזער אַרויסגעטריבן צו די זאַמל־ערטער. די דייטשן האָבן געוווסט אַז די פּוילישע באַפעלקערונג וואַרט אויף דעם טאָג, זייער שטאָט זאָל ווערן יידן־ריין. וואַרטן אויף דער ירושה „פּאָ זשידאַך"...

יאַנינאַ מיט אירע עלטערן זענען נישט געווען פון די לויפער, אָבער זייער בייגעריקייט צו וויסן וואָס ס'טוט זיך אין שטאָט איז געווען גרויס. די אָפּגענומענע גרוסן פון די שכנים וואָס זענען יאָ אַהין געגאַנגען, זענען געווען שוידערלעכע. טאַדעאוש האָט אַריינ־געקוקט צו פראַנקאַן אין חדרל, געזען זי ליגן אויפן בעט מיט אַראָפּגעהאָנגענע פיס. ווען ער הערט נישט איר שטיל וויינען, וואָלט ער געמיינט אַז זי איז אַ פאַרחלשטע אָוועקגעפאַלן. יאַנינאַ האָט געקוקט אויף איר טאַטנס פּנים און געהערט אים זאָגן:

— זי וועט זיך אויסוויינען און זיך איינשטילן. זאָל זי צו־פרידן זיין אַז זי האָט נעכטן נישט געקענט אַריין אין געטאָ...

פראַנקאָ איז געלעגן אַן אַ ווילן זיך שטעלן אויף די פיס, מער וויינען האָט זי נישט געקענט. זי איז געלעגן ווי אַ געליימטע. יאַנינאַ האָט אָבער נישט געקענט איר חברטע אַזאַ איינגעבראָכענע. אויך האָט זי איבערגעקלערט, אַז די עלטערן קענען איר פאַר־וואַרפן, אַז זי איז שולדיק אין פראַנקאַס געפינען זיך ביי זיי. דאָס האָט זי אַ יאָג געטאָן אין חדרל, אַ ציי געטאָן פראַנקאַן ביי דער האַנט:

— נו, גיי שוין אַראָפּ פון בעט!

פראַנקאַ האָט אויף זיך געטראָגן צוויי שווערע לאַסטן: דער יידישער אומקום און דאָס בלייבן אַליין אין אַ פרעמדער וועלט. איר פאַרבליבענע וועלט האָט זיך קאָנצענטרירט אין יאַנינאַס חדר, אַ טריט איבער דער שוועל פון דעם הויז, און פאַר אירע אויגן איז געהאָנגען דער טויט־אורטייל.

מיט דער צייט האָט פראַנקאַ זיך געמוזט שיידן פון אַ סך פירעכצן אין איר פרומער שטוב. נייע מחשבות, נייע פליכטן, נייע געראַנגלען מיט זיך און מיט דער סביבה. דאָס שווערסטע איז פאַר איר געווען די ערשטע פרווון זיך פאַרמעסטן מיט איר יידישער נשמה. ס'האָבן צווישן זיך געראַנגלט פראַדל, די טאָכטער פון ר' חיים דעם אָפּגעהיטענעם תורה־ייד, און פראַנקאַ די פאַרבלי־בענע יתומה מיט איר יידישן גורל. ווי אַזוי מאַכן נאָכגיביקער איר פאַרעקשנטע נשמה? דערוויטערן פון זיך פראַדעלען? זי האָט דאָס געפרוווט טאָן מיט לייענען ביכער וואָס יאַנינאַ האָט איר אָנ־געברענגט.

— דאָס בוך אינטערעסירט דיך? — האָט יאַנינאַ זי איין מאָל געפרעגט, צוזעענדיק ווי פראַנקאַ איז פאַרטיפט אין לייענען.

— שטאַרק.

— מיט וואָס?

— לייען ווערסטו זען, ווי חיות פון זעלבן מין לעבן צווישן זיך בשלום. מענטשן קאָן מען דערמיט נישט פאַרגלייכן אַפילו צו וואַלד־חיות. וויפל מלחמות, פּאָגראָמען צווישן שבטים, ראַסן, פעלקער... מענטשן ברענגען אום די וועלט.

— לאָז מיך אָפּ מיט דיינע וועלט־פּראָבלעמען, לאָמיר רעדן וועגן אונדזערע ענינים. איך ווייס, פראַנקאַ, לעבסט שווער איבער דיין לאַגע. קוק אָן מיין טאַטן ווי ער גייט אַרום מיט אַ בייז פנים. איך ווייס נישט פון וואָס ער איז בייז, אויף וועמען, אפשר אויף מיר? אויף דיר?

— איז וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר, טייערע יאַנינאַ?

— איך פאַרלאַנג זאָלסט זיך שטעלן אויף די פיס, אויפהייבן

דעם קאָפּ, וואַש ריין דאָס פּנים פון דיינע טרערן, גיי אַריין אין לעבן. איידער מיין טאַטוש זאָל דאַרפן דיך אויפמערקזאַם מאַכן, איז בעסער זאָלסט נעמען פאַר ערנסט מיינע רייד...

פראַנקאַ האָט אַ גלעט געטאָן יאַנינאַס קאָפּ:

— טייערע מיינע, אַ מענטשלעכע נשמה איז נישט קיין שפּיל־צייג וואָס מ׳קען עס אָנצינען ווי מ׳וויל. אָן דיך ווייס איך נישט וואָס פון מיר וואָלט געוואָרן.

יאַנינאַ האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען, אָבער כּל־זמן איר חברטע איז ביי זיי אין שטוב, זאָל זי זיך נישט פילן ווי אַן אויסבאַהאַל־טענע, זאָל מיט אַלע צו גלייך זיצןביים טיש, מ׳זאָל אויפהערן טראָגן אין חדר אַריין די שיסעלעך מיט עסן...

יאַנינאַ האָט אַרויסגענומען פון שאַנק אירע קליידלעך, פאַר־געלייגט פראַנקאַן אַ העל ראָז מיט אַ טיפן דעקאָלט.

פראַנקאַ האָט געשמייכלט:

— צו דעם אויסשניט דאַרף מען ריינע וועש, אַ גוטע שטי־מונג, אַ פריילעך פּנים, דאָס אַלץ איז געבליבן דאָרטן...

יאַנינאַ האָט איר אָפּגעענטפערט מיט שטראָף־רייד:

— פראַנקאַ, ביסט לעבן געבליבן, זיי צופרידן און געניס פון דיינע יונגע יאָרן!

פראַנקאַ האָט פון דעם בערגל קליידלעך אָנגעמאָסטן עטלעכע, און טאַקע דאָס ראָזע האָט געמאַכט איר פיגור שיין, גראַציעז, דאָס פּנים — העלער. צי זי האָט יאָ אָדער נישט געוואָלט, האָט זי זיך אין שפּיגל צעשמייכלט...

*

ס׳איז אָנהייב פרילינג, דעם ווינטער האָט פראַנקאַ איבערגע־לעבט מיט אַ געדריקטער שטימונג. יעדער גראָער טאָג האָט איר דערמאָנט אין די אומעטיקע טעג אין געטאָ. דער טאַטע אירער איז געווען אַ יודנראַט־באַאַמטער, אים האָט מען נישט געכאַפּט צו די שקלאַפן־אַרבעטן, נאָר אירע צוויי ברידער זענען געפיינִיקט גע־

וואָרן ביים האַקן שטיינער, גראָבן ערד. זי אַליין, פראַדעלע, האָט ווי אַ קליין נאַיִוו קינד זיך צוגעקוקט צו די אַלע צרות, נישט פאַר־שטאַנען צו וואָס אַזאַ לעבן קען דערגיין. פלעגט רעדן וועגן אַ גאָרטן, גראָז און בלומען. זי האָט געהאָפט...

✶

יאַנינאַ האָט זי געלאַדן אויף אַ „זאַבאַווע" (פאַרוויילונג) וואָס האָט געדאַרפט מאָרגן, זונטיק, פאָרקומען, און באַשטאַנען דורכויס אַז פראַנקאַ זאָל מיטקומען.

ביים ערשטן מאָל אַרויסגיין מיט יאַנינאַן, אַן אויסגעפּוצטע און אָנגעפּודערטע, האָט זיך פראַנקאַ געפילט ווי זי וואָלט גע־טראָגן אויף איר פּנים אַ מאַסקע אָדער אַריין אין אַ פרעמדער הויט. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט יאַנינאַ זאָל נישט דערקענען איר אי־נערלעכע צערודערונג, געשמייכלט, געברומט אַ טאַנץ־מעלאָדיע, זיך אַ דריי געטאָן אין גאַנג, ווי עס פּאַסט פאַר יונגע יאָרן.

אין טאַנצזאַל — אַ געדיכטע לופט מיט ריחות פון בראָנפן, פּאַפּיראָסן־רויך, שמעקעדיקע וואַסערלעך, פּודער. פראַנקאַ האָט געבלאָזן פון זיך די שווערע לופט, זיך אויסגעהיט, יאַנינאַ זאָל עס נישט באַמערקן. יאַנינאַ איז גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן פון אויסגעפּוצטע קאַוואַליערן, וואָס האָבן געקוקט אויף איר שיין אויס־זען, אויף איר שיין פאַרקעמטן קאָפּ בלאָנדע האָר מיטן פאַרוואָר־פענעם צאָפּ אויף פאָרנט. יאַנינאַ האָט די האַנטדרוקן איבערגעפירט צו דער זייט ווו פראַנקאַ איז לעבן איר געשטאַנען, און מיט אַ צעשמייכלט פּנים אויפגענומען די באַקאַנטשאַפטן, געדאַנקט פאַר די קאָמפּלימענטן וואָס זענען צו איר געפאַלן גלייך ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט:

— שיין, ווי יאַנינאַ, ענלעך צו איר ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

יאַנינאַן, אַזוי אויך פראַנקאַן, האָט מען נישט געלאָזט רוען, זיי זענען „פאַרכאַפּט" געוואָרן פון טאַנץ צו טאַנץ, פון איין קאַ־

וואַליער צום צווייטן. ביי רויִקע סענטימענטאַלע טאַנגאָס איז פֿראַנקאַ געווען אַ גוטע פּאַרטנערקע מיט יעדן טענצער. נישט לייכט איז איר אָנגעקומען ביי די צעפֿליִגענע, צעשפּרונגענע פּאָלקעס אָנצוהאַלטן דעם שוווּנג. די אַ טענץ האָט זי מיט פֿאַר־שיידענע תּירוצים אויסגעמיטן. יאַנינאַ האָט פֿאַרשטאַנען איר אָפּ־זאָג. ווען ווער פֿון די קאַוואַליערן איז צוגעשטאַנען, נישט געוואָלט אָננעמען פֿראַנקאַס אָפּזאָג, איז יאַנינאַ געווען גענוג קלוג זי צו פֿאַרענטפֿערן: „הײַנט נישט"... פֿראַנקאַ איז געווען צופֿרידן פֿון יאַנינאַס אַריינמיש און ביידע מיט אַן אויגן־קוועטש, מיט אַ שמייכעלע, האָבן זיך גוט פֿאַרשטאַנען...

אין איינעם אַן אָוונט נאָך אַ פֿרייען זונטיק, האָט טאַדעוש פֿאַרבעטן זיינע חברים צו שפּילן אין קאָרטן. יאַנינאַ האָט קיין מאָל ביי אַזאַ צונויפֿקום זיך נישט אויסבאַהאַלטן אין איר חדרל, להיפּך ס'האָט זי געצויגן, אַ שיין פֿאַרקעמטע און אויסגעפּוצטע, העלפֿן דער מוטער דערלאַנגען צום טיש ביים אויפֿנעמען די געסט. קאָמפּלימענטן מיט „פּעטע" וויצן שאָדן נישט צום געזונט. וואָס האָט איר דאָס געשטערט? דאָס רופֿט אַרויס אַ שמייכל, אַ גע־לעכטערל, אויך די עלטערן האָבן פֿון דעם הנאה, גרויסן זיך מיט זייער שיינער טאָכטער. דאָס שאַפֿט אַ גוטע שטימונג, טרינקט מען נאָך אַ גלעזל, אין שטוב איז פֿריילעך. יאַנינאַ האָט דאָס מאָל נישט געקאָנט צונויפֿנעמען אַלע קאָמפּלימענטן פֿאַר זיך. מיט איר איז אויך געווען פֿראַנקאַ. אַ שיין איבערגעטאָענע, האָט זי געצויגן צו זיך בליקן — נייגעריקע, פֿאַרחידושטע. אַ פֿרישע חברטע?

ווי שטענדיק האָט יאַנינאַ געוווּסט דעם סטאַנדאַרטן „קבלת־פּנים" וואָס זי וועט פֿון איר טאַטנס חברים באַקומען: אַ קוק אויף איר, אַ קוק צו די קאָרטן, אַן אויגן־פֿלירט וואָס איז שטענדיק געווען געצילט צו איר. איז עס דאָס מאָל צוגעגאַנגען אַ ביסל אַנדערש. די בליקן זענען פֿון אָנהייב געשפּרונגען צו ביידע — פֿון יאַנינאַן צו פֿראַנקאַן. און ווי יעדע מיידל וואָס האָט ליב געליובט צו ווערן, האָט יאַנינאַ געוווּסט ווי צו ציִען אויף זיך מער

אויפמערקזאַמקייט. איר רייץ, איר שמייכל, איר ליבהאַרציק פּנים האָבן די מענער געמאַכט רעדעוודיק: „אוי ווען איך בין כאָטש מיט אַ דרייסיק יאָר ייִנגער"... נאָך ווער: „די וועלט וואָלט איך איבערגעדרייט, יאַנינאַ זאָל זיין מיינע"... און זי, מיט אַ הילכיק געלעכטערל, מיט אַ ממזרישן ווונק, האָט ווילעריש אָפּגעענטפערט:

— ווען מיין טאַטוש דערלויבט מיר, וואָלט איך מיט אייך אַלע זיך געשפּילט... אין קאָרטן...

אַלע האָבן געלאַכט.

פראַנקאַ איז דווקא געווען צופרידן וואָס דעם גאַנצן רושם פון זייער ביידנס אַריינקומען האָט יאַנינאַ געצויגן צו זיך.

אויפן טיש זענען געשטאַנען פלעשער מיט בראָנפן, טעלערס מיט געשניטענע פליישן, מיט כל־מיני זויערע און געזאַלצענע פאַר־בייסעכצן. די שטימונג — אַ היימיש־חברישע, ווי ס'איז אָנגענו־מען ביי אַזאַ צונויפטרעף. טאַדעוש איז כמעט מיט די אַלע וואָס זענען געזעסן אַרום די קאָרטן, געווען פאַרבונדן ביי שמוגלערייען פון דער פּראָווינץ קיין וואַרשע, וואָס ווערט מיט גרויס ריווח אָפּ־געזעצט.

איינער פון די קאָרטן־שפּילער, עוגעניוש, ביז דער מלחמה אַ וואַרשעווער איינוווינער, מלחמה־צייט געזעסן אויף דער פּראָ־ווינץ, געשמוגלט קיין וואַרשע פאַרבאָטענע סחורות, האָט שטאָל־צירט מיט זיין ייִחוסדיקן אָפּשטאַם, ווי אַ ברודער־זון פון באַ־רימטן אומגעבראַכטן באַנדיט זשעלינסקי. ווען אַלע זענען שוין אַרויס פון שטוב האָט ער טאַדעושן אָוועקגערופן אין אַ זייט, שטיל אים אַראָפּגעלאָזט אַ „סוד" אַז יאַנינאַס חברטע, אויב זי ווייסט נישט, איז ער כמעט זיכער, אַז די פראַנקאַ טראָגט אַ פאַלשן נאָ־מען... טאַדעוש האָט אויף אים אַ שפּיזיק שאַרפן קוק געטאָן, אָנגעכאַפּט פאַר די קלאַפּעס און צוגעדריקט צו דער וואַנט:

— די הורנזון! ווי וואַגסטו אַזעלכע רייד...

טאַדעוש האָט נאָך נישט באַוויזן פאַרענדיקן, איז פאַר זיינע אויגן אויפגעקומען אַ געצילטע לופע פון אַ רעוואָלווער:

— לאָז מיר אָפּ! איך שיס אין דיין קאָפּ!..

טאַדעוש, פריִער מיט אַן אָנגעצונדן פּנים, מיט פאַרקריצטע ציין, איז געוואָרן נאָכגעלאָזענער:

— ביסט טאַקע אַזוי זיכער אין דעם וואָס האָסט געזאָגט?

— יאָ! מיין קוק האָט מיך נאָך קיין מאָל נישט גענאַרט, דעם רעוואָלווער טראָג איך לעגאַל, מיט רעכט פון דער זשאַנדאַרמעריע...

טאַדעוש האָט זיך נישט פאַרלוירן:

— ביסט אַ דייטשישער אַגענט? אַ פּוילישער פאַררעטער?

— ניין טאַדעוש! נאָר ביים אויסראָטן דאָס ביסל פאַרבליבענע „יִדישע ווערעם" וואָס קריכן אַרום אין די פּוילישע גאַסן, קומען אַריין אין פּוילישע שטובן, האָבן ביי זיך פאַלשע דאָקומענטן. דערביי האָב איך שוין אַ סך דערפאַרונג, אויך פאַרדינסטן...

טאַדעוש האָט געביטן דעם טאָן:

— איך וועל נאָכפאָרשן דעם ענין, וועסט וויסן דעם רעזול־טאַט, גוט וואָס האָסט מיר געזאָגט. ביסט מסכּים?

— יאָ!

טאַדעוש האָט זיך געכאַפּט, אַז ער שטעלט אין סכּנה זיך, זיין משפּחה און פראַנקאַן. האָט ער עוגעניושן צוריקגערופן:

— זעץ זיך נאָך אַ ווײַלע, לאָמיר רעדן צווישן זיך ווי צוויי קאָלעגן, ווי צוויי מענער.

טאַדעוש האָט צוגעברענגט נאָך אַ פלאַש „בימבער" מיט פאַר־בייסעכץ, ביידע זענען אַריין אין אַן ערנסט־פאַרטרוילעכן שמועס, וואָס האָט געדאַרפט צווישן זיי ביידע בלייבן אַ סוד.

— דאָ יאַסנעי כאַלערי! האָסט מיר געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע! — האָט עוגעניוש אַרויסגעסיקעט פון צווישן זיין פאַרקרימט מויל: — ווילסט מיר שטערן אין מיין אַרבעט?! האָסט דאָך דיין משפּחה אויך געשטעלט אין אַזאַ געפאַר! ווי קומט עס צו דיר, אַזאַ אמתער פּוילישער פּאַטריאָט, זאָלסט זיך פאַרנעמען מיט אויס־באַהאַלטן אַ זשידוווקע און מאַכסט עס אַזוי אָפן. ביסטו אַזוי זיכער

מיט זיך? פאַרנעם זיך מיט מער נוצלעכע ענינים ווי מיט אַזאַ נישטיקייט...

טאַדעושן האָבן די רייד אויפגעבראַכט, ער האָט אָבער גוט געוווּסט מיט וועמען ער רעדט, און אָפּגעהיט קאַלטבלוטיקייט:

— עוגעניוש, איך קען דאָך דיך נישט פון היינט, פאַרשעם נישט דיין קריסטלעך גלויבן, פאַנגסט אומשולדיקע מענטשן און גיסט זיי איבער צו די דייטשישע מערדער? פּע! די חרפּה איז פון דיר, נישט פון מיר. וואָס האָט דיר דאָס מיידל שלעכטס געטאָן, וואָס ווילסט זי שיקן צום טויט? פאַרטראַכט זיך, פרעג דעם קשאָנדז, צי מען מעג אַזעלכעס טאָן.

טאַדעוש האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז, דער צונויפקלאַפּ פון די גלעזער האָט אָפּגעקלונגען — „נאַ זדראָוויע!" (צום געזונט) דער שמועס איז ווייטער געגאַנגען מיט מער אימפּעט:

— דאַ כאָלערי! — האָט עוגעניוש זיך געבייזערט, — נאָך וואָס האָסטו מיך היינט צו זיך פאַרבעטן? אַריינהאַקן אַ קלין אין קאָפּ? דאַ יאַסנעי...

— גענוג מיט דיינע קללות! געדענק וואָס כ'האָב מיט דיר גערעדט! ביסט אַ פאָטער פון קינדער, אַ מאַן פון אַ ווייב, געהערסט צו אַ פיינער משפּחה, פאַרשעם נישט זיי און זיך. גיב מיר דיין וואָרט... און ווייסט וואָס? — האָט טאַדעוש אים פאַרגעלייגט — לאָמיר צוזאַמען גיין צום קשאָנדז זיך מתוודה זיין. מיר וועלן הערן, און זיין געהאָרכיק צו זיינע רייד.

ביידע האָבן איינגעשטימט און אָפּגערעדט די צייט.

*

אין דרויסן האָבן נאָך אָפּגעהילכט די לעצטע מאָנאָטאָן צעצויגענע קלאַנגען וואָס האָבן זיך צעטראָגן פון דאַכשטיבל אין קאָשטשאָל, ווו דער גלאָקן־ציִער האָט נאָר וואָס די שטריק פון זיינע הענט אַרויסגעלאָזט. די גרויסע מעשענע גלאָקן האָבן פון

נאָכגעלאָזענעם שווונג זיך נאָך געשאָקלט, די קלאַנגען־אָפּהילכן זענען אַלץ שוואַכער געוואָרן. אַרום קאַשטשאַל האָט ווידער זיך צעשפּרייט אַ פּאַרגליווערטע שטילקייט.

דורכן שמאָלן אַרויסקוק־פענצטערל האָט דער גלח ראַשינסקי געזען צוויי מענער גיין גלייך צו דער שווערער אייזערנער טיר. זיי זענען אַריין אין גרויסן קלויסטער־רוים. די ווענט־באַהאָנגענע מיט יעזוס־ און מאַריאַ־בילדער, מיט קליינע און גרעסערע צלמים. ביידע זענען געבליבן שטיין. אַנטקעגן זיי האָט זיך צעעפנט אַ טיר פון דאָרטן איז אַרויס דער קשאָנדז אין אַ קורץ ווייס העמדל אויף דעם שוואַרצן לאַנגן טוכענעם בגד. ביידע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, מיט געבויגענע קעפּ זיך געצלמט. דער גלח האָט זיי באַשפּריצט מיט הייליקע וואַסער־טראָפּנס. קיין מתּנות האָט קיין איינער פון זיי נישט געבראַנגט, נאָר טאָרבעלעך מיט געלט האָבן זיי אַוועקגעלייגט, ווען יעדער באַזונדער איז געווען אויג אויף אויג מיטן קשאָנדז.

דער ערשטער האָט זיך צום גלח דערנענטערט טאַדעוש, גע־קושט זיין האַנט, מיט צונויפגענומענע האַנט־פלאַכן און מיט פאַר־גלאָצטע אויגן געלאָזט הערן זיין בעטנדיקע שטים:

— הייליקער פאָטער, די מלחמה דויערט שוין ווייפל יאָר. מענטשן ווערן געפייניקט, געמאָרדעט, לעבן אין נויט און פחד. די ייִדן ווערן מאַסנווייז דערמאָרדעט. די וואָס לעבן זענען פאַר־שפּאַרט אין געטאָס, פאַרצוימטע מיט שטעכל־דראָטן. יחידים פון זיי געלינגט צו אַנטלויפן, זוכן רעטונג ביי אונדזערע טירן. איך האָב ביי קיינעם נישט געפרעגט, געעפנט פאַר זיי די טיר, דער־לאַנגט זיי הילף. אויב איך האָב דערמיט געזינדיקט, בעט איך דער הייליקער פאָטער זאָל מיר מוחל זיין...

דער גלח איז שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטער. ביידע האָבן אַ ווײַלע אין שטילשווייגן זיך אָנגעקוקט. דער גלח האָט צום קניִענדיקן אַראָפּגערעדט:

— יעדער מענטש וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט איז אַ נויט־

באַדערפטיקער, דאַרף מען אים דערלאַנגען הילף, אַפילו אַ ייִד, נאָר טאָן דאַרף מען פאָרזיכטיק, זיך אַליין נישט שטעלן אין סכנה. דו גלויביקער, גאָטס־געטרייער קאַטאָליק, האָסט דערמיט נישט גע־זינדיקט, זאָל דיר גאָט באַצאָלן פאַר דיין מענטשלעכער גוטס־קייט — אָמען!

אויפן זעלבן אָרט, אין דער זעלבער פּאָזע האָט זיך עוגעניוש מתוודה געווען:

— הייליקער פאָטער, מיר פּאָליאַקן האָבן אַלע געמיינט, אַז אונדזער לאַנד איז שוין סוף־סוף פּטור געוואָרן פון אַלע ייִדן, קריכן זיי אַרויס ווי אויפגעשטאַנענע פון די קברים. איך האָב אַזעלכע געפאַנגען, זיי איבערגעגעבן צו די דייטשן. איך אַליין מיט מיינע הענט האָב זיי אויך צוריקגעשיקט אין קבר אַריין. איז עס אַ זינד, זאָל דער הייליקער פאָטער מיר מוחל זיין...

— ייִדן ווערן דורך די דייטשן געמאָרדעט, מיר פּאָליאַקן זענען איצט מאַכטלאָז, קענען די דייטשן אין דעם נישט שטערן. מיר דאַרפן אָבער די דייטשן נישט העלפן. גאָט האָט אויף די ייִדן גע־שיקט אַ שטראָף, אָבער מיר דאַרפן צו דעם נישט צולייגן קיין האַנט. אויב פילסט זיך שולדיק מיט דעם וואָס האָסט געטאָן, בעט גאָט, ער זאָל דיר מוחל זיין... אָמען!

ביידע זענען פון גלח אַרויס צופרידענע, מיט גאָט אין האַרצן. איינער — גאָט וועט אים באַלוינען פאַר זיינע גוטע מעשים. דער צווייטער — גאָט וועט אים מוחל זיין פאַר זיינע שלעכטע מעשים. ביידע זענען געבליבן ווי געווען, נאָענטע חברים אין לעבן, און ווייט מיט זייערע מעשים...

*

די מלחמה געשעענישן האָבן זיך אַ רוק געטאָן פאָרויס, די האַרמאַטן־אויפרייסן, די לופט־אַלאַרמען, האָבן זיך צוריקגעקערט אויף דער פוילישער ערד. די געשלאָגענע דייטשן זענען געלאָפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, צוריק אויף מערב. עס זענען שוין

נישט געוועזן קיין ייִדן, וואָס זאָלן הנאה האָבן פון דער נאַצישער מפּלה. די פּוילישע איינוווינער האָבן אויפגענומען די אַנטוויקלונג־גען מיט איינגעהאַלטנקייט: צופרידן געווען פון דייטשלאַנדס מפּלה און מורא געהאַט פאַרן סאָוועטישן אַנקום. זייער ווילן צו האָבן אַ פרייַ, נאַציאָנאַל פּוילן, האָט נאָך אויסגעזען ווי אַ ווייטער חלום.

ביי טאַדעושן אין שטוב האָט מען קיין מלחמה־נויט נישט געפילט. פון די אָפטע רייזעס קיין וואַרשע, צי פון אַנדערע ערטער האָט ער אין שטוב געבראַכט זאַכן וואָס אין פרידנסצייט האָט ער אויף דעם זיך נישט געקענט דערלויבן. פראַנקאַ האָט נישט געוווּסט דאָס צו אונטערשיידן, אָבער יאַנינאַ האָט דאָס קיין פרייד נישט פאַרשאַפט, מורא געהאַט פרעגן: „פון וואַנען?"...

ווען די ייִדן האָבן נאָך געלעבט, האָט טאַדעוש ביי די געטאָ־דראָטן געפירט מיט זיי אַ האַנדל. אים האָט מען דורך די דראָטן אַריבערגעגעבן ווערטפולע זאַכן, מלבושים, פינגערלעך, זייגערלעך, און ער האָט די ייִדן געצאָלט מיט געלט אָדער מיט שפּייז־פּראָדוקטן. פאַר יאַנינאַן און זיין ווייב האָט טאַדעוש אָנגעפילט אַ שאַנק מיט קליידער, מאַנטלען, קורצע, לאַנגע, לייכטע, וואַרעמע.

ווען די געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן, האָבן קריסטלעכע שכנים אין די נעכט דורך אונטערגעגראָבענע לעכער געשלעפּט פון די פאַרלאָזטע שטובן פעק מיט ייִדישן האָב־און־גוטס. יאַנינאַ האָט פון איר טאַטן געוווּסט אַז די אַלע זאַכן זענען פאַרקויפט געוואָרן אויס נויט, און נישט געראַבעט, דערפאַר מעג זי זיי טראָגן מיט אַ רויִק געוויסן. יאַנינאַ האָט וועגן דעם אַ סך גערעדט מיט פראַנקאַן. אויך פאַר איר האָט זי זיך געוואָלט באַרעכטיקן. פראַנקאַ האָט אויסגעהערט און געשוויגן... און אָפט האָט זי איר רעטערין געזאָגט:

— וואָס וואָלט איך אין מיין איצטיקער לאַגע געטאָן אָן דיר יאַנינאַ? ביסט אַ מלאך... איין שטיק האַרץ...

יאַנינאַ פלעגט שמייכלען:

— ווייסט דאָך, אַז מיין טאַטוש רופט מיך „שמיעטאַנקאָוואַ דושאַ“. ער לאַכט אויס מיין ווייך האַרץ...

✶

ס'איז געווען אַ זוניק־שיינער, מאַיאָווער טאָג, דער מלחמה־שטורעם איז נאָר וואָס אַריבער צוזאַמען מיט די שניי־זאַוויערוכעס. די ערד איז באַדעקט געוואָרן מיט גרינס, מיט בלי̇עכץ. דער ריח פון גראָזן, פון צעבליטעביימער, פון פריש צעעפנטע קנאָספּן האָט ווי אָפּגעווישט דעם אַשיקן שטויב פון נאָך די מלחמה־שריפות. ס'איז פונקט אויסגעפאַלן אין דעם טאָג, ווען איבער דער וועלט איז זיך צעגאַנגען די בשורה פון סוף־קריג. יאַנינאַ איז געקומען פון גאַס און מיטגעבראַכט די פרייד פון מענטשן, די פרייד פון דער אויפגעלעבטער נאַטור. אין פוילן איז שוין שטיל געווען, אָבער אַנדערע פעלקער האָבן נאָך געבלוטיקט, געקעמפט קעגן דער נאַצישער חיה־רעה און זי באַקעמפט.

יאַנינאַ האָט געוואָלט אויך פראַנקאַן זען מיט דער זעלבער פרייד ווי אירע, ווי אַנדערע. נאָר פראַנקאַ איז געווען ערנסט, מיט פאַרטראַכטע אויגן, די אַלע איבערלעבענישן, איר פאַריתומטקייט האָבן זי דערפירט צו אַ שיידוועג. זי האָט געדאַרפט באַשטימען, אויף וועלכן וועג זי דאַרף זיך פאַרנעמען. יאַנינאַ האָט געוואָלט זי איבערצייגן צו בלייבן ביי איר מיטן ביז איצטיקן נאָמען, נישט איבעררייסן מיט דער סביבה, וווּ זי איז שוין פאַרהיימישט, נישט אויסטאָן פון זיך דאָס קייטעלע וואָס האָט געהיט איר לעבן... פראַנקאַ האָט אַנדערש געטראַכט. ווען זי האָט יאַנינאַן דערציילט וועגן אירע יסורים וואָס זי לעבט איבער טראַכטנדיק, אַז זי וועט דאַרפן זיך פון איר שיידן, האָבן די טרערן זי געשטיקט, פאַרהאַקט דאָס לשון.

יאַנינאַ, כאָטש מיט ווייטיק אין האַרץ, האָט פראַנקאַן פאַרשטאַנען, זי האָט פאַרגעפילט, אַז עס וועט צו דעם דערגיין. פראַנקאַן וועט צי̇ען צו איר פאָלק.

דער טאָג איז געקומען. די שיידונג פֿון דער גוטער משפּחה. יאַנינאַ האָט געוואָלט פֿראַנקאַן מיטגעבן פֿון אירע קליידער, ווייל אַ מיידל אין אירע יאָרן טאָר זיך נישט אַרויסלאָזן אין וועג מיט ליידיקע הענט, אין דעם קליידל וואָס זי טראָגט אויף זיך. מ׳עט מיינען, זי איז פֿון ערגעץ אַנטלאָפֿן, אָדער פֿאַריאָגט געוואָרן. יאַנינאַ האָט זיך געעַרגערט וואָס פֿראַנקאַ האָט פֿון דעם זיך אויס־געלאַכט. זי האָט יאַנינאַן געהאַלדזט און געקושט:

— טייערע, האָסט דיין האַרץ מיר געשענקט, דיין ליבשאַפֿט מיר אונטערגעטראָגן. איך האָב שטאַרק אין דעם זיך געניייטיקט. וואָס איז דען אַ קליידל אַנטקעגן דעם, וואָס דו און דיין משפּחה האָבן פֿאַר מיר געטאָן. דיין שטים וועל איך געדענקען, ווי אַ מענטשלעך קול אין מידבר...

*

ס׳זענען אַריבער חדשים. פֿראַנקאַ איז ווי פֿאַרלוירן געגאַנגען. מ׳האָט פֿון איר גאָרנישט געהערט. יאַנינאַ האָט זיך געוווּנדערט און געהאָפֿט... אין אַ טאָג האָט דער בריוונטרעגער איר דערלאַנגט אַ בריוו פֿון „פּאַלעסטינאַ". אין בריוו — פֿראַנקאַס צעשמייכלט בילד; אין קורצע כאַקי־הייזלעך, אויפֿן קאָפּ אַ שפּיציק טעמבעל־היטעלע, טונקל אָפּגעברענט, אַ גראָבאייזן איבערן אַקסל. אויף דער צווייטער זייט בילד איז געווען צוגעשריבן: „דאָס איז די זעלבע, אַ מאָל אומעטיקע, איבערגעשראָקענע, פֿאַרזאָרגטע פֿראַנקאַ, וואָס אַ דאַנק דיר, גוטער מענטש, לעב איך"...

יאַנינאַ האָט געשלונגען די ווערטער, ווי פֿראַנקאַ האָט באַ־שריבן איר שווערן וועג איבער ים און יבשה, ביז זי איז אָנגעקו־מען קיין פּאַלעסטינאַ, אַריין אין אַ קיבוץ. פֿאַרנעמט זיך מיט ערד־אַרבעט. אַ גערירטע האָט יאַנינאַ עטלעכע מאָל איבערגעלייענט, אַז פֿראַנקאַ, וואַרט אויף דעם טאָג ווען זי וועט קענען יאַנינאַן פֿאַרבעטן צו זיך, ווייזן איר לעבן און דאָס לעבן פֿון ייִדן אויף זייער אייגענער ערד.

יאָרן האָבן זיך אָנגעזאַמלט. אין משך פון דער צייט האָבן ביידע אַמאָליקע שול־חברטעס, יעדע אין איר היים, אויפגעשטעלט משפחות, געוואָרן מאַמעס פון קינדער, פון אייניקלעך. בריוו זע־נען געגאַנגען, מתּנות האָט מען זיך געשיקט. ישׂראלדיקע מאַראַנצן זענען געווען אַן אָפּטער מאכל פון יאַנינאַס קינדער, און יאַנינאַס אויסגעשטריקטע זאַכן האָבן פראַדלס קינדער געוואַרעמט אין ווינ־טערטעג.

אין חודש מיי, פונקט ווען ס'איז אויסגעקומען דער אָנדענק־טאָג פון זייער צעשיידן זיך אין פוילן, האָט פראַדעלע אָפּגעוואַרט אויף לודער פּליפּעלד איר אַמאָליקע שול־חברטע און רעטערין פון איר לעבן — יאַנינאַ...

פון איר לאַנגן באַזוך אין ישׂראל, איז יאַנינאַ צוריקגעפאָרן מיט אַ סך גוטע איינדרוקן. דאָס באַקענען זיך מיטן לאַנד, דאָס פריידיקע פאַרברענגען מיט פראַנקאָס משפּחה, איז געבליבן פאַר איר אומפאַרגעסלעך. זי האָט געזען אַ פאַרגיטיקונג פאַר אַלע פראַנקאָסליידן און פאַר זיך — אַ געפיל פון שטאָלץ פאַר איר חלק אין פראַנקאָס דערגיין צום דאַזיקן שטאַנד. זי, יאַנינאַ, איז דער־קלערט געוואָרן ווי איינע פון די אויסגעווייילטע חסידי אומות העולם. אויף איר נאָמען אזז געפלאַנצט געוואָרן אַ בוים אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. אַ פאַרגיטיקונג פאַר איר מענטשלעך האַרץ...

אין פאַרמעסט מיטן גורל

ווי אַלע יאָר אין די הייסע זומערטעג האָט אויך אין דעם יאָר פון 1939 די משפחה רוזשיצקי פאַרברענגט די וואַקאַציעס אויף דער פרייער לופט, הנאה געהאַט פון דער דאָרפישער אידיליע, וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן אינעם שטאָטישן האַרמידער, אין דער אָפענער ייִדן־שינאה, וואָס האָט דערפירט צו אַנטי־ייִדישע אָנפאַלן, און די אויף ווענט געצייכנטע קאַריקאַטורן. צוריק אַהיים זענען זיי געפאָרן אויסגערוטע, פון זון און לופט אָפּגעברענטע. די שטימונג אַ מונטערע. דער רוב ייִדישע שכנים פון הויז האָבן נאָך נישט געהאַט זיך אומגעקערט פון די וואַקאַציעס, איז שטיל געווען אויף די טרעפּ. האָט די פערצן־יאָריקע מאַשעלע אָן שטערונגען געהויבן אירע יונגע פיסלעך, געשפּרונגען אויף צו צוויי שטיגן מיט איין מאָל, בכדי פריִער ווי אַלע אָנצוקומען צו דער טיר. שטענדיק איז אויף די טרעפּ געווען אַ גערודער פון קליינוואַרג. איצט איז שטיל געווען, און קיינער האָט מאַשעלען נישט געשטערט. בלויז די מוטער האָט זיך ביי איר געבעטן:

— מאַשעלע לויף נישט אַזוי.

מאַשעלע איז אָבער שוין געווען ביי דער טיר און מיט פאַרוווּנדערונג אויסגעשריגן:

— מאַמעשי, די טיר שטייט אָפן!

די מוטער איז נישט סתּם דערשראָקן געוואָרן. איר איילעניש איבער די טרעפּ האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון עפּעס אַ באַזונדערן פּחד. די שטוב איז געווען פאַרזיכערט, נאָר פּאָר אַזעלכע נישט געבעטענע לייט וואָס האָבן באַזוכט די וווינונג, איז שוין אין יענע טעג קיין ייִד נישט געווען פאַרזיכערט. קיין סימן פון גניבה

האָט מען נישט געפונען, נאָר מיט שאָדנס איז די שטוב פול געווען: פלוגבלעטלעך מיט האַקנקרייצן, מיט פּאָגראָם־דראָונגען. אַלע ביל־דער פון די ווענט זענען געלעגן אויף דער ערד, דורכגעלעכערטע, באַשמירטע מיט רויטע פאַרב און מיט צושריפטן: „אַזאַ סוף וואַרט אויף אַלע ייִדן"...

מאַשעס פאָטער האָט וועגן פאַרפאַל געמאָלדן דער פּאָליציי. דאָרטן האָט מען אים דערקלערט, אַז אין זייער שטאָט אָזאָרקאָוו, בןשעווען כוליגאַנעס. האָט מען אים געראָטן אויסנוצן אַלע מעג־לעכקייטן און פאַרלאָזן פּוילן, ווייניקסטנס פאַרלאָזן די שטאָט.

צו פערצן יאָר האָט מאַשאַ רוזשיצקאַ שוין דערפילט דעם בי־טערן טעם פון היטלערס אָנפאַל אויף פּוילן. צווישן די ערשטע קרבנות אין שטאָט איז געווען איר עלטערע שוועסטער און זי אַליין, אַ שווער פאַרוווּנדעטע, איז צוריקגעקומען צום באַוווּסטזיין אין שטאָטישן שפּיטאָל. עטלעכע קאָפּ־אָפּעראַציעס האָבן מאַשאָן געראַטעוועט דאָס לעבן. זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אַז אָנ־געזאַפּטע מיט לייד. די פרייד פון איר אָפּגעראַטעוועט לעבן האָבן די שטוביקע געטראָגן אין זיך צוזאַמען מיט דעם טרויער נאָך איר דערהרגעטער עלטערער שוועסטער.

מאַשאַ האָט געהערט דערציילן וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. דייטשן שלאָגן, הרגענען ייִדישע איינוווינער. איז עס פאַר דעם יונגן מיידל שווער געווען צו פאַרשטיין: אין שפּיטאָל האָט אַ דייטשישער כירורג זי געהיילט, זיך באַצויגן מענטשלעך, וויסנדיק אַז זי איז אַ ייִדישע. און דאָ אין שטוב, אין גאַס איז ייִדיש לעבן הפקר.

מאַשאַס פאָטער האָט פאַר זיין משפּחה געזוכט אַ רעטונג אין דער שכנותדיקער שטאָט ראַדאָמסק, ווו ייִדן האָבן געלעבט אין לייכטערע באַדינגונגען. אַ באַקאַנטער דאָקטער האָט מאַשאָן גע־לערנט ווי אַזוי זיך אומגיין מיט כירורגיש־קראַנקע. די שטוב־קורסן ביים פּוילישן דאָקטער האָט מאַשאַ גענומען זייער ערנסט. זי האָט זיך אויסגעלערנט אָנגיין פאַר אַ קראַנקן־שוועסטער. שוין

מיט „אַרישע" פּאַפּירן איז זי אַריין אַרבעטן אין דער כירורגישער אָפּטיילונג.

אין אירע ביידע מאַגיסטראַט־פּאַפּירן איז מאַשאַ געוואָרן מאַ־רילאַ. ווי אַ פֿרישע אָנגעקומענע איז זי שטאַרק אָבסערווירט גע־וואָרן דורך די פּוילישע קראַנקן־שוועסטער. פֿון היגטער אַ פּאָר־האַנג האָט זי נאָכגעקוקט און אונטערגעהערט זייער שושקעריי וועגן אירע נאָך נישט געניטע קענטענישן ביים באַדינען קראַנקע, וועגן דער ספּעציעלער באַציִונג פֿון דאָקטער צו איר. עפּעס האָט זי פֿאַר זיי אויסגעזען נישט ווי קיין „אייגענע". מאַרילאַ האָט זיך געפֿילט באַדראָט, זי האָט געוווּסט אַז דורכן אַרבעטס־אַמט קען מען זיך פֿרייוויליק פֿאַרשרייבן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט, איז זי מיט דער הסכּמה פֿון אירע עלטערן געגאַנגען זיך מעלדן.

די באַאַמטין איז נישט איינגעפֿאַלן אַז עס שטייט פֿאַר איר אַ יידישקע — אַ טונקל־בלאָנד שלאַנק מיידל, מיט אַ פֿיקטיוון נאָ־מען. דאָס אויסזען, דאָס פֿרייע לשון, דער שמייכל אויפֿן פּנים, האָט נישט געלאָזן פֿאַלן דעם מינדסטן חשד אויף איר „רוימיש־קאַטוילישער" אָנגעהעריקייט. זי האָט אויסגעפֿילט מאַרילאַס בקשה. די באַאַמטין האָט מאַרילאַן צוגעפּירט צו אַ דייטשישער מאַפּע, געבעטן איר אויסוויילן די שטאָט, וווּ זי וויל פֿאַרפֿאָרן. מאַרילאַ האָט זיך געמאַכט זוכן, אָנגעשטעלט דעם פֿינגער אויף דער שטאָט קאַסעל.

אין דעם גרויסן זאַמלפּונקט אין פּראַגע, צווישן מאַסן פּוי־לישע מיידלעך האָט זיך מאַרילאַ פֿאַרהיימישט מיט אַ גרופּע מייד־לעך, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. ווער זיי זענען האָט מאַ־רילאַ נישט געוווּסט. פֿערצן זענען זיי געווען. זייערע שטרויזעק — צונויפֿגערוקט, געשטעלט זיך צוזאַמען ביים טיילן עסן. אַ נישט־אָפּגערעדטער צונויפֿבונד, אָן אַרויסברענגען וועגן דעם אַ וואָרט.

מיט דער גרופּע האָט זיך אויך פֿאַרהיימישט אַ מיידל מיטן נאָמען לילקאַ. זי איז געווען אַ דרייסטע, פֿריילעכע, באַטייליקט זיך אין אַלע שמועסן. זי איז געווען די איינציקע צווישן דער

גרופּע, וואָס האָט אָפּט דערמאָנט איר „ייִדישן אָפּשטאַם" מיט באַ־דויער און מיט אַ זיפץ, וואָס האָט אויסגעדריקט ווייטיק. זי האָט זיך באַטייליקט אין די אויסגעהיטענע שמועסן צווישן די מיידלעך. לילקאַ האָט געקענט מאַכן שטימונג אַריינצופירן אין אינטימע געשפּרעכן, אַרויסרופן רייד, וועקן צו זיך צוטרוי, אַזוי איז זי דער־גאַנגען צו דעם וואָס זי האָט געצילט.

אין אַ טאָג פאַרן אָפּפאָרן קיין דייטשלאַנד איז די גרופּע מייד־לעך אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט לילקאַן. יעדע איז באַזונדער געוואָרן געפּאָרשט לויט דער רשימה וואָס לילקאַ האָט אָנגעגעבן. יעדע איז באַזונדער אַרויס פון דער אויספאָרשונג מיט איר נאָך נישט אַרויסגעטראָגענעם אורטייל. די גרופּע איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי באַזונדערע צימערן. דאָס האָט באַדייט צוויי באַזונדערע אורטיילן.

אין דעם צימער פון די צען מיידלעך האָבן אַלע שטום זיך אָנגעקוקט, יעדע איינע האָט געוואָלט אויף די פּנימער פון די אַנ־דערע אַרויסלייענען איר אייגענעם גורל.

די לעצטע צום אויספאָרשער איז אַריין מאַרילאַ. צוויי מענער האָבן זי אויפגענומען מיט שפּיזיק דורכנעמענדיקע בליקן. איינער, אין אַ גרינעם מיליטערישן מונדיר, דער צווייטער, אין אַ שוואַרצן עס־עס־מונדיר, וואָס האָט אויף פּויליש איר אָנגעוויזן אַ שטול צום זיצן. און גלייך האָט די ערשטע פראַגע אויסגעזען ווי אַן אויספּרוּוו פון איר גלייכגעוויכט:

— ווו האָסטו זיך, ייִדישקע, אַזוי גוט אויסגעלערנט זיך מאַס־קירן פאַר אַ פּוילישער קריסטין?

— הער אָפיציר, איך בין געבוירן אַ קאַטוילישע, וועל מיין גאַנץ לעבן אַזאַ פאַרבלייבן. איך דאַרף זיך נישט מאַסקירן.

— אפשר אין פּוילן וואָלסטו געקענט פאַר אַזאַ אָנגיין, אָבער נישט אין דייטשלאַנד.

— איך וויל קיינעם נישט נאַרן מיט מיין גלויבן.

— אַזוי זאָגסטו, צייג מיר דיין דאָקומענט.

מאַרילאַ האָט אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש איר פּוילישע מעטריקע, די פּאַפּירן פֿון אַרבעטס־אַמט. דער איבערזעצער האָט קאָנטראָלירט און אָנגענומען מאַרילאַס פּאַפּירן ווי ראַיעלע, נאָר דער אויספֿאָר־שער האָט נאָך אָנגעהאַלטן זיין שאַרפֿן טאָן, געטרייסלט די מעט־ריקע:

— נישט נאָר פֿאַלשע דייטשישע „קענקאַרטן", אויך פּוילישע פֿאַלשע געבורטס־שיינען האָבן יודן באַוויזן זיך צו פֿאַרשאַפֿן. מיר ווייסן פֿון דעם שווינדל!

מאַרילאַ האָט זיך געוואָנדן צום איבערזעצער מיט אַ פֿאַר־חידושט פּנים:

— ווי גאָט איז מיר ליב, ס'טוט מיר וויי וואָס איך דאַרף זיך פֿאַרטיידיקן קעגן אַזאַ חרפּהדיקן חשד אויף מיר...

— דיין האַרץ ציטערט נישט ביים זאָגן אַזאַ פֿרעכן ליגן?!

— יעזוס־מאַריאַ, נישט גענוג, מ'האָט מיך פֿון דער היים אַוועק־גענומען דאַרף איך נאָך באַווייזן, אַז איך בין אַ קאַטוילישע טאָכ־טער?

— צום טייוול! פֿאַרסט ווי אַ פּרייוויליקע, אַזוי איז געשריבן אין דיינע פּאַפּירן!

— הער אָפֿיציר, מ'האָט מיך פֿאַרכאַפּט אויף דער גאַס, איך האָב זיך געבעטן לאָזן מיך גיין אַהיים, איך זאָל קאָנען מיטנעמען עפּעס פֿון מיינע זאַכן, האָט מען פֿון מיר געלאַכט, ווי גאָט איז מיר ליב...

— די איז דום — האָבןביידע זיך איבערגעקוקט מיט אַ געלעכטערל...

דער אויספֿאָרשער האָט מאַרילאַן צוריקגעגעבן די מעטריקע, געהייסן דעם זעלנער זי אַריינפֿירן צו די דריי.

מיט מאַרילאַן האָט זיך געענדיקט די אויספֿאָרשונג. ווען זי האָט דערנאָך אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, האָט זי דערזען אַ גראָען פּאַס האָר אויפֿן קאָפּ...

פֿון די פּערזן מיידלעך זענען צען, לויט לילקאַס מסירה, דער־

שאָסן געוואָרן. דריי איז געלונגען, ווי מאַרילאַן, זיך אַרויסראַטע־ווען פון טויט, און לילקאַ איז ווייטער געבליבן זוכן יִדישע קרבנות...

אויפן וועג קיין דייטשלאַנד האָט מאַרילאַ אַרויסגעקוקט דורכן וואַגאָן־פענצטער און גערופן די מיידלעך אין וואַגאָן אָנקוקן די פּאַר די אויגן דורכשוועבנדיקע לאַנדשאַפטן. זי האָט גיך זיך פאַר־היימישט מיט די מיטפאָרנדיקע. קיינער פון זיי האָט נישט געוווּסט, און נישט געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַן אַרבעט עס וועט איר אויס־פאַלן אין פרעמדן לאַנד. בלויז מאַרילאַ האָט געוווּסט אָנצוגעבן איר באַרוף — קראַנקן־שוועסטער. אין אַ שכנותדיקן וואַגאָן איז אַ מיידל אָוועקגעפאַלן אין חלשות, האָט מען זי גערופן צו דער פאַרחלשטער.

— וואָס איז דיר געווען? פאַר וואָס ביסטו אָוועקגעפאַלן?

דאָס מיידל האָט זיך דערמאָנט די שווער איבערגעלעבטע מינוטן ביים פענצטער, ווי זי האָט געזען די שפּרינגענדיקע יִינג־לעך פון די וואַגאָנען, צו וועלכע די מיליטערישע וואַך פון די באַן־טרעפלעך האָבן געשאָסן. פון שרעק, אַז צווישן די שפּרינגענדיקע געפינט זיך איר ברודער, איז זי געפאַלן אין חלשות. ווען די באַן איז אָנגעקומען אין דייטשלאַנד האָט טאַקע איר ברודער געפעלט...

*

אין קאַסעל איז מאַרילאַ אָנגעקומען אין אַ פרויען־לאַגער, אַ ניי אויפגעשטעלטער, אַ טייל פנימער שוין געזעענע אויף סקאַראַ־שעווסקי 4, אין פּראַגע. די אַנדערע — פרישע פנימער, אַלץ יונג, רירעוודיק, אויסגעזען נישט פאַרזאָרגט, אַפילו צופרידענע, ווי נאָך אַן עקסקורסיע. וואָס האָט די מיידלעך געבראַכט צו אַזאַ גוטער שטימונג?

מאַרילאַ האָט זיי אָבסערווירט, זיך געוווּנדערט. וויסן זיי, די מיידלעך, וואָס פאַר אַ לעבן די דייטשן האָבן פאַר זיי געפּלאַנט?

װעלן די פּריידיקע געלעכטערס דאָ לאַנג אָנהאַלטן? ניין, צו דעם איז זייער פאַרשטאַנד נישט דערגאַנגען. דאָס האָט אָבער גוט פאַרשטאַנען מאַרילאַ און איר נייע באַקאַנטע, יוזעפאַ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער אויפזעערין אין באַראַק. אָ, די נאַרישע לייכטזיניקע מיידלעך! האָבן ביידע באַדויערט.

יוזעפאַ, די געוועזענע גימנאַזיסטקע, וואָס האָט נאָך דער מיטלשול געוואָלט גיין לערנען פאַר אַ קראַנקן־שוועסטער, האָט זיך גיך איינגעלעבט מיט מאַרילאַן. זי האָט געשעצט מאַרילאַס אַרבעט אין לאַגער־שפּיטאָל. מאַרילאַ האָט אויך אין יוזעפאַן געזען אַ גוטע באַציִונג צו די מיידלעך, ספּעציעל צו איר. ביים אָפּהיטן די אָרדענונג אין באַראַק האָט יוזעפאַ גערעדט מיט אַ מילדער שפּראַך, ווי אַ לערערין צו תּלמידים. ביידע זענען געשלאָפן אויף די אייבערשטע בעטן פון דער זעלבער שורה. איידער זיי זענען איינגעשלאָפן האָבן זיי געפירט לאַנגע שמועסן. זיך דערמאָנט קינדעריאָרן, שול־יאָרן, דערפאַלגן ביי יינגלעך...

איין מאָל זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט מיינונגסאונטערשיידן. ס'איז געגאַנגען וועגן יאַנקאַ און סטאַשאַ וואָס ביידע האָבן סימפּאַטיזירט איין קאַוואַליר. ער האָט שיין געטאַנצט, שטענדיק מיטגעבראַנגט עפּעס גוטעס מיט זיך. האָט יעדע פון די צוויי געוואָלט מער נושא־חן זיין ביי אים. די קריגערייען צווישן די ביידע מיידלעך האָבן געשטערט די רו אין באַראַק. ס'פלעגט אויך דערגיין צו רייסן זיך ביי די האָר. מאַרילאַ און יוזעפאַ האָבן געדאַרפט די צעקריגטע מיידלעך איינשטילן. מאַרילאַ האָט געזאָגט, אַז דער בחור דאַרף באַשטימען, מיט וועלכע ער וויל אָנהאַלטן חברשאַפט, ווייל פאַר דער צווייטער פעלן נישט אויס קיין יינגלעך.

יוזעפאַ האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַנדערש: דאָס מיידל וואָס קען זיך באַווייזן מיט אַ שענער אויסזען, מיט מער פעיִקייטן צו געווינען סימפּאַטיע, אַזאַ איז פון יינגל מער געשעצט, מער געליבט.

מאַרילאַס און יוזעפאַס קעגנגעזעצלעכע מיינונגען האָבן נאָך שאַרפער געמאַכט די שינאה צווישן יאַנקאַ און סטאַשיאַ. ביז אַ

צוגעקומענער קאַוואַליר האָט צעטיילט זייער געזעלשאַפט אויף צוויי העלפטן. און די ראָמאַנטישע קריגערייען האָבן זיך פאַרענ־דיקט מיט אַ באַנייטער אידיליע... פון דעם אויסגאַנג האָט זיך מאַרילאַ געפילט די גערעכטע, און יוזעפאַ — די נישט גענוג פאַר־שטאַנענע. אין באַראַק האָט מען געהערט פאַלן רייד מיט לויב פאַר מאַרילאַן, אַז מ'האָט גלייך געדאַרפט הערן איר מיינונג, וואָלט נישט דערגאַנגען צו די מיאוסע סצענעס.

— זעט זיך אויס אַז דו, מאַרילאַ, האָסט מער דערפאַרונג מיט יינגלעך, ווי איך. אַזאַ אייגדרוק ווילסטו מאַכן — האָט יוזעפאַ מיט אַ ציניש טאָן זיך אָנגערופן.

מאַרילאַ האָט נישט געוואָלט פאַרשאַרפן זייערע באַציִונגען און האָט מילד אָפּגעענטפערט:

— יוזעפאַ, ביסט גענוג שיין און פעיִק צו האָבן אייגענע דער־פאָלגן, און נישט מקנא זיין אַ צווייטע.

יוזעפאַ האָט ליב געהאַט ניצן שטעכווערטלעך:

— מאַרילאַ, טייל מאָל ווען איך הער דיך רעדן, טראַכט איך אַז דו טראָגסט אויף זיך אַ יידישן קאָפּ...

מאַרילאַ איז אויפגעשפרונגען, אַריינגעשריגן יוזעפאַן אין פּנים:

— און דו פאַרמאָגסט אין זיך אַ יידישע חוצפה אַזוי צו רעדן!

מאַרילאַ האָט געוואָלט פאַרמיידן אַ ריס צווישן ביידן. האָט זי זיך פון יוזעפאַן אָפּגערוקט, בכדי דער אינצידענט זאָל גיך פאַר־געסן ווערן. נאָר יוזעפאַ איז נישט געווען פון די נאָכגיביקע. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון וויטערדיקער היימישקייט, אָבער אין זיך איז ביי איר פאַרבליבן אַ פאַרדראָסיק קינאה געפיל צו מאַרילאַן. זי איז פריילעך, מאַרילאַ, האָט דערפאָלג ביי די מיידלעך און איז שיין, רעדט קלוג, זינגט פריילעכע לידלעך, מאַכט די יינג־לעך משוגע. זיי קריכן פון הויט צו באַקומען פון מאַרילאַן אַ שמייכל, אַ קוועטש מיט אַן אויג, און זי, יוזעפאַ, קען עס אַפילו נישט נאָכמאַכן, זיצט ווי אַ זייטיקע...

ס'איז אָנגעקומען דער פון דער גאַנצער וואָך אויסגעקוקטער

זונטיק, ווען מ׳קען זיך אויסשלאָפן, וואַשן די קלענערע שטיקלעך וועש, גיין אויף אַ זאַבאַווע... אויך צוגרייטן זיך עפּעס אַ מאכל וואָס מ׳פלעגט עסן אין שטוב.

יוזעפאַ האָט שטאַרק ליב געהאַט געפּרעגלטע עסנס. אין דייטש־לאַנד האָט זי זיך געמוזט באַנוגענען מיט עטלעכע קאַרטאָפל, אַ פּאָר ציבעלעס, מיט אַ ביסעלע אייל, וואָס זי האָט זיך פאַרשאַפט אין געהיים ביים קוכער, וואָס האָט געוואָלט נאָענט זיין מיט איר. זי האָט פאַרבעטן מאַרילאַן זי זאָל איר העלפן גרייטן דעם מאכל. מאַרילאַ האָט עס גערן אָנגענומען, געזען אין דעם יוזעפאַס ווילן זיין מיט איר אין חברשאַפט. אויך אַ זייטיקער ביסן ביים קנאַפּן לאַגער־עסן איז אויך עפּעס ווערט. יוזעפאַ האָט געשיילט די קאַר־טאָפל און מאַרילאַ האָט געדאַרפט די ערשטע זאַכן גרייט מאַכן צום פּרעגלען אין וואַשרוים, ווו מ׳האָט געקענט אַ פייער אָנצינדן און נישט רייצן אַלעמענס אויגן און דאַרפן ענטפערן, פון וואַנען מען האָט די פּראָדוקטן. עטלעכע מיידלעך זענען געווען פאַרנומען ביים וואַשן, יוזעפאַ און מאַרילאַ זענען געווען פאַרטאָן ביים גרייט מאַכן זייער „נאַש". פּלוצעם האָט יוזעפאַ אויסגערופן:

— מאַרילאַ, אַזוי ווי דו שניידסט די ציבל אין דער לענג, ביסטו אין מיינע אויגן אַ טיפּאָווע זשידוווקאַ...

מאַרילאַ האָט אַ שליידער געטאָן דאָס מעסער מיט דער ציבעלע:

— חזירשער קאָפּ! דו האָסט מיך געבעטן דיר העלפן, זאָלסטו מיך באַליידיקן?! דאָס קען נאָר אַזאַ געמיין שטיק, ווי דו! און זיי נישט מיין קאָלעזשאַנקע...

מאַרילאַ האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער בעט. צי האָט יוזעפאַ באַדויערט איר נישט באַרעכנטן אַרויסזאָג, האָט מאַרילאַ נישט געוווּסט, נאָר אַ געשפּאַנטקייט האָט עס אין איר אַרויסגע־רופן. פאַרזיכטיקער, ווי זי איז, האָט זי נישט געקענט זיין. אין באַראַק האָט מען געמערקט די אָנגעשטרענגטע באַציִונג צווישן ביידע. די מיידלעך האָבן געוואָלט דערגיין די סיבה דערפון.

מאַרילאַ האָט זיך נישט געמאַכט וויסן. יוזעפּאַ איז שטילער גע־וואָרן מיט איר צעלאָזט מויל.

אויף אַ זונטיקדיקע פאַרווײַלונג האָט מאַרילאַ באַקענט אַ בחור, וואָס האָט זיך אויסגעטײַלט פון אַלע קאַוואַלירן אירע מיט זײַן פײַנער באַנעמונג. ער האָט נישט געניצט די ביליקע, שאַבלאָנע קאָמפּלימענטן, מיט וואָס די ייִנגלעך האָבן געוואָלט אימפּאָנירן. נישט בלויז זײַן פאַרבעטן מאַרילאַן צום טאַנץ האָט אויסגעזען פײַנער, קולטורעלער, נאָר אויך זײַן פאָרשטעלן זיך מיטן נאָמען, ראָמאַן, האָט אויף מאַרילאַן געלאָזט אַ שיינעם אײַנדרוק. דערפאַר האָט זי מיט אים דעם אָוונט אָממײנסטן פאַרבראַכט. די דאָזיקע קאָנטשאַפט איז פאַר ביידע געוואָרן אַן אָנהייב פון אָפטע צוזאַ־מענטרעפן און אַ דויערנדיקער פרײַנדשאַפט.

אין דער נאַכט-שטילקייט, אויף איר געלעגער, האָט מאַרילאַ זיך אויסגעמאָלן אַלע פרטים פון פאַרברענגען מיט איר נײַעם באַ־קאַנטן. זי האָט געוואָלט פאַרשטיין וואָס האָט זי אַזוי באַאײַנ־דרוקט, אַז זי זאָל ליגן און טראַכטן וועגן אים. קודם זײַן אויסזען: שלאַנק, דאָס פּנים סאָליד, אָן די שפּיציק פאַרדרייטע, אָדער פּיר־קאַנטיק אויסגעשניצטע וואָנצעלעך. אַ שמייכל, אָן עכטער, נישט קיין אָנגעשטעלטער, ווי בײַ די אַנדערע בחורים. בײַ אַ סענטימענ־טאַלן טאַנגאָ האָט ער איר אַרײַנגעסודעט אין אויער: „געדענק, מאַרילאַ, מײַן נאָמען ראָמאַן וועלן מיר אומבייטן אויף ראָמאַנס״...

מאַרילאַ האָט אין דעם מאַן געזען, נישט נאָר צײַטפאַרטרײַב און פאַרווײַלונג, נאָר אויך אַ גוטן אָנשפּאַר, אַ שוץ אַנטקעגן די דראָענדיקע געפאַרן: די מעלדונגען און איבערמעלדונגען, די אָפטע פּאָליציייִשע קאָנטראָלן אין די פּאַפּירן, און ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעצויגענע ייִדישקעס מיט פאַלשע דאָקומענטן... די אָפטע רעדערײַען אין לאַגער וועגן אַזעלכע געשעענישן האָבן מאַרילאַן קיין רו נישט געגעבן. זי וואָלט פון דעם אָרט אַנטלאָפן, אָבער ווּ זאָל זי לויפן, ווען אַלע וועגן זענען פאַרצוימט. און נאָר דער וועג צו איר נײַעם באַקאַנטן איז געשטאַנען פאַר איר אָפן...

אַ העלער זונטיק־טאָג. אַ קיל האַרבסטיק וועטער. אָנגעיאָגטע ווינטן האָבן געשאָקלט די ביימער ביים ראַנד פֿון די וועגן, גע־פּליקט פֿון די צווייגן די פּאַרגעלטע בלעטלעך, זיי צעטראָגן צו די נאַקעטע פֿעלדער, צו די דערנעבנדיקע שטאָטישע הייזער, ווּ זיי זענען געפֿאַלן אויף די טראָטואַרן צו די פֿיס פֿון די דורכגייער.

מאַרילאַ און איר באַקאַנטער האָבן בעתן שפּאַציר אויסגעמיטן די שטאָט. ס'האָט זיי נישט געצויגן אַהין ווּ די דייטשישע איינ־וווינער האָבן נישט גערן געזען גיין אויפֿן זעלבן טראָטואַר די פֿרעמדע מיט זייערע אָפּצייכנס, אָנגעהעריקע צו פֿעלקער וואָס דייטשלאַנד האָט קעגן זיי געקעמפֿט און באַזיגט. ס'איז געווען אַ קעגנזייטיקער ווידערווילן, וואָס די דייטשן האָבן עס אָפֿן געגעבן צו דערקענען.

דער שמייכל אויף מאַרילאַס פּנים האָט נאָך לאַנג אָנגעהאַלטן קוקנדיק אויפֿן ליליאַ בלימעלע, וואָס ראָמאַן האָט איר אַזוי שיין דערלאַנגט. זי האָט דאָס בלימעלע אָנגעשפּילעט אויף איר בלוזקע און אויסגעדריקט איר פֿרייד:

— אַלץ פֿאַר די אויגן וועלקט, די ביימער שטייען נאַקעטע, די פֿעלדער, די גראָזן — פּאַרגעלטע, דער זומער האָט מיט זיך מיטגענומען דעם פֿרישן ריח פֿון דער נאַטור, נאָר דאָס בלימעלע שמעקט מיט אויפֿגאַנג און בלי...

צי איז עס סתּם געווען אויס דאַנקבאַרקייט פֿאַר אים אַ קאָמפּ־לימענט, אָדער מיינט זי עפּעס ערנסטעס מיט דעם שיינעם זאָג, דאָס האָט ראָמאַנען געמאַכט נייגעריק:

— איך וואָלט זיך ווינטשן, פֿריילין מאַרילאַ, אונדזער קאָנט־שאַפֿט זאָל אַזוי בליִען ווי דאָס בלימעלע האָט אין גאָרטן געבליט.

מאַרילאַ איז נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפֿער:

— ביי אַ גוטן גערטנער בליִען שיין די בלומען...

— ווּ האָט איר, מאַרילאַ, געלערנט אַזוי שיין זיך אויסדריקן?

— דער בעסטער לערער איז דאָס לעבן.

ראָמאַן האָט מילד זיך אומגעקוקט אויף מאַרילאַן:

— איר זענט דאָך נאָך אַזוי יונג און שוין באַוויזן אַזוי פיל צו לערנען.

— דער שׂכל לערנט מער ווי יאָרן.

— יאָ, איך זע עס, פרײַלין מאַרילאַ...

ראָמאַן וואָלט נאָך ווײַטער געצויגן דעם שמועס. אים האָט נישט אויסגעפעלט קיין רייד, נאָר מאַרילאַ האָט מורא באַקומען, דער שמועס זאָל זי פאַרפלאָנטערן אין רייד פון פערזענלעכן כאַראַקטער.

אַז ראָמאַן האָט דאָס פאַרשטאַנען, האָט מאַרילאַ דערקענט אין זײַן איבערגיין רעדן וועגן זיך, וועגן נישט פאַרענדיקטע אוניווער־סיטעט־שטודיומס, וועגן זײַן פאַרשלעפּט ווערן פון וואַרשע קיין דײַטשלאַנד, אַלץ מלחמה־פּאַסירונגען וואָס וועלן זיך ענדיקן צו־זאַמען מיטן קריג. אַז דער טאָג וועט קומען, אין דעם איז ער געווען זיכער.

די זון האָט געענדערט צום הימלראַנד. טשאַטעס פייגל האָבן געצויגן צו זייערע נעסטן. אָנגעיאָגטע כמאַרעס האָבן דעם הימל באַדעקט מיט גראָע פאַרבן. ראָמאַן האָט זיך געווייצלט. דער שמועס צווישן זיי, האָט ער געזאָגט, פון אויפגעשטעלטן קאָלנער אַרויס, איז ווײַט נישט פאַרענדיקט. דאַרפן זיי זיך ווידער באַגעגענען אויפן זעלבן אָרט אין דער זעלבער צײַט. מאַרילאַ האָט אָנגענומען די אײַנלאַדונג. ער האָט זי באַגלייט ביז צום לאַגער־טויער, אָפּ־גערעדט די צײַט פון דער קומענדיקער באַגעגעניש.

נאָך יעדן מאָל זיך צונויפטרעפן מיט ראָמאַנען זענען איר אויפ־געקומען מאָדנע מחשבות: רעדט ער אויפריכטיק? האָט ער ער־לעכע כוונות? איז זי דאָך שוין געפּרווט געוואָרן מיט אַנטוישונגען אין מענטשן, מיט חשד, צווייפל. נאָר פאַר וואָס האָט זי צו ראָמאַ־נען גלייך באַקומען צוטרוי? דאָס האָט איר אויסגעזען מאָדנע וואָס נאָך יעדן מאָל זיך טרעפן מיט אים, איז דער גלויבן און צוטרוי צו אים שטאַרקער געוואָרן.

ווען מאַרילאַ האָט זיך אומגעקערט, האָט זי געפונען אויף איר בעט אַ צעטל, זי זאָל זיך מעלדן אין דער קאָמענדאַנטור. זי איז גלייך אַוועק, נאָר דאָס ביוראָ־צימער איז שוין געווען געשלאָסן. פאַר מאַרילאַן איז עס געווען באַקוועמער, זי וועט צייט האָבן דורך דער נאַכט זיך פאַרטראַכטן, איינלעבן זיך מיטן געדאַנק. אַזוי איז טאַקע געווען. אַ שטיק פון דער נאַכט איז זי געלעגן מיט מאַטערנ־דיקע מחשבות: וואָס זאָל עס באַדייטן? מסירה? חשד? צו וואָס דאַרפן זיי איר?

באַלד אויף צו מאָרגנס ווען דאָס ביוראָ־צימער האָט זיך גע־עפנט, איז שוין מאַרילאַ, אין איר ווייסן פאַרטעך, געזעסן אַנטקעגן אַן אומבאַקאַנטן מאַן וואָס האָט גלייך אָנגעהויבן מיט זיינע אַמט־לעכע פראַגעס: אָפּשטאַם, געבורטס־אָרט, באַרוף, איר באַשעפטי־קונג אין לאַגער. אויף די אַלע פראַגעס האָט מאַרילאַ געענטפערט גלאַטיק, אָן וועלכן ס׳איז סימן פון אומרו. נאָר ווען זי האָט גע־דאַרפט ענטפערן, פון ווען ס׳ציט זיך איר קאָנטשאַפט מיט ראָמאַ־נען, איז איר איבערן לייב אַדורך אַ ציטער, וואָס האָט נישט גע־טאָרט דערגיין צו איר פּנים.

מאַרילאַ האָט דערציילט דעם אמת, אַז זי קען דעם מאַן פון אַ פאַרוויילונג, ווו ביידע האָבן זיך צופעליק באַקענט. ער האָט איר אויסגעזען סימפּאַטיש, דערפאַר איז זי ממשיך מיט אים די קאָנט־שאַפט.

— ווייסטו, אַז דער ראָמאַן איז אַ פּאָליטיש פאַרדעכטיקטער?

— איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט פּאָליטיק.

— דער מאַן איז אונטער אָבסערוואַציע. וועט עס דיר נישט שטערן?

— ווען דער מאַן איז אויף דער פריי, בין איך אויך פריי מיט אים צו פאַרברענגען. דאָס לעבן אין לאַגער איז אומעטיק, ווילט זיך אומטוישן די שטימונג. מיט וועמען אויב נישט מיט אַ מאַן?

— האָסט רעכט, אָבער זיי פאָרזיכטיק, ער זאָל דיך נישט פאַר־פירן אין פּאָליטיק.

— דער מאַן קאָן מיך נאַר פאַרפירן אויף אַ פאַרווײַלונג צו אַ טאַנץ, עפּעס אַנדערש אינטערעסירט מיך נישט.

מאַרילאַ איז אַרײַן אין ביוראָ־צימער מיט אַ באַהאַלטענעם פּחד און אַרויס מיט אַ צעשמייכלט פּנים...

ראָמאַן האָט הנאה געהאַט אויסצוהערן מאַרילאַס אָפנהאַרציק דערציילן וועגן אים און זייער קאַנטשאַפט. ער האָט זי אויסגעפרעגט אַלע איינצלהייטן און געלאַכט. וואָס נאָך קענען זיי ביי אים גע־פינען מער ווי די בענקשאַפט צו זיינע נאָענטע?

גאַנץ אַנדערש האָט וועגן דעם געטראַכט מאַרילאַ. פאַר איר איז יעדער אַזאַ אויספרעג, יעדע איינלאַדונג אין די נאַצישע מלוכה־אַמטן געווען פול מיט שפּאַנונג, מיט אָנשטרענג איבערצוקומען בשלום. פּחד און חשד האָבן זי פאַרפאָלגט טאָג און נאַכט. דער טאָג איז פאַר מאַרילאַ געווען אַ סך לייכטער איבערצוקומען — די אַרבעט אַרום די קראַנקע, איר אָנטייל אין די אַדמיניסטראַטיווע שפּיטאָל־ענינים, דער קאָנטאַקט מיטן עפנטלעכן לעבן, האָבן איינ־געזאַמלט די שעהען פון טאָג. ערגער איז געווען מיט דער נאַכט: די מורא פאַר אַ „פאַרשלאָפן וואָרט" וואָס האָט שוין נישט איינע אַזאַ, ווי זי, דערפירט צום קבר. איר שליטה איבער זיך פאַרן איינ־שלאָפן האָט ביי מאַרילאַן די ליבהאָבערן פון נאָך אַ מינוט ליגן אויפן געלעגער אויסגעזען סכנותדיקער, בפרט ווען יוזעפאַ איז געשלאָפן אין שכנות פון איר און יעדן אַזאַ אויפגעכאַפּט וואָרט וואָלט זי צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער.

פאַר מאַרילאַן איז שוין נישט געווען קיין סוד, אַז אין איר באַראַק, צווישן די אַכצן מיידלעך, געפינען זיך נאָך דריי אין זעלבן מעמד ווי זי. ווי אַזוי איז זי דערגאַנגען דעם סוד? וועגן דעם האָט מאַרילאַ שוין נישט איין מאָל געטראַכט, דערמיט איז זי געווען אַנדערש פון די אַנדערע מיידלעך. זיי האָבן נישט געהאַט דעם חוש צו דערפילן דאָס אַנדערשקייט פון די דריי פּריש־אָנגעקומענע.

מאַרילאַ, שוין אַ דערפאַרענע, מיט אָבסערוואַציעס, מיט דורכ־געטראַכטע מחשבות ווי אַזוי זיך איינלעבן מיט דער פרעמדער

וועלט, האָט פאַר די נײַ־אָנגעקומענע דערקלערט די סכּנות וואָס שטייען פאַר זיי און ווי זיי דאַרפֿן זיך היטן סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט.

צווישן די אַלע סודות וואָס מאַרילאַ האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט, איז געווען דאָס לייענען אַ בריוו וואָס מאַרילאַ האָט צו זיך אַליין געשריבן. אַן אַ שריפטלעכן קאָנטאַקט האָט מען אויסגעזען ווי אַן אַ היים, אַן קרובים. און דאָס רופט אַרויס אַ חשד. ווען זיי זענען געוואָרן פיר, איז מאַרילאַס בריוו שוין נישט געווען אייגנהאַנטיק. געשריבן צו איר האָט איינע פון די פיר — אַנדערש אין שריפט, אַנדערש אין סטיל. צווישן די פיר איז אָנגעגאַנגען אַן אָפּטע, צו־געטראַכטע קאָרעספּאָנדענץ, און די בריוו זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, געוואָרן אַ טעמע פאַר לאַנגע געשפרעכן.

סטעפאַ, די טונקל בלאָנדע מיט אירע צוויי גרינע קעצישע אויגן, איז צווישן זיי געקרוינט געוואָרן ווי די בעסטע און טיכ־טיקסטע בריוו־שרייבערין. יעדער בריוו מיט אַן אַנדער אינהאַלט. אַלע האָבן הנאה געהאַט פון אירע איינפאַלן, וואָס פלעגן ביי די מיידלעך אַרויסרופן אַ שמייכל. אַ מאָל איז עס געווען ווי זי באַ־שרייבט אַ קאַוואַליר מיט זיינע נאַיִווע שטיקלעך ביים מאַכן זיך וויכטיק, אָדער אויסלאַכן זיינע דורכפאַלן ביים וועלן פאַרברענגען מיט איר. טעמעס האָט דער סטעפאַ נישט אויסגעפעלט. פון יעדער קלייניקייט וואָס אַנדערע האָבן אויף דעם זיך נישט אומגעקוקט, איז פאַר איר גענוג געווען אויסצופילן אַ בריוו, און אַלע זאָלן פון דעם רעדן און איר מקנא זיין.

סטעפאַ האָט צו מאַרילאַן געשריבן אַלץ „ליבעס"־בריוו פון אַ קאַוואַליר וואָס דערקלערט זיך איר אין ליבע, באַזינגט איר אויס־זען, איר רייצנדיקע פיגור, איר שמייכל, איר גאַנג אין ווייסן פאַר־טעך. בעט ער זי אָננעמען זיינע ליבשאַפט־געפילן, זי זאָל איבער־רייסן מיט אַנדערע, אין גאַנצן ווערן זיינע...

פאַרשטענדלעך אַז די בריוו האָבן ביי די מיידלעך אַרויסגע־רופן אַ גוטע שטימונג, געלעכטערס.

פאַר סטעפאַ זענען די קאָמפּלימענטן געווען אַן אַנרעג עפּעס צו זאָגן וועגן זיך. זי האָט מאַרילאַן דערציילט, אַז ערגעץ אין איר פּויליש היימשטעטל ליגט אין דער ערד באַגראָבן אירס אַ טאָגבוך, ביז ווען זי איז פון דער היים אַוועק מיט איר „אַרישן" דאָקומענט.

✶

מאַרילאָס פריִערדיקע לויזע קאָנטאַקטן מיט ראָמאַנען זענען געוואָרן ענגער, נענטער. אים האָט מער אינטערעסירט צו פאַר־ברענגען מיט מאַרילאַן וואָס עפּטער און לענגער. ער האָט אָנגע־הויבן זאָרגן מאַרילאַן צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן, מיטגעברענגט פאַר איר פון זיינע באַקומענע שפּייז־פּעקלעך פון דער היים. ער האָט געוווּסט אַז מאַרילאַ באַקומט קיין זאַך נישט. פאַר וואָס האָט ראָמאַן אויסגעמיטן צו פרעגן, נאָר פאַרשטאַנען האָט ער, אַז עס מוז דערצו זיין אַ סיבה. אַז ער האָט פון דעם געטראַכט, האָט מאַרילאַ דערקענט אין זיין געשענקט בייטשל קרעלן מיט דעם אָנ־הענגענדיקן „מאַריאַ"־מעדאַליאָנטשיק, זאָגנדיק ביים אָנטאָן עס איר אויפן האַלדז:

— דאָס וועט דיך אויסהיטן פון אַלע געפאַרן...

— וועלכע געפאַרן מיינסטו ?

— פעלן אין דייטשלאַנד געפאַרן: באָמבעס, נישט־דערעסן, שווערע אַרבעט.

מאַרילאַ האָט נאָר אויפגענומען אין ראָמאַנס רייד דעם קלוגן ענטפער. וואָס האָט ער אין דער אמתן געמיינט מיט דער מתנה, און מיט זיינע רייד, איז איר שווער געווען צו פאַרשטיין. אָבער איבעריק נאָכקלערעניש האָט דאָס אין איר נישט אַרויסגערופן. מיט דער מתנה האָט זי זיך געגרייסט פאַר אירע חברטעס.

✶

די שטאָט קאַסעל האָט די נאַכט איבערגעלעבט די שווערסטע באָמבאַרדירונגען זינט דעם אָנהייב קריג. גאַנצע גאַסן זענען צע־שטערט געוואָרן פון די הונדערטער עראָפּלאַנען וואָס האָבן אין

שפּעטן נאַכטאַנפאַלי אָנגעגריפן דעם גאַנצן רור־געביט, רייך מיט שווערער קריגס־ און קוילן־אינדוסטריע. דער פּרויען־לאַגער האָט אין דער צייט פון די באָמבאַרדירונגען זיך געטרייסלט, ווי בעת אַן ערדציטערניש. אַלע מיידלעך אין די בונקערס האָבן אויפן קול געבעטן „מאַריאַ״ זאָל זיי העלפן אין די שווערע מינוטן...

מאַרילאַ מיט אירע דריי חברטעס זענען געשטאַנען מיט אַרומ־גענומענע הענט, איינע די אַנדערע געשטאַרקט. „יעזוס מאַריאַ, זליטוי שיען״ (דערבאַרעם זיך) האָט מען געהערט אויסרופן מיט צעשראָקענע קולות די פיר אַרומגענומענע, אויך זיי האָבן געצי־טערט פאַר דעם אייגענעם לעבן און דערביי אין זינען געהאַט: פאַר אַלע חרוב געוואָרענע ייִדישע שטעט און שטעטלעך, פאַר אַלע ייִדישע טויטן, פילט אויף זיך, רוצחים, די האַנט פון נקמה!...

ראָמאַן איז אויף מאָרגן געקומען זיך דערוויסן וואָס איז מיט מאַרילאַן, ווי אַזוי האָט זי דורכגעלעבט די נאַכט. ווי אַ ניצול גע־וואָרענע פון אַן ערדציטערניש, איז מאַרילאַ נאָך געווען צעטראָגן, נישט אויפגעהערט דערציילן.

ראָמאַן האָט פאַר מאַרילאַן מיטגעבראַכט אַ טייל פונעם קוכן, וואָס ער האָט פון דער היים באַקומען. מאַרילאַס פרייד איז געווען גרויס:

— מיר האָבן נישט גענוג ברויט, און דו, ראָמאַן, לעבסט אין לוקסוס...

— נישט פאַר זיך אַליין — האָט ער צוגעגעבן.

מאַרילאַ האָט פון דער קיך געבראַכט אַ קריגל מיט וואַרעמע קאַווע. ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. מאַרילאַ האָט פאַרבעטן מיידלעך פון באַראַק, צעשניטן דעם שטיק קוכן לויט דער צאָל פאַרבעטענע צום לאַנגן נאַקעטן טיש, אויך יוזעפאַן, די אַלץ ברוגזע, האָט מאַרילאַ איינגעלאַדן. אַלע האָבן הנאה געהאַט פון מאַרילאַס זשעסט, אויך ראָמאַן איז שיין באַדאַנקט געוואָרן.

ראָמאַן האָט געהאַט אַ גרונט צו זיין אויפגעלעבט. געהיימע ידיעות זענען צו אים דערגאַנגען און אָנגעזאָגט אַ גיכן זיג איבער נאַצי־דייטשלאַנד. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן טאָג פון זיין

פאָרן אַהיים. ער וואָלט שטאַרק געוואָלט, אַז מאַרילאַ זאָל אויף אַט דעם וועג זיין מיט אים. צי וועט זי איינשטימען? זי זעט אים אויס, ווי זי וואָלט זיך אַרומטראָגן מיט אַ סוד אין האַרצן. נאָר ער האָט נישט ליב יענעם אין דער נשמה אַריינקריכן. ער האָט זי שוין עטלעכע מאָל דערפירט צו דער טעמע, און זי האָט שטענדיק געפונען קונציקע ריידעלעך זיך אַרויסצודרייען פון אַ קלאָרן ענטפער.

✶

די אַליִירטע אַרמייען האָבן פון דייטשלאַנד געשניטן שטיקער. די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט זיך ראַשיק דערנענטערט צום רור־געביט, אַריבער דעם רהיין. איבער דייטשישע שטעט האָבן ווייסע קאַפּיטולאַציע־פענער געפלאַטערט.

מאַרילאַ מיט אירע דריי חברטעס זענען געווען פון די ערשטע, וואָס זענען אַרויס באַגריסן זייערע באַפרייער. ווען די מינוטן פון ספּאָנטאַנער פרייד זענען אַריבער, האָבן זיי ערשט דערפילט דעם ווייטיק פון פאַריתומטער עלנטקייט...

דער טאָג פון ראַמאַנס גרייט זיין פאָרן אַהיים איז געקומען. זיין באַגאַזש איז געווען אַ קליין הילצערן קעסטעלע. נאָר אויס־ציִען די האַנט און זיך לאָזן אין וועג. נאָר דער נאָמען מאַרילאַ האָט אים נאָך געבונדן צום אָרט. ס'האָט אים געצויגן הערן איר לעצט וואָרט — אפשר, אפשר...

ער איז געקומען צו מאַרילאַן מיט אַ שיינעם בוקעט בלומען. אַלע מיידלעך האָבן אויסגעזען אַן אַ סימן פון גרייט זיין צו פאַר־לאָזן דאָס אָרט. נאָר אויף מאַרילאַן איז געווען צו דערקענען, אַז זי פאַרנעמט זיך אין וועג אַריין. ראַמאַנס אַריינקומען האָט זי אַ ביסל איבעררַאשט:

— איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, וועסט נישט אָוועקפאָרן אָן זיך געזעגענען.

— און איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז מיר וועלן נישט דאַרפן זיך געזעגענען...

מאַרילאַ מיט אַ מילדן בליק צו ראַמאַנען:

— ביסט צו קלוג מיך נישט צו פאַרשטיין.

— ווילסט דערמיט זאָגן, אַז דאָס איז אונדזער לעצטע באַ־געגעניש?

— אָבער נישט אונדזער לעצטער קאָנטאַקט...

— מיר איז שווער צו גלייבן, אַז איך זע דיך דאָס לעצטע מאָל.

מאַרילאַ איז געוואָרן ערנסט, איר שטים — געבראָכן:

— ראַמאַן, גוטער איידעלער מענטש, אונדזערע וועגן צעגייען זיך מיט געפילן פון קעגנזייטיקער ליבשאַפט. איך האָב געמוזט אין זיך אויסבאַהאַלטן דעם סוד, אַז איך בין אַ טאָכטער פון אַ ייִדישער מאַמע. איך וויל נישט מער הערן מיך רופן: „זשידוווקאַ, יודע, זשוויף". צו דעם פאָלק פון וועלכן איך שטאַם, וויל איך ווייטער אָנגעהערן מיט מיין ייִדישן נאָמען — מאַשאַ.

✶

מאַרילאַ — אַ פלאַטערנדיק מיידל, אָרעם אָנגעטאָן, מער וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן, האָט זי פון לאַגער נישט געהאַט מיט־צונעמען. אויסער איר הייס ייִדיש האַרץ, האָט די גאַנצע צייט פון איר געפאַנגענשאַפט פולסירט מיט בענקשאַפט צו איר שטאַם. איר חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. זי איז אָנגעקומען צווישן ייִדן וואָס האָבן, ווי זי, זוכה געווען צו דערלעבן דעם טאָג פון דער נאַצישער מפּלה.

מאַרילאַ האָט געוואָלט וואָס מער זיך דערווייטערן פון אירע ביז איצטיקע חברטעס, זיך אָפּזונדערן פון ראַמאַנען, פון איר לאַ־גער־סביבה. נאָר ראַמאַן האָט ביי איר געלאָזן אַ פלאָנטער פון געפילן — אומקלאָרע, פאַרנעפּלטע. זי האָט געוואָלט פון אים זיך דערווייטערן, פאַרגעסן, פאַרגעסן. דער דאָזיקער פלאָנטער פון גע־פילן האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן, ביז זי איז אַריין אין אַ סביבה פון אַנדערע מענטשן — נייע פּנימער, אַ געמיש פון לשונות, אָבער אַלע מיט איין ציל — דערגרייכן די ברעגעס פון ארץ־ישׂראל...

יאַשאַ — אַ הויכער, ווי אַן אויסגעוואַקסענער יונגער בוים, ווייט, ווייט פון זיין אַמאָליקן פויליש־יידישן שטעטעלע ליאַכאָווע. נאָענט איז אים געוואָרן מאַרילאַס שלאַנקע, פרוייִשע פיגור, אירע גלאַט פאַרקעמטע גלאַנציקע האָר, אַרומגענומען מיט אַ פאַרביקער סטענגע. פונקט אַזוי נאָענט אויך אירע ווערטלעך און אַרויסגע־זאָגטע געדאַנקען.

אין אַ גאָרטן אויף אַ באַנק זיצן זיי ביידע, יאַשאַ און מאַרילאַ. ער האַלט זיין האַנט אויף איר אַקסל און טרוימט אויס אויפן קול זייער צוקונפט אין ארץ־ישראל. מאַרילאַ — אַ ביסל פאַרטראַכט וועגן זייער ביידנס צופעליקער באַקאַנטשאַפט און גיך געוואָרענער נאָענטקייט, וואָס זי האָט אָנגענומען ווי אַן אויסדרוק פון עכטע, אויפריכטיקע געפילן. פון איר רייסט זיך אָפּט אַרויס אַ טיפער קרעכץ, וואָס דערמאָנט טאַטע־מאַמע, די פאַרלוירענע היים, נאָ־ענטע קרובים. און ווי וועלן ביידע זיך איינאָרדענען דאָרטן, אין זוניקן לאַנד ?

מאַרילאַן האָבן באַנג געטאָן די זכרונות וועגן ראָמאַנען. אָבער געפילט האָט זי, אַז ער שווימט פון איר אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער... און זי קומט צוריק צו יאַשאַן — — —

✶

און אָט זיצן שוין ביידע אויף אַ שיף ווי לעגאַלע חלוצים. די שיף האָט געשניטן דעם ים און דערנענטערט זיי צום ציל. ביידע שטייען זיי אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה אויפן דעק פון שיף. פון דער ווייטן מיניען זיך פייערלעך — אַ סימן פון דער יבשה. עס בלייבט בלויז צו וואַרטן אויפן אָנקום פון טאָג.

און דער טאָג איז געקומען. און זיי זענען אַראָפּ אויפן ברעג. מענטשן זענען אַרויס פון די כּלים, האָבן זיך אַרומגעכאַפּט קושן. אין אַרומיקן טומל האָט הילכיק אויפגעקלונגען דער קוש, וואָס מאַרילאַ האָט געגעבן יאַשאַן. פריידגעשרייען האָבן געשוועבט אין דער לופט און איבער זיי אַלע — דאָס וואָרט „חיפה".

אינהאַלט

9 סטאַשיאַ, איינע פון די אַנוסים
108 אַ רוף צו לעבן
151 דורך אַש און רויך
183 צווישן חלום און וואָר
204 אַ מענטשלעך קול אין מידבר
227 אין פאַרמעסט מיטן גורל

ביכער פון זעלבן מחבר

אַ טאָג אין טרעבלינקע — בועגאָס איירעס, 1948

אין שאָטן פון טרעבלינקע — תל־אביב, 1957

אין אַ פרעמדער הויט — פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1961

טעג אָן ליכט — פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1963
(פרעמירט מיט דער דיאַנאַ בלומענפעלד־ליטעראַטור־פרעמיע, ניו־יאָרק)

אינעם פוילישן דזשונגל — פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1977
(פרעמירט מיט דער ד״ר מ. דוואָרזשעצקי־פרעמיע ביים יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל)

דער מידבר פאַרשווינדט — ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב, 1982

ביים אויסגעברענטן שייטער — ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב, 1985

אַנוסים אין דער נאַצי־תקופה — ה. לייוויק־פאַרלאַג, ת״א, 1988